STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 00712

# POYLN

## Yehiel Yeshaia Trunk

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Abraham L. Halpern, M.D.*
*in memory of*
*Rose Wenger*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. טרונק

# פוילן

זכרונות און בילדער

י. י. טרונק

# פוילן

## זכרונות און בילדער

פערט בוך

## די פריוועסעס

פארלאג „אונזער צייט"
ניו־יארק, 1949

J. J. TRUNK

# POILN

BOOK FOUR

Copyright 1949
by
FARLAG UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
175 E. Broadway, New York 2, N. Y.

Printed in U. S. A.

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
New York City
166

# אינהאַלט


זייט

**קאַפּיטל איינס**

די קאַלישער רביצין פאָרט קיין וואַרשע צו ברענגען פאַר מיר אַ כלה — — — — — — — — 11

**קאַפּיטל צוויי**

דער ליבּ פון די חסידישע גבירים — — — — — — 15

**קאַפּיטל דריי**

דער גרויסער חשבון פון ר' ישעיה פּריוועס — — 21

**קאַפּיטל פיר**

משהל פּריוועס אין אומגענאַד ביי ר' ישעיהן — — — 29

**קאַפּיטל פינף**

הינטער יעדער טיר פאַרלויפן די יאָרן — — — — — — 35

**קאַפּיטל זעקס**

בלימטשע — — — — — — 41

**קאַפּיטל זיבן**

חנהלע און מנחם — — — — 47

**קאַפּיטל אַכט**

אַ כלה פאַר מיר אין דער טאַש פון דער קאַלישער רביצין — 53

**קאַפּיטל ניין**

מרדכי יוסף אַרבעס אויפן לאַדזשער וואַקזאַל — — — — 60

זייט

**קאַפּיטל צען**

ר' ישעיה פּריוועס שטאַרבט און זיין מלכות גייט ווייטער אָן אויפן גענשער בית-עלמין — 67

**קאַפּיטל עלף**

מע וואַרט ביז חנהלע וועט אונטערוואַקסן — — — — — — — — 73

**קאַפּיטל צוועלף**

חנהלע איז אויסגעוואַקסן און מיר פאָרן קיין וואַרשע אויף תנאים — — — — — — — — 79

**קאַפּיטל דרייצן**

די ערשטע טויבן פון די פּריוועסעס — — — — — — — — 85

**קאַפּיטל פערצן**

די באָבע בלימעלע קומט אויף מיין חתונה — — — — — 93

**קאַפּיטל פופצן**

דער צוג דערווייטערט זיך אויף די שינעס און איך בלייב צווישן פרעמדע מענטשן — 101

**קאַפּיטל זעכצן**

אַלעקסאַנדרער חסידים אין וואַרשע — — — — — — — — — 105

**קאַפּיטל זיבעצן**

איטשל ריטקער שפּאַלט אַלע חודש דעם ים — — — — — — 109

זייט


קאַפּיטל אַכצן
אין דער וועלט פון אילוזיעס 115

קאַפּיטל ניינצן
לייבקע זאַקאַן — — — — — 119

קאַפּיטל צוואַנציק
שבת, אַ חסידישער אָרעמאַן — 125

קאַפּיטל איין און צוואַנציק
מען וויל זיך ניט געזעגענען
מיט דער מלכה־שבת — — 131

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק
געבעט צו די מוזעס — — — 139

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק
שמואל לייב פּריוועס איז אַ גו־
טער און אַ צוגעלאָזענער — 145

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק
מענדל פּריוועס דאַוונט ביים
ספרים־אַלמער — — — — 151

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק
אברהם פּריוועס דאַוונט ביים
פענצטער — — — — — 157

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק
די השגחה פון ר׳ שלמהלע
דעם מלמד — — — — — 165

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק
איטשע אַבראַמאָוויטש — — 169

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק
אַ פּוילישער פּאַניטש — — 177

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק
אויף די מאַקאַטאווער געיעג־
פעלדער — — — — — 183

קאַפּיטל דרייסיק
ר׳ ישעיה פּריוועסעס בן־זקו־
נימל — — — — — — 191


זייט


קאַפּיטל איין און דרייסיק
ר׳ ישעיה פּריוועסעס בת־יחיד־
קע — — — — — — — — 201

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק
ר׳ ישעיה פּריוועס פּאָרט מיט
אַ קאַטש אויף די נאַלעווקעס 207

קאַפּיטל דריי און דרייסיק
ברחל בתך הקטנה — — — 215

קאַפּיטל פיר און דרייסיק
נחת פון הערשעלען — — — 223

קאַפּיטל פינף און דרייסיק
ד״ר מאַקסימיליאַן הערץ — 229

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק
דער זיידע ברוך האַלט ביים
שטאַרבן — — — — — — 235

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק
איך וויל זען מיינס אַ וואָרט
געדרוקט — — — — — — 243

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק
קאָנסערוואַטיוו און ליבעראַל 253

קאַפּיטל ניין און דרייסיק
נחום סאָקאָלאָוו אין גער — — 261

קאַפּיטל פערציק
דער פעטער יאָסל — — — 269

קאַפּיטל איין און פערציק
די הומלישע טאָכטער „השכלה
ודעת״ — — — — — — 277

קאַפּיטל צוויי און פערציק
דער פעטער יאָסל טוט בסדר
דעם רבונו של עולם אויף
טערקיש — — — — — — 283

קאַפּיטל דריי און פערציק
מאיר דוד — — — — — — 293

# קאַפּיטל איינס

די קאַלישער רביצין פּאָרט קיין וואַרשע צו ברענ־
גען פאַר מיר אַ כלה. אַן אויסטריקעניש ביי די פרי־
וועסעס. עס מוז זיין און עס וועט זיין.

צו שאַפן פאַר מיר אַ כלה פון די באַרימטע וואַרשעווער פּריוועסעס האָט שוין פון לאַנג־אַן געהערט צו די עקשנותדיקע אַמביציעס פון מיין מיוחסדיקער מומע שפרה מירל די א״ג קאַלישער רביצין. פאַרוואָס מיר האָבן נישט באַלד אָנגעקלאַפּט ביי די דאָזיקע גאָלדענע טירן פון דער גבירישסטער פּויליש־יידישער משפחה און אַלץ געזוכט זיך משדך צו זיין בלויז מיט זייערע מחותנים, האָט געהאַט צוויי סיבות: ערשטנס, האָט זיך די שדכנים עפּעס נישט צוגעגלויבט אַז פאַר די פּריוועסעס וועט אָנשטיין די גאָר פּראָסטע משפחה פון זיידע ברוך גזשיוואַטש. בייזע צינגער האָבן זיך באַמיט דעם זיידן ברוכס משפחה און זיינע התנהגותן אויסצולייגן אויף אַלע טעלערלעך און צעטראָגן עס איבער גאַנץ פּוילן. די פּריוועסעס זאָלן זיך אַראָפּלאָזן צו שניידערס און צו שוסטערס און צו גאָר פּראָסטע דאָרפישע ישובניקעס? אַפילו די פּיפּיקסטע שדכנים האָבן דאָ אַ מאָך געטאָן מיט די הענט און זיך אויסגעשמייכלט וועגן אַזאַ געוואַגטן געדאַנק. צווייטנס: גראָד ווען איך האָב באַדאַרפט צו ווערן אַ חתן זיינען ביי די פּריוועסעס נישט געווען קיין טעכטער אין מיין עלטער. ביים בעסטן ווילן קאָן מען דאָך פאַר מיר פון דאָרטן נישט באַשאַפן קיין כלה פון דער לופטן.

די קאַלישער רביצין אָבער, טאָמער האָבן זיך צעשפּילט אירע אַמ־ביציעס וועגן קוטנער יחוס און זי האָט זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ, — האָט זי זיך נישט גערעכנט מיט קיין שום רעאַלע באַדינגונגען. אַפילו נישט מיט דעם פאַל אַז ביי די פּריוועסעס איז בכלל איצט נישטאָ קיין מיידלעך פאַר מיר. עס מוז זיין און עס וועט זיין. די וועלט מוז וויסן וואָס עס הייסט אַזינס די קאַלישער רביצין.

## קאַפּיטל צוויי

דער לייב פון די חסידישע גבירים. קאַמף וועגן ר׳ ישעיה פּריוועסעס חסד. אַראָפּגעפּאַלן פון דער גאָלדענער שופלע. ניין, דער אינסטינקט איז נישט קיין לעמעלע. אלעזר פּריוועס שוימט אַראָפּ די סמע־טענע. ס׳איז גוט זיך צו האַלטן ביי אלעזרס פּאָלעס.

דער לייב פון די חסידישע גבירים אין פוילן, ר׳ ישעיה פריוועס אין ווארשע, האָט געהאַט זעקס זין און איין טאָכטער. איידער איך נעם מיך צו באַשרייבן אָט־די זיבן הייזער פון די „פריוועסעס" — וואָס איעדער פון זיי איז געווען אַ באַזונדערע חסידיש־גבירישע „וועלט מיט וועלטלעך" — וועל איך קודם־כל רעדן פון איינעם פון זיינע זין, משהל פריוועס מיטן נאָמען. אָט דער משהל פריוועס האָט באַזונדערס געשפּילט אַ ראָל אין מיין שפּעטערן לעבן.

אינעם אייביקן קאַמף צווישן די זין וועגן דעם חסד פון ר׳ ישעיה פריוועס איז משהל געווען דער סאַמע הינטערשטעליקסטער. דער „הויף־קאַמף" צווישן די פריוועסעס האָט זיך געפירט נישט בלויז דאַן ווען זיי זיינען געהאַט אויסגעוואַקסן און איטלעכער פון זיי האָט געהאַט זיין הויז־געזינט און זיין קאַמאַריליע, — אַ קאַמאַריליע פון אַלערליי טעלער־לעקער, שדכנים, מקורבים און לאַפּיטוטן — ניין, אויך אין דער קינדער־שטוב, איידער זיי האָבן גאָר אַפילו חתונה־געהאַט, האָט צווישן די גבירישע פריוועס־קינדער נישט געהערשט קיין גרויסע ליבשאַפט. כסדר איז צווישן זיי אַנגעגאַנגען אַ געוועט־געיעג וועגן די גענאַדן פון שטרענגן און אַנגעכמורעטן פאָטער. ר׳ ישעיה האָט זיינע קינדער נישט לייכט פאַר־גונען צו זיין די זין פון ר׳ ישעיה פריוועס און אים איז שווער געווען צו ליידן נאָך „פריוועסעס" לעבן זיך. ער האָט זיך נישט געוואָלט טיילן מיטן כבוד. אויב שוין יאָ — לאָז עס זיי כאָטש אָנקומען מיט גרינע ווערעם און מיט בלוט־צאַפּעניש.

אין דעם דאָזיקן ביטערן געיעג צווישן די יונגע פריוועס־לייבעלעך אַרום דעם גרויסן אַנגעכמורעטן לייב איז משהל פריוועס געבליבן גאָר פון

הינטן. ער איז נים געווען אַזוי פּיפּק צו טאָן דעם שפּרונג אין דער רעכטער צייט. ער איז געווען סיי אַ ביסל טעמפּ און סיי אַ ביסל אומגע־לומפּערט. און אַ שטיקל כבד־פּה. די ברידער האָבן באַוויזן אים אַרויס־צושטופּן פון דער ריי. דער פאָטער וואָס איז געווען איינגעוויגט און איינ־געחנפהט אי פון זיינע זין און אי פון זיין גאַנצער סביבה אַלס אַ „מיטל־פּונקט" פון דער וועלט — האָט נישט געזען משהלעס אָרגאַנישע חסרונות און אַז ער, משהל הייסט עס, וויל אַלצדינג ביטער „מיטמאַכן". נאָר ער קאָן נעבעך נישט. ר' ישעיה פּריוועס האָט בלויז געזען ווי זיין כבוד און זיין עגאָטישע מאַכט ווערט געמינערט ביי דעם דאָזיקן הינטערשטעליקן זון. ר' ישעיה האָט נישט געוואוסט פון קיין קונצן ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין שייכות זיין חשיבות־געפיל. ער האָט געוואוסט ווי אָפּצוצאָלן. אָפּגע־צאָלט האָט ער ווי אַן אמתער „פאָטער־פאַמיליאַס", ווי אַ „פאָטער" פון דער מענטשלעכער „אור־סטאָדע" וועלכן זיגמונד פרויד האָט אַזוי וואונ־דערלעך באַשריבן. ווי עס זעט אויס, בלייבט די מענטשלעכע טבע אַ סטאַ־בילע נישט געקוקט אויף די וואַנדלונגען פון די צייטן און די לעבנס־אופנים.

ר' ישעיה פּריוועס האָט משהלען כסדר געוויזן אַז ער איז דער אַראָפּגעפּאַלענער פון דער גאָלדענער לאָפּעטע פון די פּריוועסעס, דאָס „אַש־ברעטל" צווישן די „ברידער". אין משהלען האָט עס נאָך מער געשטאַרקט דאָס געפיל פון אומגעלומפּערטקייט און אומבאַהאָלפנקייט, און ער האָט כמעט ווי רעזיגנירט מיטצולויפן אין וועט־געיעג צווישן די ברידער. אָבער עס איז געווען ווייניק וואָס משהל איז שוואַכער גע־וואָרן אין קאַמף־לוסטיקייט. אין יעדער הינטערשטעליקייט אין וועט־געיעג לגבי זיין חסד האָט ר' ישעיה פּריוועס געזען אַ מינערונג פון זיין חשיבות. משהל האָט דערמיט נאָר אַרויסגערופן מער פאַרביטערטקייט פון דעם פּריוועסישן פאָטער־פאַמיליאַס.

שוואַכע אין לעבן האָבן אויך זייער אינסטינקט ווי אַזוי זיך צו האַלטן אויף דער אויבערפלאַך. מיר זיינען געוואוינט צו רעדן פון די אויסגע־רעכנטע כיטרעקייטן פונעם שכל. אָ, דער אינסטינקט איז גאָרנישט קיין לעמעשקע און ער האָט אויך זיינע באַהאַלטענע וועגן און חשבונות, און ער פירט אַרויס דעם אומגעלומפּערטסטן און אומבאַהאָלפנסטן אויף עפּעס אַ וועג.

געזען אַז אין קאַמף צווישן די ברידער וועט ער גאָרנישט מאַכן, האָט זיך משהל געגעבן אַן אַנדער עצה. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שטעלן אין דינסט ביי דעם סאַמע שטאַרקסטן און האַפּערדיקסטן צווישן די קעמפנ־דיקע ברידער: דער ברודער וועלכער האָט געוואוסט ווי אַזוי אַראָפּצו־נעמען כמעט די גאַנצע סמעטענע פון ר׳ ישעיהס חסדים, און מען האָט באַשיימפּערלעך געזען אַז ער זיצט אויפן פּערדל ביי ר׳ ישעיה פּריוועסן און הויבט אָן צו ווערן עפּעס אַזוינס ווי ר׳ ישעיהס „ליבלינג״. דער דאָזיקער ברודער — אלעזר מיטן נאָמען — וואָס האָט זיך געגרייט צו טראָגן דאָס „זיידענע העמדל״ פון די פּריוועסעס, האָט אויסגענוצט דאָס, וואָס משהל האָט זיך פּלוצעם געשטעלט הינטער זיינע פּלייצעס. ערשטנס האָט זיך די צוקונפטיקע „ערשטע האַנט״ פון די פּריוועסעס שוין גע־פילט וואויל מיט דעם וואָס זי האָט דערשפּירט נישט בלויז די פולע שפע פון ר׳ ישעיהס חסד, נייערט אויך דעם זיסן טעם פון מאַכט און הערשונג איבער אַ ברודער פון די פּריוועסעס. צווייטנס, אַט־אַ דער ברודער וואָס האָט אים, דעם ליבלינג, אויפגעהערט צו זיין אַ קאָנקורענט, סיידן גאָר אַן אונטערטעניקער מיטהעלפער, וועט אים גאָר לייכטער מאַכן דעם קאַמף מיט די איבעריקע ברידער, וואָס קיינער פון זיי האָט נישט גע־וואָלט רעזיגנירן פון דער בכורה — הגם מען האָט אָפן געזען אַז סוף־כל־סוף פאַרנעמט זיך די „בכורה״ אַריינצושוועבן אין די הענט פון אלעזרן.

אלעזר פּריוועס האָט גאָר אָנגעהויבן משהלען עפּעס אַזוינס ווי מקרב צו זיין. ער האָט אַפילו — ווען עס האָט אים פּערזענלעך נישט גע־שאַדט — געזאָגט אויפן אומבאַהאַלפענעם משהלען אַ „גוט וואָרט״ פאַרן פאָטער, און אים פון צייט צו צייט צוגעוואָרפן אַ „חסד־ביינדל״ פון ר׳ ישעיה פּריוועסעס געגנאָדן. ר׳ ישעיה פּריוועס איז אַפילו נישט געווען דער ייד וואָס לאָזט זיך אַזוי לייכט איינבייסן, און ער האָט אין משהלעס הינטערשטעליקייט בסדר געזען אַ מינערונג אין דעם געיעג וועגן זיין — ר׳ ישעיהס — חשיבות, פונדעסטוועגן האָט דאָ דער אינסטינקט געפירט משהלען אויפן ריכטיקן וועג. דער שטאַרקסטער פון די ברידער האָט דעם שוואַכסטן געגומען אין זיין שוץ, הגם מיט דער געגנוג בולטער אויס־רעכענונג צו פאַרגרעסערן דערמיט זיין אייגענע מאַכט און די שאַנסן ענד־גילטיק אַרויפצוקומען ביים פאָטער־פאַמיליאַס אויפן סאַמע אויבנאָן.

## קאַפּיטל דריי

דער גרויסער חשבון פון ר׳ ישעיה פּריוועס. די צמחס פון פּלאָנסק. דוד המלכס אייניקלעך — יידישע פּריצים אין פּוילן. יחוס־פּאַרמעטן אין אייזערנע שאַפּעס פון פּלאָנסקער „הויף״. צירעלע. דאָס מזל שפּילט־צו די טעכטער פון די פּלאָנסקער צמחס. צירעלע טאַנצט אַ מענועט. צו ר׳ ישעיה פּריוועסן אין שמאַלץ־גרוב. דער לאַבסערדאַק פון וואַרשע. צירעלע ביי די פּריוועסעס. אויפן גזשיבאָוו חלומט צירעלע פון סעדער און רויזן. אַ קליינינקייט אַזאַ יפת־תואר! צירעלעס קאַפּריזן. צירעלע פאָרט שפּאַצירן אין די לאַזשענקעס. דער קלאַוויר פליט אַראָפּ פון פענצטער לעיני כל ישראל.

דעם גרויסן חשבון פון חסד צו זיינע קינדער האָט ר׳ ישעיה פרי־וועס געוויזן ווען עס איז געקומען די צייט צו טאָן מיט זיי שידוכים. ער האָט דאָ תמיד געשאָסן צוויי האָזן מיטאַמאָל. אי געטאָן די שענסטע שידוכים מיט וועלכע פוילן זאָל קלינגען, און דערביי תמיד געוויזן אַז אַפילו די שענסטע מחותנים ווערן דערהויבן ווען ר׳ ישעיה פריוועס איז זיך מיט זיי משדך, — אי זיינע אייגענע קינדער אויסגעטיילט דעם פאַר־דינטן חסד.

מיט זיין „ליבלינג" אלעזרן האָט ער געטאָן מיט די צמחס פון פלאָנסק. אַ משפחה יידישע גוט־באַזיצער וואָס הגם אין פוילן האָט זייער גלאָק נישט אַזוי שטאַרק געקלונגען, אָבער זיי אַליין האָבן זיך געהאַלטן פאַר דער סאַמע סמעטענע שבעסמעטענע. אַפילו אויף די פריוועסעס — וויפל געוואָגטקייט — האָבן זיי געקוקט כמעט ווי פון אויבן אַראָפּ. זיי האָבן געהאָט יחוס־בריוו געשריבענע אויף פאַרמעט אַז זייער יחוס ציט זיך — בן אחר בן — ביז צו דוד המלך. אויפן וועג וואו עס איז נאָר געווען אַ גאון, סיי ביי די ספרדים, סיי ביי די אַשכנזים, איז ער געווען זייער זיידע. די צמחס האָבן נישט געוואָלט מען זאָל זיי גלויבן אויפן וואָרט, נייערט אויף דערויף האָבן זיי געהאָט שוואַרץ אויף ווייס אין אַלטע גע־שריבענע פאַרמעטן וועלכע אַלע קינדער ביי די צמחס, און אַפילו די טעכ־טער האָבן געקאָנט אויף אויסנווייניק ווי אשרי יושבי ביתך. מיט אַזאַ סטאַזש פון אַלטן קיניגלעכן יחוס און מיט אַ גרויס און שפעדיק גוט הינטער פלאָנסק איז זיך געווען וואָס איינצורעדן. קיין בעסערן שידוך פאַר אלעזרן האָט ר׳ ישעיה גאָרנישט געקאָנט טאָן. אַז די פלאָנסקער

צמחס האַלטן זיך גרעסער פון די פריוועסעס האָבן די שדכנים געוואוסט ווי אַזוי אויסצובאַהאַלטן אַז עס זאָל נישט דערגרייכן צו ר׳ ישעיהס אויערן. ר׳ ישעיה האָט נישט האַלט געהאַט אַזעלכע שטיק. ער וואָלט עס אויך נישט געגלויבט, אַז סע קאָן זיך עמיצער פון די יידישע גבירים אונטער־שטיין זיך צו האַלטן גרעסער פון אים, ר׳ ישעיה פריוועסן.

צירעלע, די טאָכטער פון די פלאָנסקער צמחס וואָס האָט געזאָלט ווערן אלעזרס כלה און אַריינברענגען אין הויז פון די פריוועסעס דעם גאַנצן יחוס וואָס איז געווען באַשריבן אין די פאַרמעטן אין פלאָנסק און דאָס קיניגלעכע בלוט פון דוד המלך, איז געווען אַ זעלטענע שיינקייט. ר׳ ישעיהס ווייב, די גבירטע שבעלע, כאָטש זי אַליין איז געווען אַ וויג־ציקע און אַ דריבנע, האָט געהאַט אַ טבע צו זוכן שיינע געוויקסיקע שנורן. צירעלע, פון די פלאָנסקער צמחס האָט אינגאַנצן, אַזוי צו זאָגן, אַנטשפּראָכן דעם אידעאַל פאַר דער אויבער־שנור פון ר׳ ישעיה פריוועס און פאַר אַ ווייב פון אלעזרן — אַזוי צו זאָגן — ר׳ ישעיהס „ליבלינג״. אַחוץ צירעלעס שטאָלצער פריצישער שיינקייט האָט מען ביי די צמחס אין פלאָנסק נישט פאַרגעסן אַז מען איז דוד המלכס אייניקלעך און מען האָט אַ גרויס גוט מיט קאַטשן און פערד. וואָס שייך די טעכטער האָט מען זיך גענומען פאַר אַ מוסטער די התנהגותן פון דער פוילישער שליאַכטע. פאַרט נישט קיין קלייניקייט, די פלאָנסקער צמחס, ווען דאָס מזל שפּילט זיי צו און די טעכטער קאָנען זיך אין שיינקייט און אין גראַציע גלייכן צו די טעכטער פון די גרעסטע פוילישע מאַגנאַטן! נישט געקוקט אויף דער גאַנצער יידישער פרומקייט וואָס האָט געהערשט אין פלאָנסקער „הויף״ האָט מען פאַר די טעכטער געהאַלטן גוואוערנאַנטקעס וועלכע האָבן זיי, די טעכטער, — שוין אין יענע אַלטע צייטן פון פעסטן יידישן שטייגער אין פוילן — געלערנט פראַנצויזיש און פאַרשיידענע אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, געלערנט שפּילן קלאַוויר און טאַנצן אַלערליי פריצישע טענץ. צירעלע האָט געקאָנט טאַנצן אַ מענועט און אַ קאַוואַט און אַ פּאָלאָנעז — הגם זי האָט די דאָזיקע טענץ מיט קיינעם נישט געטאַנצט אַחוץ מיט אירע שוועסטער. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט מען אָנגעצונדן וואַקסענע ליכט אין די אַלטע העסעס וואָס האָבן געהאָנגען אויף די ווענט ביי די צמחס אין דער סאַליע. די גוואוערנאַנטקע האָט געשפּילט אויף דעם קלאַוויר און צירעלע מיט די שוועסטער האָבן זיך באַוואויגן אין די

הויפישע פראַנצויזישע און פוילישע טענץ פונקט ווי ביי די פוילישע פריצים אויף די בעלער.

אין גאַנץ פוילן האָט מען מקנא געווען די פלאַנסקער צמחס וואָס זיי זיינען אַריינגעפאַלן צו ר׳ ישעיה פריוועסן אין שמאַלץ־גרוב. אין פלאַנסקער „הויף״ אָבער, ביי די צמחס, האָט מען מיקלאַמפּערשט גע־דרייט מיט דער נאָז און געהאַלטן אַז די צמחס האָבן זיך גאַר „אַראָפּגעלאָזט״ צו די פריוועסעס. מען האָט נאָך אַמאָל אַרויסגענומען די פאַרמעטן מיטן יחוס און מען איז נאָך אַמאָל געקומען צום באַשלוס, אַז ווען די צמחס זאָלן זיך וועלן האַלטן ביי דעם וואָס עס קומט זיי, דאַרפן זייערע זין און טעכטער בלייבן זיצן ביזן גרויען צאָפּ. ווען צירעלע האָט אויף אירע תנאים ס׳ערשטע מאָל אַ קוק געטאָן אויף איר חתן אלעזרן איז איר גאָר טונקל געוואָרן אין די אויגן. ווי וויניק ענלעכקייט האָט געהאַט דער דאַזיקער חסידישער וואַרשעווער בחור מיט די פּרינצן און גראַפן וועגן וועלכע זי האָט געלייענט אין די אַלטע פראַנצויזישע ראָמאַנען. צירעלע האָט זיי תמיד פאַרגליכן מיט דעם פּרינץ בוסתנאי און מיט די פּרינצן אין דעם קיניגליכן הויף אין ירושלים. אָט־אָ דער לאָבסערדאַק פון וואַרשע זאָל זיין איר חתן! אָ, פאַרפלויגענע חלומות! צירעלע איז אינמיטן פון די תנאים אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייטיק חדר פון פלאַנסקער „הויף״, אַריינ־געקוקט אין שפיגל און נאָך אַמאָל באַקוקט איר אַריסטאָקראַטישע יוגנט־לעכע שיינקייט, אַ זיפץ געטאָן מיט אַ שטאָלצן שמייכל און זיך אַוועקגע־לאָזט אַקעגנאיבער דעם שפיגל אין עטלעכע טאַקטן פון אַ פּאָלאָנעז. זי האָט גראַציעז אויפגעהויבן די האַנט גלייך ווי זי וואָלט זי דערלאַנגט צו אַ גראַפלעכן קאַוואַליר אַז ער זאָל זי פירן.

נאָך דער חתונה האָט דאָס פּאָר־פאָלק נישט לאַנג געגעסן „קעסט״ אין פלאַנסקער „הויף״. ר׳ ישעיה פריוועס האָט נישט האַלט געהאַט אַז זיינע זין זאָלן זיין ווייט פון אים און עס זאָל געמינערט ווערן אויף דאָס מינדסטע דאָס שפּיל פון מאַכט אַרום זיין פּערזאָן. אויך אלעזר האָט נישט געוואָלט זיין ווייט פון וואַרשע. אַן אַנדערער פון די ברידער קאָן אים דערווייל אַרויפקריכן אויפן בענקל ביי ר׳ ישעיהן. בעלנים דערויף — אַחוץ משהלען — זיינען געווען אַ סך.

צירעלע האָט אַריינגעבראַכט צו די וואַרשעווער פריוועסעס דעם אמתן טאָן פון דער אַריסטאָקראַטישער גרויסער וועלט. עס האָט זיך

אויסגעדוכט, אַז מיט איר, מיט דער וואונדער־שיינער שטאָלצער און פּרי־ציש־קאַפּריזנער טאָכטער פון די פּלאָנסקער צמחס, זיינען די פּריוועסעס ערשט אַרויף אויף די ריכטיקע רעלסן. זי האָט אויף אַ מינוט נישט פאַר־געסן ווער עס זיינען די צמחס און וועגן די פאַרמעטן מיטן יחוס אין די אייזערנע שופלאָדן פון פּלאָנסקער „הויף". זי האָט נישט פאַרגעסן די מענוועטן און די פּאָלאָנעזן וועלכע זי האָט געטאַנצט מיט אירע שוועס־טער, די קאָטשן און די פערד, די סעדער און די פעלדער פון זייער גוט הינטער פּלאָנסק. זי האָט עס פאַרגליכן צו דעם אייביקן אומאויפהער־לעכן געהאַמער אין דעם וואַלד פון אייזן אויף דעם הויף פון די פּרי־וועסעס. ווען זי האָט געעפנט אַ פענצטער האָט זי געשפּירט דעם זויערן ריח פון ראָסט און אייזן. זי האָט פאַרצויגן דאָס שיינע פּריצישע נעזל און זיך ווידער דערמאָנט אָן די רויזן און בלומען אין דעם גאָרטן פון דעם גוט פון די צמחס, און אין די פאַרפומען וועלכע האָבן צו איר אַרויס־געשמעקט פון די אַלטע פראַנצויזישע ראָמאַנען. צירעלע האָט זיך נאָך אַמאָל געזען אַ טאָכטער פון די פּלאָנסקער צמחס און אַן אייניקל פון דוד המלך און אַנדערע הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן וואָס זיינען אויסגערעכנט אין די יחוס־פאַרמעטן פון די צמחס. זי איז ביי די דאָזיקע פּריוועסישע אייזנקרעמער טאָקע נישט מער סיידן ווי אַ געפאַנגענע פּרינצעסין.

צירעלע איז נישט געווען די פרוי וואָס זאָל וועלן באַהאַלטן אירע געפילן. זי האָט איר אַריסטאָקראַטישע איבערלעגנקייט און איר אַלטן שטאָלצן יחוס די סאַמע פּריוועסעס אַרויסגעוויזן מיט אַזוי פיל שאַרפער קאַפּריזנער אָפנקייט און דערביי מיט אַזוי פיל גראַציעזער ווירדע, אַז הגם אַלע אין דער משפחה פּריוועסעס, האָבן זי באַלד פיינט באַקומען, אָבער דאָך האָט זי אַלעמען פאַרבליפט. מען האָט אויף איר אָנגעהויבן אַרויף־צוקוקן ווי אויף אַ פּריצטע וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אַהער צו די פּריוועסעס אויפן גזשיבאָוו. אַפילו די שוויגער, שבעלע פּריוועס אַליין, וואָס איז געווען פון אַלעמען אייַנגעוויגט ווי די סמעטענע פון די יידישע גבירטעס אין פּוילן, האָט אויף צירעלען אָנגעהויבן צו קוקן ווי אויף דעם ריכטיקן פּריצישן צירונג וואָס מיט איר קומען זיינען די פּריוועסעס ערשט געוואָרן די ריכטיקע פּריוועסעס. צירעלע צמח, הגם זי איז געווען קאַפּריזנע און קיינעם נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע צערטלעכקייט,

איז פונדעסטוועגן באַלד געוואָרן די וויבערישע ראָזשינקע ביי די פּרי־וועסעס. דערצו איז זי שענער געוואָרן פון טאָג צו טאָג און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט ווי אַן איידעלע און זעלטענע רויז. איר מאַן, אלעזר, איז איר געקראָכן אונטער די נעגל און אויסגעשטאַנען אַלע אירע ווילדע און אויסטערלישע קאַפּריזן. אויך צו דעם מאַן האָט זי נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע צערטלעכקייט. זי האָט כסדר געלעבט אין איר עגאָטישער שיינקייט און אין די פאַנטאַזיעס פון איר יחוס. זי האָט אויך אויף אלעזרן געקוקט ווי אויף אַ מעזאַליאַנס צו וועלכן זי האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזן — ווייל קיין בעסערס איז אין פוילן נישט געווען פאַר אַ טאָכטער פון די צמחס. וואָס איז ער, אלעזר? אַ לאַבסערדאַק און אַן אייזן־קרעמער. אלעזר אָבער, וויפל ער איז נישט אויסגעשטאַנעןביים פאַרטוך פון דער שטאָלצער צירעלע, האָט ער זיך שפּעטער אָפּגענומען אין וועט־קאַמף פון די ברידער אַרום ר׳ ישעיהן. ער האָט געוואוסט אַז מיט אַזאַ פּריציש וויב מוז ער בלייבן אויפן אויבנאַן.

אלעזרס גאווה און האָפערדיקייט איז געוואַקסן. צירעלעס שטאָלצע שטעלונג איז נאָך מער געוואַקסן ביי די פּריוועסעס. אירע יידישע פּאַ־רוקן האָט זי באַשטעלט ביי די רייכסטע פּריזירערס אין וואַרשע, אַזעלכע וואָס אַרבעטן פאַר די גרעסטע פּריצים און פאַר די שוישפּילעריגס פון „גרויסן טעאַטער״. אַפילו די גבירטע שבעלע האָט פאַרנומען אירע קאַ־פּריזן. אַ קלייניקייט אַזאַ יפת־תואר. צירעלע אַליין פון אַלע שנורן איז געפאָרן מיט ר׳ ישעיהס קאַטש שפּאַצירן אין די אויאַזדאָווער אַלייען און אין די לאַזשענקעס. זי האָט זיך געקליידט ווי די גרעסטע פּוילישע אַריס־טאָקראַטקעס. זיצנדיק אין ר׳ ישעיהס קאַטש אָנגעטאָן אין אַ הוט מיט בענדער האָט זי טיילמאָל צוגענומען דעם גאָלדענעם לאָרניאָן צו אירע שיינע און שטאָלצע אויגן און זיך אומגעקוקט אויף די קאַטשן וואָס פאָרן לעבן איר און איר אַנטקעגן. צירעלעס שיינקייט האָט געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. פון די רייכסטע פּוילישע קאַטשן וואָס זיינען אויך געפאָרן אין די לאַזשענקעס, האָט מען זיך אומגעקוקט אויף דער זעלטן־שיינער פרוי. צירעלע האָט לייכט און גאַווהדיק קוים אַ שמייכל געטאָן. זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם גוט פון די צמחס הינטער פּלאָנסק, אין דעם וויסטן געהאַמער אויפן הויף פון די פּריוועסעס און אין איר מאַן אלעזר

וואָס טראָגט אַ יידיש היטל און אַ לאַנגע קאַפּאָטע און וועלכן מען וואָלט דעריבער נישט אַריינגעלאָזט אין די לאַזשענקעס.

עס איז דערגאַנגען אַזוי וויט אַז קעגן אַלע חסידישע מנהגים האָט צירעלע צו זיך אין סאַליע אויפן גזשיבאָוו אַריינגעשטעלט אַ קלאַוויר. זי האָט זיך געוואָלט צונעמען אַ גוואוורנאַנטקע כדי זי זאָל פּאַר איר שפּילן, און צירעלע זאָל, ווי אין אירע מיידלשע יאָרן ביי די צמחס אין פּלאָנסק, טאַנצן אַ מענועט. די ברידער האָבן ר׳ ישעיהן אונטערגעטראָגן אַז ביי אלעזרן אין שטוב געפינט זיך אַ „פּיאַנע״. דאָס איז שוין געווען צופיל. ר׳ ישעיה אַליין מיט זיינע זעקס זין ובתוכם אלעזר גופא, זיינען אַרויפגעקומען צו צירעלען אין דירה אויף אַן „אינספּעקציע״. די „טריפהנע כלי״ איז געשטאַנען אַ חוצפּהדיקע אינמיטן צירעלעס סאַליע. ר׳ ישעיה פּריוועס האָט נישט לאַנג באַלאַמוטשעט, אַראָפּגעשיקט נאָך די יידישע טרעגערס וואָס האָבן געאַרבעט צווישן זיינע אייזנס אויפן הויף און באַפוילן די „פּיאַנע״ אַראָפּוואַרפן פון פענצטער לעיני כל ישראל. דאָס איידעלע אינסטרומענט איז אַראָפּגעפלויגן אויף די שווערע אייזערנע בעלקעס וואָס זיינען געלעגן אויפן הויף און איז צעהאַקט געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך. אַ גאַנצע נאַכט האָט צירעלע געוויינט אין אירע פּריצישע קישנס און גע־מאַכט אלעזרן וויסטע סקאַנדאַלן אויף אַ פּראָסטן פּלאָנסקער יידיש. אין האַרצן אָבער האָט איר דער טיראַנישער זשעסט פון ר׳ ישעיה פּריוועס געוואַלדיק אימפּאָנירט.

## קאַפּיטל פיר

משהל פריוועס אין אומגעגנאַד ביי ר׳ ישעיהן. דער קאַלישער רב. מע „באַשויעט״ איטעלען אין די דבנישע חדרים פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. ס׳איז נישטאָ וואָס צו מאַכן קיין רעש. איטעלע ברענגט אַריין צו די פריוועסעס די צניעותדיקע איידלקייטן פון אַ תלמיד־חכמישער היים. צירעלע פרואווט איטעלען צו איגנאָ־רירן. דער קאַמף צווישן די שוועגערינס.

כדי צו ווייזן משהלען אויף וואָסער מדרגה ער האָלט אים צווישן די ברידער און אַז ער איז דאָס קנאָפּסטע קינד, איז ר׳ ישעיה פּריוועס — ווען ס׳איז געקומען דערצו צו טאָן מיט משהלען אַ שידוך — אַראָפּגעגאַנגען פון זיין געוויינטלעכן דרך צו טאָן שידוכים דווקא מיט די גרעסטע גבירים. ער האָט — ר׳ ישעיהס קאַפּריזנע נקמה — משהלען פאַרקנסט פאַרן קאַלישער רבס אַ טאָכטער. אמת, נישט סתם אַ רב — וואָרעם וויפל ר׳ ישעיה האָט דאָ געוואָלט דעגראַדירן משהלען אויף די שטאַפּלען פון זיין חסד, האָט ער זיך פאָרט גערעכנט דערמיט, אַז דאָ ווערט אַ פרעמדער ייד דערהויבן צו דער מדרגה צו ווערן ר׳ ישעיה פּריוועסעס אַ מחותן, און דאָ מוז מען זיפּן און זיפּן כדי עס זאָל חלילה נישט פאַלן קיין שטוי־בעלע אויף דער משפחה פּריוועס. דער רב איז נישט געווען קיין קלענערער ווי דער באַרימטער „נפש חיה". אַחוץ אַ רב, ווי איך האָב שוין דערציילט אין די פריערדיקע בענדער, איז ער אויך געווען אַ שטיקל נגיד, געוואוינט אין סאַליעס און איז געווען דער „נשיא" פון די ארץ־ישראל־געלטער אין פוילן. יידן האָבן אים גערופן „דער נשיא פון ארץ־ישראל". מיט זיינע געליבטסטע קינדער וואָלט ר׳ ישעיה פּריוועס נישט געטאָן אַפילו מיטן „נפש חיה". רבנים האָבן זיך נישט געפּאָרט מיט ר׳ ישעיהס אַמביציעס צו זיין עפּעס אַזוינס ווי אַ „רויטשילד" צווישן די חסידים אין פוילן. אָבער כדי אָפּצוטאָן אַ „שטיקל" דעם קנאָפּסטן זון, אים אַרויסשטופּן פון ר׳ ישעיהס הויכע פענצטער, און דערביי נישט צו לאָזן פאַלן קיין שטוי־בעלע אויף דעם שטאָלץ פון די פּריוועסעס — איז דער שידוך מיטן „נפש חיה" ממש געווען אַ מייסטערשטיק פון קאָמבינאַציע.

איטעלע, די קאַלישער טאָכטער, משהלעס כלה, איז שוין אַפילו פריער געווען אַ כלה פאַר אַן אַנדערן און מען האָט געהאַט מיט איר אָפּ־געלאָזט דעם שידוך. דאָ האָט אויך ר׳ ישעיה פריוועס געטאָן אַ „שטאָך“ אין משהלעס מינדערוויכטיקייט, וואָס מען גיט אים אַ כלה פון אַן „אָפּגעלאָזענעם“ שידוך. אָבער פון דעם דאָזיקן דעפעקט האָט געליטן בלויז משהלעס פרעסטיזש. דער פרעסטיזש פון ר׳ ישעיהס פאַמיליע־אַמביציעס איז נישט אָנגערירט געוואָרן. אויב אַזוי — איז עס שוין פאַר ר׳ ישעיהן געווען רעכט. אויך דאָס „באַשויען“ פון דער כלה איז פאַר־געקומען אָן דער גרויסער פּאָמפּע פון קאָטשן און סעודות. דער קאַלישער רב איז שוין דעמאָלט געווען אַן איידעם פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. שבעלע פריוועס איז געקומען קיין קוטנע אין די מלמדישע באַשיידענע שטובן פון ר׳ יהושיעלען. אַהין איז אויך געקומען איטעלע מיט איר שטיף־מאַמע די מומע שפרה מירל. די „באַשויאונג“ איז פאַרגעקומען ביי אַן אָרעמע רבנישע וועטשערע. אויך ביי דער חתונה האָט ר׳ ישעיה פריוועס גענומען אין אַכט זיינע פּאַטערלעכע חשבונות מיט משהלען און זי זאָל געשען מיטן וויניקסטן גענאַד. משהלעס חתונה איז נישט פאַרגעקומען מיטן גרויסן גבירישן קנאַק אין אַ וואַרשעווער סאַליע, נייערט גאָר אין שטעטל סקער־ניעוויץ. אַ חתונה אויפן סאַמע באַשיידנסטן אופן. אויך דאָ האָט ר׳ ישעיה פריוועס מיט גרויסער דיפּלאָמאַטישער באַרעכנטקייט געגעבן דער וועלט צו וויסן אַז מיט משהלען טוט ער עפּעס אַזוינס ווי אַ מעזאַליאַנס. ס׳איז דעריבער נישטאָ מיט וואָס צו מאַכן קיין רעש.

איטעלע איז באַלד נאָך דער חתונה אַוועק צו ר׳ ישעיה פריוועסן אויף קעסט. עס האָט אויסגעקוקט ווי זי וואָלט זיך גאָרנישט אַריינגעפּאַסט אין דער דאָזיקער גרויס־גבירישער אַטמאָספערע. אַן אַטמאָספערע פול מיט אייביקע אינטריגעס, חניפה און אַן אייביקן קאַמף צווישן ברידער. די שיינע און שטאָלצע צירעלע, די גילדענע פאַן פון ר׳ ישעיה פריוועסעס שנורן, האָט צום ערשטן כמעט ווי איגנאָרירט די באַשיידענע שוואַרץ־חנוודיקע רבנישע טאָכטער וואָס האָט זיך דיסקרעט געהאַלטן פונדער־וויטנס דעם גאַנצן ביטערן קאַמף צווישן די ווייבער ביי די פריוועסעס, אַ קאַמף צו זיין אין גענאַד און אין שמיכל פון דער גבירטע שבעלע.

איטעלע האָט אַריינגעבראַכט צו די פריוועסעס די שטילע צניעות־דיקע איידלקייטן פון אַ תלמיד־חכמישער היים און דעם ריח פון דער

גמרא. איר קינדהייט איז פאַרלאָפן צווישן רבנים און לומדים, צווישן ארץ־ישראל־יידן און מעשיות פון ארץ־ישראל. איר באַשיידענע חתונה אין סקערניעוויץ און דאָס וואָס איר מאַן משהל איז דער קנאַפּסטער צווישן ר׳ ישעיהס קינדער און מוז גאָר קוקן אויפן חסד פון זיין ברודער אלעזר — האָט אינסטינקטיוו באַשאַפן אין איטעלען אַ געפיל: אַז גיין אין דער דאַזיקער שטוב אויפן וועג פון צירעלען און אויפן שניט פון פאַר־ריסענער גבירישקייט, האָט זי פאַרשפּילט. זי האָט אויך דעריבער ביי ר׳ ישעיה פריוועסן אין הויז געוואָלט בלייבן די רבנישע טאָכטער.

צירעלע האָט איטעלען געפּרוּאווט צו איגנאָרירן. אָבער די ערשטע ביי די פריוועסעס וואָס האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן אַז די רבנישע טאָכטער ברענגט אַריין צו ר׳ ישעיהן אין הויז אַן אייגענע אַטמאָספערע, און אויך אַרום איר ווייעט די לופט פון אַן אַלטער יחוסדיקער ווירדע — איז געווען צירעלע. גראַד אין דער דאַזיקער רבנישער טאָכטער האָט צי־רעלע אָנגעהויבן צו דערשמעקן אַ קאָנקורענטקע. צירעלע האָט נישט גע־ליטן אַז עמעצער אַנדערש זאָל אויך גילטן צווישן ר׳ ישעיהס שנורן.

צירעלע איז געווען קלוג און אייפערזיכטיק ווי אַ פאַרפּיעשטשעטע שיינקייט. זי האָט נישט געוואוסט קיין קאָמפּראָמיסן. ווער עס האָט זיך נאָר געשטעלט אין וועג אירע קאַפּריזן און אירע אַמביציעס — דעם האָט זי באַלד געוויזן די נעגל. צירעלע האָט באַלד אַרויסגעוויזן איר ווייבע־רישע שנאה צו איטעלען, און מיט איר אָנגעהויבן צו שפּילן אַ קאַמף פון אינטריגעס.

ווען די ברידער אלעזר און משהל האָבן צווישן זיך מכלומרשט גוט געלעבט, און אלעזר האָט אַפילו צוגעהאָלפן דעם קנאַפּערן משהלען אויך אַמאָל עפּעס צו געניסן פון ר׳ ישעיהס חסד — איז דער קאַמף צווישן די שוועגערינס אָנגעגאַנגען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. צירעלע האָט זיך נאָר באַמיט אַראָפּצוזעצן איטעלעס אָנזען, פון איר צו רעדן ווי פון אַ פּשוטע פּראָווינצערין וואָס האָט נישט קיין מינדסטע השגה אין די התנהגותן פון די גרויסע לייט. זי האָט עפּטער העכער געשריען צו אלעזרן אַז ס׳איז איר דעמפּיק אויפן שמוציקן גזשיבאָוו און מען זאָל למען־השם איינשפּאַנען ר׳ ישעיהס קאַטש און מיט איר פאָרן אין די לאַזשענקעס. שבת־צו־נאַכטס ווען אַלע ר׳ ישעיהס שנורן האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי

שבעלע פריוועס, האָט צירעלע עפטער און האָפּערדיקער דערציילט פון די צמחס, פון איר יחוס און פון פרינץ בוסתנאי, דער פירשטלעכער זיידע פון די צמחס. איטעלע האָט אויך אַמאָל דערציילט פון איר היים, פון די גדולי־התורה וואָס פלעגן קומען צום קאָלישער רב, און פון ר׳ יהושיעלע קוטנער.

# קאַפּיטל פֿינף

הינטער יעדער טיר פֿאַרלויפֿן די יאָרן. נישט אַבי־װער קאָן אַרײַנקומען צו צירעלען אין די סאַליעס. צירעלעס טעכטער. אַן אײדעם פֿון דער קירהשער גאָל־דענער סמעטענע. צירעלע איז זיך משדך מיט ר׳ יעקב ענגעלמאַן. אויפֿן צווייטן אײדעם קוקט צירעלע מיטן גאָלדענעם לאַריאָן. אין גלאַזנאָווער דרכים. דער יונגערמאַן צוריק אַהיים צו ר׳ יעקבן. רחציע ווײנט אין די קישנס.

הגם צווישן די צווי שוועגערינס איז אָנגעגאַנגען אַן אייביקע מחלוקה האָבן זיי פונדעסטוועגן געוואוינט בשכנות אויפן גזשיבאָוו. טיר ביי טיר. די ברידער האָבן עס אַזוי געוואָלט. דער עיקר האָט אלעזר געוואָלט דעמאָנסטרירן אַז ער האַלט דעם „קנאָפערן" משהלען אונטער זיינע פליגלען, — און דערמיט אַליין אונטערשטרייכן זיין אומדערשיטערלעכע מאַכט ביי ר' ישעיה פריוועס.

אָבער הינטער יעדער טיר זיינען פאַרלאָפן די יאָרן. עס האָט זיך דאָרט ביי יעדן אַנטוויקלט אַן אַנדערע וועלט און אַן אַנדערע משפחה. צירעלעס טיר איז געווען פאַרהאַמערט און פאַרקייטלט. אַז מען האָט דאָרט געוואָלט אַריינקומען האָט זיך אָנגעהויבן אַ געקלאַפעריי און געפּרעגעריי הינטער דער טיר. סע האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט זיך געקאָנט אויסלעגיטימירן פאַר די דינסט וואָס מען וויל און צו וועמען מען וויל. צירעלע האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן אַבי וועמען אין אירע סאַליעס. זי האָט אויף יעדן פרעמדן ייד וואָס האָט נישט אויסגעזען ווי אַ גביר, אַריסטאָקראַטיש געקוקט מיט איר גאָלדענעם לאָרניאָן. יעדער פרעמ־דער האָט געמוזט שטיל גיין איבער די ווייכע טעפּיכער וואָס זיינען אויס־געלייגט געווען אין אירע שטובן און קאָרידאָרן ווי שטיקער אָנגעכמורעטע יחוסדיקע שטילקייטן, און זיך געמוזט אויסהיטן נישט אָנצורירן די אַלערליי גלעזערנע און פאָרצעלייענע שמאָכטעס וואָס זיינען געווען אויס־געשטעלט אין צירעלעס חדרים.

אין דער דאָזיקער אַלטער אַריסטאָקראַטישער לופט אויפן סאַמע גזשיבאָוו זיינען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן צירעלעס קינדער. איבער די

זין האָט זי נישט געקאָנט האָבן די גאַנצע שליטה. הגם אייניקלעך פון די צמחס און פון די פריוועסעס, האָבן זיי פאַרט, צירעלעס זין, געמוזט גיין אין אַ חדר צוזאַמען מיט די קינדער פון נידעריקערע יידן. כאָטש אין די חדרים וואו עס האָבן געלערנט די קינדער פון די פריוועסעס, האָבן די מלמדים געהאָט אַ שטרענגן אָפּקליב פון אַנדערע קינדער. די טעכטער אָבער, האָט צירעלע געפירט אינגאַנצן אויף איר דרך. זי האָט געהאָט צוויי זייער שיינע טעכטער, און זי האָט זיי כמעט נישט אַרויסגעלאָזן אַליין אויף דער גאַס. זי האָט זיי געהאַלטן אין אירע סאַליעס וואו עס איז אייביק געווען טונקל און שטיל, דערצויגן פונקט ווי מען האָט זי, צירעלען, מיט צענדליקער יאָרן צוריק דערצויגן ביי די צמחס אין פלאָנסק, אין דער שטאָלצער ווירדיקייט פון אַן אַלטן יחוס — דערצויגן מיט גור־ווערנאַנטקעס, פראַנצויזיש, און געלאָזט טאַנצן נאָר אַזעלכע טענץ וועלכע זי, צירעלע, האָט געטאַנצט אין אירע מיידלשע יאָרן. דאָס גאַנצע טיראַ־נישע פון איר כאַראַקטער האָט זי אויסגעשטראַלט אויף אירע טעכטער. הגם זיי זיינען נאָך געווען יונגע מיידלעך זיינען זיי שוין ביידע געווען אמתע דובליקאַטן פון דער מוטער צירעלע. אויף ר׳ ישעיהס קאָטש וואָס איז געפאָרן מיט צירעלען שפּאַצירן אין די לאַזשענקעס, זיינען שוין לעבן דער פּריצישער דאַמע מיטן גאָלדענעם לאָרניאָן, געזעסן צוויי שוויינגנדיקע שיינע דיסטינגירטע מיידלעך, אָנגעטאָן לויט דער לעצטער שליאַכטישער מאָדע.

ווען די טעכטער זיינען אונטערגעוואַקסן און זיינען געוואָרן ראָוי לחופה, האָבן פאַר דער עלטסטער טאָכטער טאַבטשע, שדכנים געברענגט אַ חתן פון קירה. שדכנים האָבן געקאָנט צירעלעס גוסט. מען האָט איר געברענגט אַן איידעם פון דער גאָלדענער סמעטענע פון קייסער פראַנץ יאָזעפס מדינה. דער חתן האָט געהייסן אברהם לייב און איז געווען אַ קליי־נער און אַ מיאוסער. לעבן דער שיינער הויכער טאַבטשע האָט ער אויס־געקוקט ווי אַ פאַרזעעניש. אָבער צירעלע האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם וואָס עס איז גוט פאַר די טעכטער, נייערט מיט דעם וואָס עס פּאַסט פאַרן יחוס פון די צמחס. אין דעם דאָזיקן פרט איז דער שידוך געווען אַן אידעאַל. דער חתן האָט געשטאַמט פון די גאַליציאַנער הורוויצעס וואָס שרייבן זיך אונטער „איש הורוויץ״ און זיי האָבן אויך אַ יחוס־בריוו אַז זיי שטאַמען פון דוד המלך, ד״ה פון דעם אייגענעם בלויען בלוט וואָס

די פלאָנסקער צמחס. אַחוץ דעם האָט דער חתן געריידט גאַליציאַנער דייטשמעריש, איז געווען „גוט דערצויגן“, און האָט שפּעטער, אַלס איי־דעם, געוואוסט ווי אַזוי צירעלען צו „מאַכן דעם הויף“ מיט אַלע אַריסטאָ־קראַטישע רעוועראַנסן. צירעלע איז געווען זייער צופרידן פון דעם שידוך.

מיט דער צווייטער טאָכטער, רחציע, האָט צירעלען געשטאַכן דער האָבער זיך משדך צו זיין מיט ר׳ יעקב ענגלמאַן. גראָד איז ר׳ יעקב ענגלמאַן דעמאָלט געשטאַנען אין די העכסטע פעדערן און ער האָט זיך גענומען פאַר אַן איידעם ר׳ ישעיה פּריוועסעס יינגסטן זון איטשע מאיר. צירעלע האָט דאָ געוואָלט אויסשפּילן איר קאָרט און זיך שטעלן אויף איין מדרגה מיט ר׳ ישעיהן און ווייזן דער וועלט אַז אַ בלויז אייניקל פון די פלאָנסקער צמחס גילט אַזוי פיל וויפל אַ זון פון ר׳ ישעיה פּריוועסן פון גזשיבאָוו. דער יונגערמאַן, ר׳ יעקבס זון, אַ שיינער און אַ געוויקסיקער, איז געקומען אין צירעלעס סאַליעכ אַריין מיט צופיל האָפערדיקייט. ער האָט זיך איינגערעדט אויף ר׳ יעקב ענגלמאַנען און אויף גלאַזנאָוו, גאָר געטריבן חסידות און געקוקט אויף צירעלען ווי אויף אַ פּשוטער יידענע. צירעלע האָט אויף דעם נייעם איידעם אָנגעהויבן צו קוקן מיט איר גאַל־דענעם לאָרניאָן, ד״ה מיט אַן אַריסטאָקראַטישן „פון אויבן אַראָפּ“. דער יונגערמאַן, געוואוינט אין דער גלאַזנאָווער חסידאַרניע, האָט זיך נישט געקאָנט אויף אַזעלכע קאַפּוליער אָנצוהערענישן און איז ווייטער געגאַנגען אויף זיין גלאַזנאָווער דרך. דערצו האָט ער שבת ביי צירעלעס טיש געטראָגן אַ שטריימל. סיי די צמחס און סיי די פּריוועסעס האָבן נישט געהאַלטן פון קיין שטריימלעך, — און דאָ איז דאָס מעסטל איבערגעגאַנגען. צירעלע האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות, זי האָט איינגעפּאַקט דאָס גאַנצע נייע גבירישע אויסשטייער פונעם איידעם, צוזאַמען מיט זיין גלאַזנאָווער בעטגעוואַנט אין עטלעכע קופערטס און קוישן, און זיי באַגלייך מיטן איידעם צוריק משלח געווען צו ר׳ יעקבן קיין גלאַזנאָוו. ביי דער טיר האָט זי דעם יונגנמאַן שטרענג באַפוילן צוצושיקן איר טאָכטער רחציע אַ גט. דערביי האָט זי אים נאָכאַמאָל שאַרף אָנגעקוקט מיטן גאָל־דענעם לאָרניאָן.

דאָס יונגע ווייבל רחציע האָט מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורעדן. אין דעם זעלביקן טאָג האָט זי געמוזט מיט דער מוטער און מיט דער

שוועסטער טאָבטשע פאָרן אין ר׳ ישעיהס קאָטש שפּאַצירן אין די לאַ־זשענקעס. ביינאַכט אָבער ווען זי איז געגאַנגען שלאָפן און זי האָט געזען דאָס צווייטע בעט לעבן זיך ליידיק, האָט זי זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט אין די קישנס פאַרוואָס מען האָט איר איבערגעשניטן די יאָרן אינמיטן די זיסטע האָניק־חדשים. זי האָט באַשיימפּערלעך געזען פאַר די אויגן דעם שיינעם געוויקסיקן און טעמפּעראַמענטפולן גלאַזנאָווער בחור.

רחציע האָט געוויינט שטיל, — וואָרעם טאָמער וואָלט צירעלע געהערט, וואָלט געוועז חיות נישט זיכער פאַר אַזאַ ווידערשפּעניקייט.

## קאַפּיטל זעקס

בלימטשע. איטעלע זוכט פֿאַר בלימטשען אַ חתן אַ בן־תורה. פּרא־אדם. אַ געוועזענער מלמד ווערט אַ מחותן פֿון די פּריוועסעס. חיהטשע ווערט אַ כלה פֿאַר אַן אַלמן און וואַרשע גייט אויף רעדלעך. צירע־לעס טירן עפֿענען זיך פֿלוצים פֿאַר פֿרעמדע אָרימע יידן. ר׳ ישעיה פּריוועס מאַכט אַ גוטע מינע צום בייזן שפּיל. יידישע בוידן פֿולע מיט וואַרשעווער גערער חסידים פֿאָרן אויפֿן שאָסיי פֿון וואַרשע קיין גער.

הינטער דער קעגנאיבערדיקער טיר וואו עס האָט געוואוינט משהל מיט זיין ווייב איטעלע האָט זיך דערצויגן גאָר אַן אַנדער משפחה. ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך געווען ביי די פּריוועסעס — וואָרעם ר׳ ישעיה פּריוועס האָט זיין גבירישן „שטאַט" מיט אַ שטאַרקער האַנט אויסגע־שפּרייט אויף די הויזגעזינטן פון זיינע אַלע קינדער — האָט איטעלע אָנ־געהאַלטן די אַטמאָספערע פון איר פאָטער־הויז ביים קאַלישער רב. אויך זי האָט געהאַט קינדער און זיי זיינען אונטערגעוואַקסן מיט די יאָרן. איר עלטסטע טאָכטער בלימטשע איז געווען אַ ברונעטע שיינקייט. אויב מענטשן האָבן געזאָגט אַז בלימטשע איז אפשר שענער פון טאָבטשען און רחציען האָט מען זיך אין צירעלען געקויפט אַ שונא. צירעלע האָט אירע טעכטער געהאַלטן פאַר די רעקוויזיטן פון איר שטאָלץ און ווירדע. זי האָט אויך דאָ נישט געוואָלט האָבן קיין קאָנקורענטן. אַז גראָד איטעלע זאָל האָבן אַ שיינע טאָכטער האָט צירעלע באַטראַכט פאַר אַ פּערזענלעכע קריוודע. זי האָט נישט געוואוסט פון קיין קונצן. הינטער צירעלעס טיר איז געגעבן געוואָרן נאָך אַ שטרענגערער באַפעל צו די דינסטן נאָך מער אַכטונג צו געבן ווער עס קלאַפּט אין דער טיר און נישט אַריינלאָזן אין די סאַליעס אָבי־וועמען.

ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן אין די הויזגעזינטן פון די פּריוועסעס און מען האָט געהאַלטן מיט זיי ביי שידוכים טאָן, — האָט מען נאָר געזוכט זיך משדך צו זיין מיט די יידישע גבירים אין פּוילן. קודם־כל האָט אימפּאָנירט וואָס יעדע גבירישע משפחה וואו אַהין מען גיט אַריין אַן אייניקל פון ר׳ ישעיה פּריוועס קומט יענער משפחה צו אַ שטיק ווירדע

און עס איז פאַר איר אַ גרויסע טויז־טריומף צו די שידוכים מיט אירע איבעריקע קינדער. צו האָבן די פּריוועסעס פאַר מחותנים האָט יעדע גבירישע משפּחה אין פּוילן אויסגעשפּילט פאַר אַ טויז־טריומף און פאַר־מאַכט דערמיט אַלע בייזע מיילער. אויף דעם „קרן״, ד״ה אויף דעם פּערזענלעכן ווערט פון דעם חתן צי פון דער כלה האָבן נישט געקוקט נישט די פּריוועסעס און נישט זייערע מחותנים. עס איז דער עיקר גע־גאַנגען אין דער „גילדערנער פּאַן״. אין משפּחה־קלאַן. דער פּערזענלעכער מענטש האָט דאָ נישט מיטגעשפּילט. מען האָט אַפילו געשיקט פּריווערס מכלומרשט צו פּרואוון דעם חתן און מחותנתטעס צו „באַשויען״ די כלה, — אָבער דאָס האָט קיינמאָל נישט דעצידירט. דעצידירט האָט דער אַנזען און די אינטערעסן פון דער משפּחה.

ווען בלימטשע האָט אָנגעהויבן צו שטיין אין שידוכים און איר שיינ־קייט האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט ווי אַ רויז אין פרילינג, האָט זיך אויך איטעלע געמוזט אונטערגעבן דער משפּחה־דיסציפּלין ביי די פּריוועסעס. הגם איר וואָלט נישט געשמעקט אַן איידעם אַן עם־הארץ, אָבי נאָר ער וואָלט אָנגעשטאַנען דעם קלאַן־קרייז ביי די פּריוועסעס. דאָך האָט זי אויסגעפּועלט אַז דער מחותן זאָל זיין ר׳ חיים ליפשיץ פון געמזעוו. טאַקע אַ ייד אַ גביר און אַ וואָלד־סוחר אָבער פאָרט אַ זון פון אָזאַרקאָווער רב. דער חתן וועלכן מען האָט געבראַכט פאַר דער שיינער בלימטשע איז געווען אַ בן־תורה נאָר זייער אַ מיאוסער און אַ פּרא־אדם. ער האָט געהאַט אַ לאַנ־גע נאָז וואָס איז אים געזעסן ווי אַ צוגעקלעפּטע אויפן פּנים, און דיקע אויסגעקרימטע פינגער וואָס האָבן דערמאָנט אַן די לאַפּעס פון אַן אויס־טערלישער רויב־חיה. ער האָט נישט געהאַט דאָס מינדסטע געפיל פאַר דער וואונדערלעכער שיינקייט פון דער וואָרשעווער כלה. ווען איך שטעל מיר פאַר בלימטשעס שלאַנקען אידעלן קערפּער צווישן די דיקע אויס־געקרימטע פינגער פון איר חתן, נעמט מיך אַרום אַ פּחד.

בעת איטעלעס צווייטע טאָכטער רחציע האָט געהאַלטן ביי אַ כלה ווערן האָט איטעלע געטאָן אַ שריט ווייטער. זי האָט זיך משדך געווען מיט אַ קראָקעווער גביר ר׳ מרדכי אַראָטן. איז דאָך גוט. האָט אָבער דער דאָזיקער גבירישער שידוך געהאַט פאַר די פּריוועסעס אַ געוואַלטיקע סירכה. ר׳ מרדכי אַראָטן, איידער ער איז געוואָרן אַ גביר, איז ער געווען אַ פּשוטער מלמד. אַ מחותן אַ מלמד אין ר׳ ישעיה פּריוועסעס הויזגעזינט

האָט אויסגעקוקט ממש ווי מען שטעלט אַריין אין ר׳ ישעיהס סאַליעס אַן עמער מיט בלאָטע. אמת, די אַראַטנס האָבן זיך אויסגעהיטן אַז קיינער זאָל נישט וויסן פון דעם פּגם. אויב עמעצער האָט געזאָגט „מלמד״ זיינען די אַראַטנס רויט געוואָרן און זיך אומגעקוקט צי מען מיינט דאָ נישט אַ קאַ־פּוליער אַנצוהערעניש. נאָר ווענט האָבן פּאַרט אויערן און שלעכטע צינגער שווייגן נישט. צירעלע האָט געהאַט אַ שטילע נקמה. אויף די תנאים האָט זי אַיעדן מחותן אָדער מחותנסטע פון דער משפּחה אַראַטן שאַרף אָנגע־קוקט מיטן גאָלדענעם לאָרניאָן. פאַר איטעלען איז אַ מלמד נישט געווען דער מינדסטער פּסול. פאַרקערט: זי איז זיכער געווען אַז זי האָט פאַר זיך אַ ייד מיט תורה, פון די יידן צווישן וועלכע זי האָט פאַרבראַכט אירע קינדער־יאָרן אין קאַליש. אויך דער איידעם איז געווען אַ שיינער בן־תורה, אַ מושלם, אַ בעל־לשון־קודש און אַ שאַרפער שאַך־שפּילער. אַן אוניקום־איידעם ביי די פּריוועסעס.

מיט דער דריטער טאָכטער חיהטשע האָט איטעלע געמאַכט גאָר אַן אומדערהערטן און ממש „רעוואָלוציאָנערן״ שריט. אַ שריט וואָס האָט אויפגעקאָכט פוילן און פאַר די פּריוועסעס איז עס געווען אַ „שאָק״ אויף נישט אויסצושפּייען און נישט אַראָפּצושלינגען.

דעם גערער רבינס יינגסטער זון, מענדעלע, איז געוואָרן אַן אַלמן. דאָס ווייבל, דעם ראַדאָמסקער רבינס טאָכטער, איז געשטאָרבן אין דער ערשטער קימפּעט און איבערגעלאָזט פאַר מענדעלען אַ יתומל אַן עופּעלע. דער אַלמן איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק, נאָר אַ רבינס אַ זון און אַ גרויסער למדן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָט געפּלאַצט די גרויסע באָמבע אַז איטעלע פּריוועס נעמט דעם דאָזיקן אַלמן פאַר אַן איידעם. ד״ה זי גיט איר טאָכטער חיהטשע, ר׳ ישעיה פּריוועסעס אַן איי־ניקל, אַ מאַן אַן אַלמן מיט אַ קינד אַ יתומל, און זי מאַכט איר טאָכטער פאַר אַ לעבעדיקע שטיפמאַמע. מען האָט געמיינט אַז די וועלט וועט זיך איבערדרייען די קאַפּאַטע און אַוועקגיין כאַדאָראָם. צירעלען האָט זיך עס גאָר נישט צוגעגלויבט אַז אַפילו אַ רבנישע טאָכטער קאָן זיך אַוועק־לאָזן אויף געגנג וואָס פּאַסן פאַר אַן אָרעמען מלמד, — נאָר זי האָט פּאָרט געפילט דעם טעם פון זיסער נקמה, און דער שאַרפער ריגאַר ביי איר טיר האָט אַ קאַפּעטשקע נאָכגעלאָזט. צירעלע האָט געוואָלט הערן פּליאָטקעס און מעשיות וועגן דעם דאָזיקן אויסטערלישן פאַל. זי האָט דעריבער

גיכער געמוזט אַריינלאָזן פרעמדע יידן צו זיך אין שטוב. יידן האָבן איר אונטערגעטראָגן כלערליי ידיעות און צירעלע האָט געהערט, געשמייכלט און געקוקט אויף די פרעמדע יידן אָן איר גאָלדענעם לאָרניאָן. אויך אין די הויזגעזינטן פון די אַנדערע פּריוועסעס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. אָן איינפאַל פון אַ רבנישער טאָכטער! ר׳ ישעיה פּריוועס אַליין ווי אויך זיינע זין האָבן געמוזט מאַכן אַ גוטע מינע צום בייזן שפּיל. פאַרט דעם גערער רבינס אַ זון, — און הגם אַוועקצוגעבן אַן אייניקל פאַר אַן אַלמן איז אַ קבצנישער דרך, אָבער צום גרויסקייט פון די פּרי־וועסעס איז עס פאַרט נישט קיין חסרון ווען דער גערער רבי ווערט זייער מחותן. אַ שטעקן מיט צוויי עקן.

איטעלע האָט אַלצדינג געטאָן כדי צוצופּאַסן די כלה צו די מנהגים פון אַ רבישן הויף. דאָס מייד׳ל חיהטשע האָט אויפגעהערט צו לערנען דברי־חול, האָט נישט געטראָגן מער קיין הוט, נייערט אַ שוואַרצן שפּי־צענעם שאַל אויפן קאָפּ ווי עס טראָגן רבישע שנורן. חיהטשע האָט גע־וויינט, זי האָט זיך געשעמט פאַר אירע געשוועסטער־קינדער, די טעכטער פון די פּריוועסעס, הלמאי מען גיט איר אַ מאַן אַן אַלמן, און זי טאָר מער נישט געניסן דאָס קאָפּעטשקע וועלטלעכע עולם־הזה וואָס עס איז דערלויבט פאַר אַ חסידישער גבירישער טאָכטער אין וואַרשע. צירעלע האָט מכלומרשט אַ זיפץ געטאָן פון רחמנות אויף איטעלעס טאָכטער. אַלע האָבן זיך געשושקעט. די כלה האָט זיך נישט געוויזן אויפן גזשיבאָוו און זיך געווישט די אויגן. אָבער הינטער דער טיר אין איטעלעס דירה האָט מען זיך געגרייט צו דער חתונה. אין אַ האַלב יאָר אַרום זיינען די קאַטשן מיט די וואַרשעווער פּריוועסעס, ווי אויך גרויסע יידישע בוידן פולע מיט וואַרשעווער גערער חסידים געפאָרן אויפן שאָסע פון וואַרשע קיין גער. מען איז געפאָרן אויף דער חתונה פון דעם אַלמן מענדעלע מיט ר׳ ישעיה פּריוועסעס אייניקל, איטעלעס טאָכטער חיהטשע.

## קאַפּיטל זיבן

חנהלע און מנחם. איטעלעס יאָרן זיינען גע־
ציילטע. די קאָלישער רביצין פאַרט אויפן גזשיבאַוו
צו איטעלע פריוועס. דער גרויסער ברוך־הבאָ. זאָל
דאָס זיין די כלה? די קאָלישער רביצין מאַכט נישט
קיין לאַנגע מחזקות. לא יעשה כן במקומנו. איטעלע
דערמאָנט זיך אין ר׳ יהושיעלע קוטנער. חנהלע שפּילט
זיך מיט אַ ליאַלקע.

נאָך חיהטשעס חתונה זיינען ביי איטעלען פאַרבליבן צוויי פריי־לידיקע קינדער. דער בן־יחיד מנחם און דאָס יינגסטע טעכטערל חנהלע.

חנהלען האָט איטעלע אַרומגענומען מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט. ערשטנס איז זי געבוירן געוואָרן באַלד נאָכן טויט פון „נפש חיה״. די ווייען פון דער געבורט האָבן זיך געמישט מיטן טרויער נאָכן „נפש חיה״. צווייטנס: איז חנהלע געווען אַ קלוג און שיין מיידעלע און זי האָט אין זיך געהאַט פון דער שקאַצישקייט פון אַ יינגל. ווען חנהלע איז אַלט געוואָרן צען יאָר האָט איטעלע אָנגעהויבן צו קרענקען אויף אַן אומהיילבאַרע קראַנקהייט. איטעלע האָט געוואוסט אַז אירע יאָרן זיינען געציילטע און חנהלע וועט איבערבלייבן אַ יתומה. איטעלע איז געווען פול מיט זאָרג וועגן חנהלעס צוקונפט, איבערהויפּט וואָסער שידוך וועט געטאָן ווערן מיט חנהלען ווען זי, איטעלע, וועט שוין מער נישט זיין.

בעת די קאָלישער רביצין איז פּלוצעם אַ קום־געגעבן קיין וואַרשע מיט דעם האַרטנעקיקסטן רצון פאַר מיר צו ברענגען אַ כלה פון די פריי־וועסעס, האָט זי נישט געוואוסט צו וועמען זי זאָל זיך ווענדן. אויף דער באַן פון לאָדזש קיין וואַרשע האָט זי אויפן קאָפּ אויסגערעכנט אַלע הויז־געזינטן פון ר׳ ישעיה פריוועס. נישטאָ דאָרט קיין מיידלעך אין מיינע יאָרן, עפּעס אַן אויסטריקענישׁ אויף די פריוועסעס, האָט די קאָלישער רביצין בייז אַ טראַכט־געטאָן און אַ קאַפּיטשקעלע איינגעדרימלט. די באַן איז אָנגעקומען קיין וואַרשע. די קאָלישער רביצין האָט גענומען אַ דאָ־ראָזשקע און גלייך אַרויפגעפאָרן צו איטעלע פריוועסעס אויפן גזשיבאָוו. אין וואַרשע איז זי איינגעשטאַנען ביי איטעלען.

ביי איטעלע פּריוועס האָט מען די קאָלישער רביצין תמיד אויפ־געגומען מיט דעם גרויסן ברוך־הבא. מיט דער קאָלישער רביצין איז אין שטוב אַריינגעקומען אַ שטיק פון איטעלעס יוגנט אין איר פּאַטער־הויז ביים „נפש חיה״ אין קאָליש. דערצו איז די קאָלישער רביצין געווען אַ טאָכטער פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. איטעלע איז געוואוינט געווען אָפּ־צוגעבן כבוד די טעכטער פון תלמידי־חכמים. אין דער אַטמאָספערע פון די פּריוועסעס, אין שכנות מיט דער טיר הינטער וועלכער עס וואוינט איר שוועגערין צירעלע, ווי אויך אין אייביקן געהאַמער אויפן הויף פון ר׳ ישעיה פּריוועסעס אייזן־סקלאַדעס, — דאָרט אַהין האָט די קאָלישער רביצין פאַר איטעלען אַריינגעברענגט אידעלערע ווינטלעך פון תורה און ספרים. הגם די קאָלישער רביצין איז נאָר געווען איטעלעס שטיפמאַמע, פונדעסטוועגן האָבן אַלע קינדער איטעלעס זי געמוזט רופן „באַבע״. דערמיט האָט זיך איטעלע געפילט פעסטער פאַרבונדן מיט איר רבנישער יוגנט.

אינמיטן דעם ברייטן ברוך־הבא וואָס די קאָלישער רביצין האָט באַ־קומען פון איטעלען און אירע חתונה־געהאַטע טעכטער בלימטשע און רחציע — (חיהטשע האָט געגעסן קעסט אין גערער „הויף״) — האָט די קאָלישער רביצין געזען די קליינע חנהלע. דאָס שקאָציִשע שוואַרץ־חנעווודיקע מיידעלע איז באַזונדער האָפּערדיק אַרומגעשפּרונגען אַרום דעם חשובן גאַסט.

— זאָל דאָס נישט זיין די כלה? איז עס דער קאָלישער רביצין אַדורכגעפלויגן דורכן קאָפּ. זי האָט נישט באַוויזן אויסצוטאָן איר שוואַרצן זיידענעם מאַנטל און נאָך אַמאָל שאַרף אַ קוק געטאָן אויפן מיידעלע.

דער ערשטער געדאַנק איז ביי דער קאָלישער רביצין אויסגעקומען היפּשלעך פּריקרעוואַטע. יחיאל ישעיה איז שוין אַ חתן־בחור נאָך די פופצן, און חנהלע איז כמעט נאָך אַ קינד. זי איז נאָך אַמאָל דורכגעפלויגן מיטן געדאַנק די הויזגעזינטן פון די פּריוועסעס. נישטאָ. די קאָלישער רביצין האָט נישט ליב געהאַט צו מאַכן לאַנגע מחזקות בעת עס איז גע־גאַנגען אין אירע פּלענער. זי האָט באַלד אויפן אָרט באַשלאָסן אַז חנהלע איז די כלה.

ווען די קאָלישער רביצין האָט געהאַט טועם געווען פון די גרויסע כיבודים וואָס מען האָט פאַר איר אויסגעשטעלט אויפן טיש, האָט זי

שוין אינערלעך געברענט פאַנאַנדערצופּעדעמען דעם ענין. זי האָט זיך מיט איטעלען פאַרמאַכט אין דער שלאָף־שטוב.

די קאַלישער רביצין איז באַלד אַרויס מיטן פאַרשלאַג. איטעלע האָט זיך געקווענקלט. חנהלע איז נאָך גאָר אַ קינד. דערצו האָט זי אַן עלטערן ברודער, מנחמען, וואָס איז נאָך צומאָל נישט קיין חתן. וואָס הייסט, טאָן אַ שידוך מיט אַ יונגער קינד פאַרן עלטערן? לא יעשה כן במקומנו. אָבער די קאַלישער רביצין האָט כמעט ווי נישט גערעדט פון זיידן ברוכס מי־ליאָנען. זי האָט בלויז געשפּילט אויף דער סטרונע פון ר׳ יהושיעלע קוטנער.

אַלע זכרונות אירע האָבן זיך אין איטעלען פאַנאַנדערגעעפנט אין פרישער וואַרעמקייט. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר פאָטער־הויז אין קאַ־ליש און אין אַלצדינג וואָס זי האָט פון יידן געהערט וועגן ר׳ יהושיעלע קוטנער. זי האָט ר׳ יהושיעלען פּערזענלעך געקאָנט און אַ סך מאָל געווען אין זיין הויז, זי האָט אים געהערט לערנען „שיעור". זי האָט זיך דערמאָנט אין דער שווערער אומהיילבאַרער קראַנקהייט וואָס טאָטשעט אין אירע אינגעווייד, און זי האָט געזען חנהלען אַ יונגע יתומה. פון אונטן פון הויף האָבן שווער געהאַמערט די אייזנס פון ר׳ ישעיה פּריוועסעס סקלאַדעס.

איטעלע האָט מסכים געווען.

ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער שלאָף־שטוב האָט זיך די קליינע חנהלע געשפּילט מיט אַ ליאַלקע. די קאַלישער רביצין האָט חנהלען אַ גלעט געטאָן איבערן בעקל און שאַרף געזאָגט אַז אַ כלה־מיידל שפּילט זיך נישט מיט קיין נאַרישקייטן. איטעלע האָט געשמייכלט און דעם שקאַצישן אַנונגסלאָזן מוזיניקל געגעבן אַ קוש אויפן קאָפּ.

## קאַפּיטל אַכט

אַ כלה פאַר מיר אין דער טאַש פון דער קאַלישער רביצין. די קאַלישער רביצין פאַכעט מיט די פּריווּעסעס און מיטן „נפש חיה". פּריווּעסעס אַהין, פּריווּעסעס אַהער, מחותנים ווילן זיך קווייקלען. די קאַלישער רביצין אַרבעט מעשים. אין גרויסן בסוד. אַ ייִד שוואַרץ ווי די פינצטערע נאַכט איז אַן אידעאַלער אינקאָגניטאָ. אַ שווערע האַרעוואַניע צו זיין אַ באָרד ביי מרדכי יוסף אַרבעס. מרדכי יוסף לאָדנט אויס זיין גבורה. מרדכי יוסף איז מקנא די טרעגער ביי ר' ישעיה פריווּעסן אויפן הויף. דאָס הייסט אַן עולם הזה. מרדכי יוסף ברעכט אייזן. מע שניידט פון מרדכי יוספן שטיקער פליש. ער ווערט אויס ראַדזינער חסיד. מרדכי יוספס טראַגעדיעס. אַן עלילת־דם אויף מרדכי יוספן.

די קאַלישער רביצין איז צוריקגעקומען פון וואַרשע מיט אַ שידוך פאַר מיר אין דער טאַש. צו געבן מיר אַ כלה כמעט אַ קינד — נאָכדעם ווי איך בין אַזוי מיאוס אַדורכגעפאַלן מיטן זאַלאָשינער שידוך — איז פאַר מיינע עלטערן אויסגעקומען גאָר פריקרע. די קאַלישער רביצין האָט גע־פּאַכעט מיט די פריוועסעס און מיטן „נפש חיה". די קאַלישער רביצין האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף מיין מוטער. די באָבע לאה איז געווען די איינציקע וואָס האָט געזאָגט אַז עס איז ווילד מיר צו געבן אַ קליין מיידעלע פאַר אַ כלה. אָבער איר ווידערשטאַנד האָט נאָך מער אויפ־געררייצט די אַמביציעס פון דער קאַלישער רביצין און פון מיין מוטער. מען האָט באַשלאָסן צו טאָן מיט מיר דעם שידוך וואָס די קאַלישער רביצין האָט געבראַכט פון וואַרשע.

עס רעדט זיך אַזוי טאָן אַ שידוך. דער עסק איז געווען געוואַלדיק קאָמפּליצירט. חנהלעס עלטערער ברודער, מנחם, איז דערווייל נאָך נישט געווען קיין חתן. די שידוכים מיט אים האָבן זיך עפּעס ניט געפּעדעמט. קומט אַרויס דער בוימאייל אויפן וואַסער, אַז מען האָט פאַרקנסט די יינגערע שוועסטער איידער דער עלטערער ברודער איז געוואָרן אַ חתן, הייסט בידים אָוועקקוילעגען אַלע שידוכים פאַר מנחמען. פריוועסעס אַהין, פריוועסעס אַהער, — מחותנים וועלן קלערן מי־יודע וואָס און וועלן זיך קווענקלען. מיר אַליין איז אַדיך געווען קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. אין מיינע פאַנטאַזיעס האָט נאָך געשפּילט אסתר פלוימענבוים. דאָס וואָס זי האָט מיך נישט געוואָלט, האָט נאָך גלוסטיקער געמאַכט איר בילד אין מיינע פאַרשטעלונגען. אַ קליין מיידעלע פאַר אַ כלה. ווי פּאַרט זיך עס עפּעס!

די קאַלישער רביצין האָט דערווייל געאַרבעט מעשים. עס איז ביי ביידע צדדים געבליבן אַז דער שידוך זאָל געטאָן ווערן. נאָר ביז מנחם וועט ווערן אַ חתן זאָל עס דערווייל געהאַלטן ווערן אין טיפסטן בסוד.

ביי יידן צו האַלטן אַ שידוך בסוד איז דאָס נעמלעכע ווי צו האַלטן בסוד דעם ריח אין אַ פאַס ווײַן. סע שפּירט זיך שוין. איבערהויפּט ווען די שדכנים וואָס האָבן אַנגעהויבן פונדאַסניי צו קלאַפּן אין אונזערע טירן, האָבן פון מיין פאָטער באַקומען אויסמיידנדיקע תשובות. יידן האָבן זיך געבראָכן די קעפּ. טאַקע אמת אַז ר׳ איציקל פלוימענבוים האָט מיר גע־געבן דעם גרויסן „קויש״. מיינע עלטערן וועלן דאָך מיך דערפאַר נישט אַוועקשיקן אין קיין קלויסטער. סוף־כל־סוף מוז איך דאָך פאָרט ווערן אַ חתן. שדכנים האָבן געפּרואווט צו טרעפן. אַז מען האָט מיר געגעבן אַ קליין מיידעלע פאַר אַ כלה, אויף דערויף זיינען אַפילו די פּיפּיקסטע שדכנים נישט געפאַלן.

אין וואַרשע הינטער די טירן פון משהל פּריוועס האָט מען זיך דער־ווייל באַמיט צו טאָן מיט מנחמען אַ שידוך. דער געזונט־צושטאַנד פון איטעלען האָט זיך כסדר פאַרערגערט. קודם־כל — טראַדיציע בלייבט טראַדיציע — האָט מען געקלערט וועגן אַ פּרוואווער צו שיקן קיין לאָדזש מיך צו פּרואוון. עס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. דאָ האָט מען געמוזט טרעפן צוויי האָזן מיטאַמאָל: אי מיך פּרואוון, אי אַלצדינג זאָל בלייבן אין גרעסטן בסוד, וואָרעם פאַר מנחמען איז נאָך נישט געברענגט געוואָרן דאָס ריכטיקע.

פאַר אַ פּרוואווער אין טיפסטן בסוד האָט מען הינטער איטעלעס טירן אויסגעקליבן אַ ייד וואָס איז געבוירן און געמאָסטן געוואָרן צו זיין אַ בעל־סוד. ער האָט געהייסן מרדכי יוסף אַרבעס און איז געווען דער הויז־מלמד ביי משהל פּריוועס, ד״ה מנחמס מלמד. סיי ווי האָט פאַר מרדכי יוספן דער שידוך מיט מיר נישט געקאָנט בלייבן בסוד. פאָרט אַ שטוב־מענטש. דעריבער איז געבליבן, אַז מרדכי יוסף זאָל פאָרן קיין לאָדזש מיך פּרואוון. פאַרשטייט זיך, אונטער טויזנט געהיימנישן און אונטער זיבן שטערצלעך.

נאָר — אויב ס׳האָט זיך עמעצער אין דער וועלט געפּאָרט מיט דעם וואָרט „סוד״ איז עס געווען ניט קיין אַנדערער סיידן ווי מרדכי יוסף

אַרבעס. ער איז פון ששת ימי בראשית געבוירן געוואָרן צו זיין דער אידעאַלער „אינקאָגניטאָ".

קודם־כל איז ער געווען אַ ייד שוואַרץ ווי אַ ציגיינער, אַ הויכער און אַ ברייט־ביייניקער. הינטער דער טונקלקייט פון דער הויט פון זיין פּנים האָט אויסגעזען צו ליגן עפּעס ווי אַ שאַרפע פינצטערע נאַכט. ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע האַרטע און צעפלאָכטענע באָרד. אַ באָרד מיט אַ סך האָפערדיקע שפּיצן. די באָרד האָט זיך מיט אַ ווילדער עקשנות געהאַלטן אויף דער גאָמבע. עס איז נישט קיין שפּילכל צו זיין אַ באָרד ביי מרדכי יוסף אַרבעס. דערצו האָט מרדכי יוסף געטראָגן גרויסע בלויע ברילן, און גערעדט הויך און הייזעריק און כסדר געבלאָזן מיט זיין שטאַרק־פאַרקאַטערטער נאָז. גייענדיק אויף דער גאַס האָט ער געהאַט אַ טבע צו האַקן מיטן שטעקן אויף די שטיינער אַז אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. גע־נומען האָט עס זיך פון זיין שטאַרקן טעמפּעראַמענט. אַחוץ אין דער גמרא און אויף זיינע תלמידים האָט ער אים אויך געמוזט אויסלאָדענען אין זיין הויכן שרייענדיקן חיתוך־הדיבור, אין דעם בלאָזן פון זיין פאַרקאַ־טערטער נאָז און אַפילו אויף די שטיינער פון דער גאַס. דער דאָזיקער אימפּעטפולער טעמפּעראַמענט האָט געשטאַמט פון מרדכי יוסף אַרבעסעס געוואַלטיקער גבורה. די גבורה האָט אים ממש געברענט אין די ביינער און האָט אים נישט געלאָזן קיין מנוחה. הגם ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ ווילדער בעל־מפלפל האָט ער אָבער פאַרט נישט געקאָנט אויסלאָדענען זיין גבורה אין דעם שטעכנדיקן פלאַנטער פון זיינע פּשטלעך און אין זיין שרייען אויף די תלמידים. הגם מרדכי יוספס תלמידים זיינען אַלע געווען גבירישע קינדער און ער האָט אויך געלערנט מיט די ייִנגלעך פון די פּריוועסעס — פונדעסטוועגן האָט ער זיי נישט געזשאַלעוועט די גרעסטע זלזולים. די גבורה אין אים האָט אים דערצו געשטופּט, און אַפילו וואָס שייך די יונגע פּריוועסעס האָט ער נישט געקענט איינהאַלטן זיין קאָכעדיקן און שאַרפן טעמפּעראַמענט. נאָר אַלצדינג איז געווען ווייניק — אין אים איז פאַרבליבן אַ סך גבורה וואָס האָט אים געברענט און געפּייניקט. נישט איינמאָל האָט מרדכי יוסף אַרבעס אין זיך געפילט גע־וואַלטיקע קנאה צו די יידן טרעגער אין ר׳ ישעיה פּריוועסעס סקלאַדעס, יידן וואָס שלעפּן אייזערנע בעלקעס און רוקן אַוועק גאַנצע שטויסן מיט אייזנס. דאָס הייסט אַן עולם־הזה! אָבער מרדכי יוסף האָט דאָך נישט

געקאַנט ווערן קיין טרעגער. פּאַרט אַ ייד אַ חסיד און אַ למדן. האָט ער דערימאַך אויסגעזוכט אַנדערע אויסוועגן פאַר זיין ווילדער אינערלעכער גבורה. מיט געוואַלטיקער לייכטקייט האָט ער אַרויסגעבלאָזן אַ גרויסן קופּערנעם צענער פון אַ ליידיק גלאָז. אַזאַ כוח האָט געהאַט דער אָטעם פון זיין מויל און פון זיינע אייביק־פאַרקאַטערטע נאָזלעכער. טאָמער איז אים געקומען אַ שטיקל אייזן צווישן די פינגער האָט ער עס גלאַט צעבויגן און צעריבן אויף קאַשע. ער האָט צעביסן אייזערנע דראָט מיט אַ לייכטקייט ווי עמעצער צעקייט אַ שטיקל צוקער.

עס פלעגט אויך טרעפן אַז דער דאָזיקער ייד איז אַוועקגעפאַלן אויף אַ קראַנקהייט. תמיד איז די קראַנקהייט געווען אַ שווערע און אַ גע־פערלעכע. מרדכי יוסף אַרבעס האָט זיך נישט ליב געהאַט צו נאָר צו מאַכן. זיין קראַנקהייט האָט אין זיך געהאַט דעם זעלביקן גברישן אימפּעט ווי זיין געזונטקייט. שטענדיק ווען מרדכי יוסף איז קראַנק געוואָרן האָבן דאָקטוירים אויף אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אים מיאש געווען. אָבער מרדכי יוסף איז אויפגעשטאַנען פון זיין מסוכנעם בעט מיט נאָך אַ גרעסערער גבורה. ער האָט ווידער אַרויסגעבלאָזן קופּערנע צענערס פון אַ גלאָז און געבויגן אייזן. איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַ מעשה: מרדכי יוסף איז שווער קראַנק געוואָרן. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז מען מוז אים מאַכן אַ שווערע אָפּעראַציע — דוכט זיך אין האַלדז — נאָר זיי זיינען שטאַרק מסופק צי ער וועט עס איבערהאַלטן. מרדכי יוסף איז אַרויפגעג־אַנגען אויפן אָפּעראַציע־טיש ווי צו אַ טאַנץ. ער האָט זיך נישט געלאָזט נאַרקאָטיזירן. ער איז נישט קיין יידענע, האָט ער געשריען אויף די דאָק־טוירים, און ער וויל ביי זיך נישט לאָזן אַוועקנעמען דעם שכל אַפילו אויף אַ מינוט. מען האָט פון מרדכי יוספן געשניטן לעבעדיקע שטיקער פלייש. ער האָט דערביי געשוויגן ווי די וואַנט, און איז שפּעטער געזונט געוואָרן ווי נאָך קיינמאָל נישט.

אָבער אויך דער דאָזיקער ייד האָט געהאַט זיין גייסטיקע טראַגעדיע.

מרדכי יוסף אַרבעס האָט געשטאַמט פון ראַדזינער חסידים. מרדכי יוסף האָט ער געהייסן נאָך ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער, און ער איז געבוירן געוואָרן אין בלאָע ציצית. מרדכי יוסף איז שפּעטער געוואָרן מלמד ביי דער העכסטער סמעטענע פון געררער חסידים אין וואַרשע. ער האָט געוואוסט, אַז מיט זיינע בלאָע ציצית וועט ער דאָרט האָבן אַ ביטער לעבן. ער האָט

זיך מיישב געווען, אַז ער מוז פאַרלאָזן ראַדזין און ווערן אַ גערער חסיד. מרדכי יוסף האָט עס, ווי זיין שטייגער איז, געמאַכט מיטן גרעסטן אימפעט. ער האָט אַרונטערגעריסן די בלאָע ציצית פון זיין טלית און פון זיין אַרבע־כנפות, איז געפאָרן קיין גער און אָנגעהויבן צו דאַווענען אין אַ גערער שטיבל. גערער חסידים זיינען אָבער נישט געווען אַזעלכע מלופם־קינדערלעך וואָס זאָלן גלויבן, אַז ראַדזינער בלוט טריקנט אַזוי לייכט אויס, — דערצו ביי אַזאַ פאַרביטערטן עקשן ווי מרדכי יוסף אַרבעס. זיי האָבן אים געקוקט אויף די פינגער און חושד געווען אין באַהאַלטענע ראַדזינער געפילן. מרדכי יוסף האָט זיך באַטראַכט ווי אַ נרדף. הגם קיינער האָט אים נישט געטשעפּעט. גערער חסידים האָבן זיך בלויז געוויצלט, אַז בכן ווען קיינער זעט נישט לערנט ער, מרדכי יוסף, דעם „מי השילוח" פון איזשביצער און דעם „סדרי טהרות" פון ר' גרשון הענעכן. עס איז געווען אַ פּשוטער בלוט־בלבול. מרדכי יוסף איז נישט געווען דער ייד וואָס זאָל טאָן עפּעס בסוד. נאָר קלאַנגען וועגן דעם זיינען אַרומגעגאַנגען. מרדכי יוסף האָט גאָרנישט געקאָנט דערקעגן טאָן, סיידן האַקן מיט זיין שטעקן אויף די שטיינער. די אומבאַהאָלפנקייט זיינע לגבי די מעשיות פון גערער חסידים איז געווען די איינציקע און גרויסע טראַגעדיע אין זיין לעבן. קיין אַנדערע טראַגעדיעס האָט ער נישט געהאַט. אָרעמקייט און צייטווייליקע שווערע קראַנקהייטן האָט ער נישט אַריינגענומען אין חשבון.

# קאַפּיטל נײַן

מרדכי יוסף אַרבעס אויפֿן לאָדזשער וואָקזאַל. אַ לאָדזשער ייִד וויל ביי אים אויסנאַרן די בכורה. מרדכי יוסף קומט אַריין צו אונדז מיט אַן אויפגעהויבענעם שטעקן. שווער צו טרעפן אין לאָדזש. אַ פויגל טאָר נישט וויסן. מרדכי יוסף וויל מיך פאַרצוקן. ער וויל מיר דערלאַנגען אַ פּאַטש. די פריוועסעס באַקומען אַריין אין דער משפחה אַ כלי־מפואר און אַ צאַצקע.

דעם דאַזיקן מרדכי יוסף אַרבעס האָט משהל פּריוועס געשיקט „אינקאָגניטאָ" קיין לאָדזש אי מיך צו פּרוּווּן, אי עס זאָל זיין בסוד.

שוין ווי מרדכי יוסף איז אַרויסגעגאַנגען פונם וואָקזאַל אין לאָדזש און אָנגעהויבן צו שפּאַנען און צו קלאַפּן מיטן שטעקן אויף די שטיינער האָבן זיך יידן אומגעקוקט. לאָדזש איז נישט געוואוינט געווען צו אַזעלכע שוואַר־צע פינצטערע יידן וואָס טראָגן דערצו בלאָע ברילן און קלאַפּן מיטן שטעקן אויף די שטיינער. לאָדזש האָט געהאַט אירע אייגענע אויסטערלישע יידן צו וועלכע זי האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט און מער אין גאַס זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. פרעמדע אויסטערלישע יידן האָבן ביי לאָדזש אויסגעקוקט ווי אַ ווילד חידוש. אויף דעם וואָס עס איז אַנדערש ווי לאָדזש האָבן לאָדזשער יידן געקוקט נאַאיוו ווי צעשפּילטע קינדער. מרדכי יוסף האָט אָנגעהויבן מיט גרויס אימפּעט אַנצוכאַפּן זיך־איילנדיקע לאָדזשער יידן פאַר די קלאַפּעס, אויפגעהויבן צו זיי זיין שטעקן און געפרעגט מיט אַ הויך הייזעריק קול, וואו עס איז פּיעטרקאָווער נומער 88. מרדכי יוסף איז דאָס ערשטע מאָל געווען אין לאָדזש.

— וועמען דאַרפט איר דאָרט? — האָט אים אַ לאָדזשער ייד גע־פרוּווט אַ פרעג טאָן.

— אַ חכם אַ ייד, — האָט מרדכי יוסף הייזעריק געשריגן ווי מען וואָלט ביי אים געוואָלט אויסנאַרן די בכורה, — דאָס איז אַ סוד.

ענדלעך האָט ער זיך מיט גרויס טומל און געשרייען דערפרעגט צו אונזער הויז. ביי אונזער טיר האָט מרדכי יוסף נישט אַנגעקלונגען. ער

האָט נישט גורס געווען קיין עלעקטרישע גלעקלעך. ער האָט פּשוט מיט געוואַלטיקן אימפּעט געהאַקט מיטן שטעקן אין דער טיר אַריין.

אַלע אין שטוב האָבן זיך דערשראָקן. מען האָט געמיינט אַז עס ברענט. עס איז געוואָרן אַ געלויפעריי אין שטוב. אַלע זיינען צוגעלאָפן צו דער טיר זען וואָס עס איז געשען.

אַז מען האָט געעפנט די טיר האָט מען געזען ווי אַ הויכער שוואַרצער ייד אין גרויסע בלאָע ברילן שטייט מיט אַן אויפגעהויבענעם שטעקן אויף דער שוועל.

— איר זענט ר' חיים אברהם? — האָט דער ייד הייזעריק געשריגן און זיך אומגעקוקט אויף די שטוב־מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער טיר. — איך האָב מיט אייך צו רעדן אַ סוד.

דער סוד איז אַרויסגעקומען און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סך־הכל איז עס דער מלמד ביי משהל פּריוועס אין וואַרשע און מען האָט אים אַהער געשיקט מיך צו פּרואוון. אַלע האָבן זיך באַרואיקט, און מיין פאָ־טער האָט אים אַריינגעבעטן אין די אינעווייניקסטע חדרים. מרדכי יוסף האָט געשפּאַנט. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם שטעקן פון דער האַנט. ערשט ווען ער האָט זיך אַנידערגעזעצט האָט ער אַרויסגענומען אַ גרויסע רויטע פאַטשיילע פון דער קעשענע און זיך געווישט דעם שטערן ווי אויך די פעסטע שוואַרצע באָרד. אַפילו די באָרד זיינע איז געווען פייכט פון שוויס.

— שווער צו טרעפן אין לאָדזש, — האָט מרדכי יוסף אָפּגעסאַפּעט, און אַפילו זיצנדיק געהאַלטן דעם שטעקן אין דער האַנט.

מען האָט דערלאַנגט טיי. מרדכי יוסף אַרבעס האָט מיט גרויס אימפּעט אויסגעזופּט צוויי גלעזער הייסע קאָכעדיקע טיי. עסן האָט ער נישט גע־וואָלט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איילט זיך און מוז נאָך היינט צוריקפאָרן קיין וואַרשע. מען טאָר אים נישט זען אין לאָדזש. ער איז אַהערגעקומען בסוד אַז אַ פויגל זאָל נישט וויסן. מען קאָן אים אַוועק־קוילענען זיין תלמיד מנחמען. ער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן צו מיין פאָטער און אים געהייסן ברענגען אַ גמרא, כדי מיך צו פּרואוון.

מרדכי יוסף האָט אויסגעקליבן די גמרא זבחים, און זייער אַ שווער אָרט, און מיך געהייסן זאָגן. ווען איך האָב געזאָגט די גמרא האָט ער צוגעקלאַפּט מיטן שטעקן אויפן דיל. דאַן האָט ער האַסטיק צוגעמאַכט

די גמרא און מיר באַפוילן אויסצוהערן זיינס אַ פּשטל. ער וויל, זאָגט ער, זען די שאַרפקייט פון מיין תפיסה.

דאָס פּשטל איז געווען שאַרף און שפּיציק און דערצו אויף גאָר אַ פרעמד ענין. דוכט זיך וועגן בעל־מומישע קרבנות. מרדכי יוסף האָט עס גע־שריגן צו מיר אויף זיין הייזעריק קול און מיך ווילד אָנגעקוקט דורך זיינע בלאָע ברילן ווי ער וואָלט מיך געוואָלט פאַרצוקן. אַז איך האָב עס נישט באַנומען באַלד אויפן אָרט האָט ער מיך אָנגעהויבן צו זידלען מיט די גרעסטע זלזולים און אויפגעהויבן זיין האַנט, מיר צו דערלאַנגען אַ פּאַטש.

אַלע אין שטוב זיינען געוואָרן צעמישט. איך האָב באַקומען טרערן אין די אויגן. מרדכי יוסף האָט זיך אָבער באַלד באַרואיקט און געזאָגט, אַז איך האָב אַ גוטע תפיסה, און די פריוועסעס באַקומען אַריין אין דער משפחה אַ כלי־מפואר און אַ צאַצקע.

## קאַפּיטל צען

ר׳ ישעיה פּריוועס שטאַרבט און זיין מלכות גייט וויטער אַן אויפן גענשער בית־עלמין. לאַדעניש, איטעלע פריוועס שטאַרבט און צירעלע פריוועס פילט זיך ווי אַן אַבלטע. מנחם ווערט אַ חתן פאַר די סקריי־טשינער פּריצים. משהל פּריוועסעס צערטלעכקייט צו חנהלען. אַ כלה פאַר ר׳ יהושיעלע קוטנערס אַן איניקל. חנהלעס האַרץ ציטערט צווישן שרעק און פרייד.

אין וואַרשע ביי דער משפּחה פּריוועס איז דערוויַיל געשען אַ גרויס געשעעניש. ס׳איז געשטאָרבן בשיבה טובה ר׳ ישעיה פּריוועס. וואַרשע איז געגאַנגען אויף רעדלעך. מען האָט ר׳ ישעיהן מקבר געווען אויפן גענשער בית־עלמין. מיט גרויס פּאַראַד, מיט הספּדים און לויבענישן האָט מען אים געלייגט צורו אינמי׳טן צווישן זעקס ליידיקע קברים. דאָס האָבן ר׳ ישעיהס זעקס זין פאַרזיכערט זייער פאָטער אַז זייַן מלכות גייט ווייטער. זיי וועלן זיך, אם ירצה השם, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אַלע זעקס אַוועקלייגן צו רו, אַרום אים, ר׳ ישעיה פּריוועסן.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער משפּחה פּריוועס די גרויסע לאָדענישן איבער דער מיליאָניקער ירושה. אַדוואָקאַטן האָבן גענומען צו אַ סך טויזנטער. אַלצדינג האָט זיך אויסגעלאָזט בכי־טוב. די זעקס פּריוועסעס האָבן זיך אַוועקגעזעצט יעדער אויף זייַן כסא־מלוכה.

אין משהל פּריוועסעס הויז איז אויך געווען אַ גרויסער טרויער. ס׳איז געשטאָרבן אי׳טעלע פּריוועס. זי איז געשטאָרבן אין מעראַן. מען האָט איר טויטן גוף געבראַנגט מיט דער באַן קיין קאַליש און אים מקבר געווען אין דער נאָענטקייט פון „נפש חיה“. ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אחוץ איטעלעס יתום און יתומות האָט אַממיינסטן לאַמענטירט צירעלע פּריוועס. זי האָט געזאָגט, אַז איטעלע איז איר געווען אייַנגעבאַקן אין האַרץ ווי אַן אייגענע שוועסטער און זי, צירעלע, איז אויך כמעט געבליבן אַ יתומה אויפן גזשיבאָוו. אין די טעג פון „שבעה“ נאָך איטעלען, האָבן צו צירעלען אין דירה פרעמדע יידן געקאָנט אַרייַנקומען אַן גרויסע מעלדעניש ביי דער טיר.

נאָך איטעלעס טויט האָט זיך אָנגעהויבן צו שיקעווען אַ שידוך פאַר מנחמען. ער איז למזל געוואָרן אַ חתן פאַר די ראָטנבערגס, די סקריטשעווער פּריצים.

אַזוי איז עס אויסגעקומען אַז סע דאַרף מער נישט זיין קיין סוד אַז חנהלע איז אַ כלה. חנהלע אַליין (מיין פּרוי) האָט מיר דערציילט ווי אַזוי און אויף וואָסער אופן זי איז געוואויר געוואָרן אַז זי איז אַ כלה.

באַלד ווי מנחם איז נאָר געוואָרן אַ חתן — די גאַנצע שטוב איז נאָך פול געוועזן מיטן טרויער און געדעכעניש פון דער געשטאָרבענער מוטער — איז משהל פּריוועס, חנהלעס פאָטער, אַמאָל אַריינגעקומען צו איר אין שטוב. ער האָט אויסגעקוקט פייערלעך און ערנסט. ער האָט צוגערופן חנהלען צו זיך, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און זי גענומען אויף דער שויס.

חנהלע איז גאָרנישט געוואוינט געווען צו אַזעלכע סענטימענטאַלע צערטלעכקייטן מצד דעם פאָטער.

ער האָט איר געזאָגט, אַז הגם עלטערן דאַרפן זיך נישט באַראָטן מיט קינדער מיט ווען זיי ווילן מיט זיי אַ שידוך טאָן. עס געהער נישט צו די מנהגים פון יידן. פונדעסטוועגן — אַזוי ווי זי, חנהלע, איז אַ יתומה, און ביי אַ יתומה איז עס אַנדערש און מען מוז איר דערציילן — אַזוי דערציילט ער עס איר — דערביי האָט ער איר געטאָן אַ גלעט איבערן קאָפּ — אַז זי איז שוין אַ כלה פאַר ר׳ יהושיעלע קוטנערס אַן אייניקל.

פון ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט חנהלע אָפט געהערט דערציילן פון דער מוטער. אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן נאָכן עסן פלעגט איטעלע זיך אַוועקזעצן צווישן אירע טעכטער און דערציילן מעשיות פון אירע קינדער־יאָרן. אין די דאָזיקע מעשיות פלעגט אָפט מיט גרויס ערפורכטיקייט דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון ר׳ יהושיעלע קוטנער, און עס האָט זיך איר, חנהלען, שווער געפּאָרט מיט אַ חתן. צום ערשטן איז דאָס מיידעלע דערציטערט געוואָרן. זי האָט נאָך בכלל נישט געהאָט געטראַכט וועגן אַ חתן, און זי האָט מורא באַקומען פאַר דעם פרעמדן באַגריף וואָס האָט זיך אַזוי קאַטאַסטראָפאַל מיטאַמאָל אַריינגעריסן אין אירע געפילן. אין איר אינעווייניק זיינען נאָך אָפן געווען אַלע וואונדן פון דעם טויט פון דער געליבטער מוטער. זי איז נאָך נישט געווען צוגעוואוינט צו דער הילפלאָזי־

קייט פון אַ יתומה... דער קלאַנג פון אַ חתן איז איר אויסגעקומען ווי אַ באַשיצער וואָס וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער מוטער און ווי אַ ווייטער געהיימנישפולער בן־מלך אין די קינדער־מעשיות.

חנהלעס האַרץ האָט געציטערט צווישן שרעק און פרייד, און זי האָט לאַנג און טיף געקוקט דעם פאָטער אין די אויגן אַריין, גלייך ווי זי וואָלט דאָרט געזוכט דעם באַשייד.

## קאַפּיטל עלף

מע וואַרט ביז חנהלע וועט אונטערוואַקסן. דער לעבעדיקער גאַסט פון וואַרשע. די שיינע בלימטשע. די מומע שפרה מירל האָט פאַר מיר פאַרט אויסגע־קליבן דאָס ריכטיקע. איידעלע רכילותן. בלימטשע האָקט אַ טשייניק.

פון וואַרשע האָט מען מיר צוגעשיקט דעם פיינעם גילדענעם זייגער מיט דער שווערער גילדענער קייט, ווי אויך אַנדערע חתן־מתנות. פון לאָדזש האָט מען צוריקגעשיקט רייכע כלה־מתנות פאַר חנהלען אין וואַרשע. פונדעסטוועגן האָט מען מיט די תנאים געוואַרט אַ צוויי יאָר ביז חנהלע וועט אַ ביסל אונטערוואַקסן און גיכער אויסקוקן ווי אַ כלה־מיידל. פון וואַרשע האָט זיך אינצווישן קיינער נישט געוויזן. איך בין געווען אַ חתן עפּעס ווי פאַר אַ תהום. בלויז אויף יום־טוב האָב איך געשריבן בריוו פולע מיט חידושי־תורה צו מיינע צוויי צוקונפטיקע שוואָגערס, אַראָטן און מענדעלע, און האָב פון זיי צוריק באַקומען בריוו מיט חידושי־תורה. אַראָטן האָט נאָך דערצו צוגעשריבן אין הויכער לשון־קודשדיקער מליצה, מחמת ער האָט ביי די פּריוועסעס געשמט פאַר אַ מליץ־מפואר. דאָס איז אַלצדינג. אויך מיין מוטער האָט אויף ראש־השנה באַקומען אַ בריוו פון חנהלען געשריבן אין אַ הויכן דייטשמעריש. ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט די עלטסטע שוועסטער בלימטשע אויפגעשריבן פאַר חנהלען דעם בריוו און חנהלע האָט אים בלויז איבערגעשריבן מיט זייער אַ קינדערישער האַנט־שריפט.

און אויך דאָס איז געווען אַלצדינג.

איינמאָל במשך די צוויי יאָר איז געקומען אַ בריוו אַז מיר קריגן דעם ערשטן לעבעדיקן גאַסט פון וואַרשע, און דאָס נעמלעך חנהלעס עלטסטע שוועסטער בלימטשע. זי קומט ספּעציעל קיין לאָדזש כדי מיך צו זען. זי האָט געזאָלט קומען אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג. שוין פון פרי אָן איז געקומען צו אונז די קאַלישער רביצין מיט איר טאָכטער יוכבד כדי

אַכטונג צו געבן אַז דער גרויסער כּבוד פֿאַר בלימטשען זאָל שמעקן מיט פּריוועס.

דעם דאָזיקן נאָכמיטאָג בין איך נישט געגאַנגען לערנען צו ר׳ מרדכי וולאָשטשאָווער אויף צעגליאַנע. נייערט געוואַרט אויפן גאַסט. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט פון דערוואַרטונג. הגם איך האָב געוואוסט אַז עס איז נישט די כּלה, פונדעסטוועגן וועל איך אויפן פּנים און אין דער געשטאַלט פון דער כּלהס שוועסטער פאַרט קאָנען עפּעס דערקענען פון חנהלען. בלימטשע איז געווען דאָס איינציקע ווייבלעכע נפש וואָס האָט זיך ענדלעך באַוויזן פון וואַרשע.

ווען עס האָט געטאָן אַ קלונג ביי דער טיר און עס האָט זיך באַוויזן דער גאַסט בין איך געוואָרן אינגאַנצן פּריטשמעליעט. אין דער משפּחה סיי פון מיין פאָטער סיי פון מיין מוטער זיינען נישט געווען קיין ווירקלעך שיינע פרויען. אָדער רביצינס, אָדער פּשוטע פאָלקס־ווייבער. אַפילו טאָמער איז עמעצער פון זיי געווען שיין האָבן זיי זייער שיינקייט פאַרוואַרלאָזט אי דורך שווערע האַראָפּאַשנע אַרבעט אי דורך רבנישער אָפּגעלאָזנקייט. איך האָב ס׳ערשטע מאָל באַקומען צו זען אַ שלאַנק און שיין פרויען־געשטאַלט, געפלעגט און דיסטינגגירט מיט מאַניערן און האַלטונג. בלימטשע האָט זיך געהאַלטן באַשיידן, אָבער מיט דער לייכטער ווירדע פון אַ גרויס־שטאָטישער דאַמע. דערביי האָט זי געהאַט אַ באַחנט שמייכעלע אויף די פולע קוים־געעפנטע ליפּן און גרויסע שוואַרצע און לעבעדיקע אויגן. איך גלויב, זי איז דעמאָלט אַלט געווען ביי אַן אַכט און צוואַנציק יאָר. פון אירע מאָדישע און עלעגאַנטע קליידער האָט זיך אַרויסגעפילט איר שלאַנקער קערפּער וואָס האָט דעמאָלט זיך פון דאָס ביי געהאַט פאַנאַנדערגעבליט מיט דער רייפקייט פון אַ יונגער מוטער.

בלימטשע איז מיר אויסערגעוויינלעך געפעלן געוואָרן. הגם אַ חסידישער בחור האָב איך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר די אויגן. אויב די כּלה חנהלע זאָל אַזוי אויסקוקן ווי די שוועסטער — דאַן האָט די מומע שפרה מירל פאַר מיר פאַרט אויסגעקליבן דאָס ריכטיקע. די קאַלישער רביצין האָט זיך באַצויגן צו בלימטשען מיט דער האָפערדיקייט פון אַ לייבלעכער באָבע און דערביי אַרויסגעוויזן וואָסער נאָענטער שמעלקע זי איז מיט די פּריוועסעס.

וואָס סע זיינען געווען די שמועסן מיט בלימטשען, געדענק איך נישט.

איך האָב נאָר געקוקט אויף איר שיינקייט. בלימטשע האָט כסדר אַרויס־געוויזן דאָס „גוט דערצויגנקייט" פון אַ וואַרשעווער גבירישער שטוב. זי האָט ווייניק געגעסן, און וואָס זי האָט גענומען האָט זי גענומען מיט דער דיסטינגירטקייט פון אַ דאַמע. איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען אַזעלכע גבירישע ווייבערישע מאַניערן, און כ'האָב אָנגעהויבן צו באַנעמען וואָס עס הייסט אַזעלכעס די פּריוועסעס. מיין פּשוטע מוטער האָט כמעט ווי געשוויגן. בלויז די קאַלישער רביצין און יוכבד האָבן אונטערגעהאַלטן דעם גרויסן גבירישן טאָן. מען האָט גערעדט זייער איידעלע רכילותן. די קאַלישער רביצין האָט זיך אויסגעפּרעגט אַלערליי נייסן פון די הויז־געזינטן ביי די פּריוועסעס. זי האָט דערפון גערעדט ווי אַן אייגענער מענטש. עטלעכע מאָל האָט בלימטשע דערמאָנט דעם נאָמען פון איר שוועסטער חנהלע. זי האָט געזאָגט אַז עס איז זי כמעט נישט צו דער־קענען. זי וואַקסט. און זי וואַקסט אויס אויף גאָר אַ שיין מיידל. דערביי האָט בלימטשע דערציילט אַז חנהלע לערנט זיך פראַנצויזיש — און דאָס האָט מיר געוואַלדיק אימפּאָנירט. אַגב, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגע־וויזן איז די מעשה מיטן פראַנצויזיש געווען אַ פּשוטער ליגן און נישט מער ווי אַ שיינער גבירישער מאַניער צו דערציילן אַזעלכע נישט גע־שטויגענע מעשיות. דאָס האָט אויך געהערט צום „גוטן טאָן" און צו דער „גוטער דערציאונג" פון די הויכע גבירישע פענצטער אין וואַרשע.

## קאַפּיטל צוועלף

חנהלע איז אויסגעוואַקסן און מיר פֿאָרן קיין וואַרשע אויף תנאָים. אַ פֿאַרעניש אין דער גאַנצער משפּחה. דער פֿעטער יעקל גיט עצות. ירחמיאל דערמאָנט זיך אין די זיסע בילדער פֿון מיין פֿאָטערס חתונה. די מומע גנענדל קויפֿט זיך אַ ניי פֿאַרטוך אויפֿן לוּוויטשער יאַר־מאַרק. סימכע גייגע קלויבט זיך איינצובייסן די פּריוועסעס. טעפּ מיט איינגעמאַכטס. אַביגדור גרוימאַן דערציילט מעשיות פֿון וואַרשעווער גבירים. ביי אונדז איז יום־טוב נאָר וואַרשע איז פֿאַרהאַוועט אין וואָכעדיקייט. מיר זיינען אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי" נאָר קיינער פֿון די פּריוועסעס ווייזט זיך נישט.

ענדלעך איז חנהלע אַלט געוואָרן פופצן יאָר. די מומע שפרה מירל האָט געזאָגט אַז זי קוקט שוין אויס ווי אַן אמתע כלה־מויד. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פּראַווען די אָפּיציעלע תנאים אין וואַרשע.

דאָס לאַנגע וואַרטן אַז חנהלע זאָל ווי עס איז אונטערוואַקסן, איז ביי אונדז אַלעמען געלעגן ווי אַ שטיין אויפן האַרץ. בלימטשע האָט גאָר פרי אָנגעהויבן צו מאַכן פאַר חנהלען לאַנגע קליידער כדי זי זאָל אויסקוקן עלטער. אָבער עס וואַקסט זיך נישט אַזוי שנעל. ענדלעך האָט מען זיך אויסגעוואַרט. ס׳האָט אויסגעקוקט ווי ערשט איצט הויב איך אָן צו ווערן אַ חתן און באַקום אַ כלה.

דאָס לאַנגע וואַרטן אויף די תנאים האָט געמאַכט אַזוי, אַז די גאַנצע משפחה מיינע האָט זיך מיטגעלאָזט קיין וואַרשע אויף די תנאים פונקט ווי עס וואָלט געווען אויף אַ חתונה. די סיבה פון דעם גרויסן פאַרעניש איז געווען וואָס דאָס ערשטע מאָל דאַרף זיך מיין משפחה צונויפקומען מיט די פריוועסעס. פאַר דער קוטנער משפחה איז עס פאָרט נישט קיין גרויסער שאָק, הגם אין קוטנע גופא האָבן זיך דער פעטער יעקל און ירחמיאל שטאַרק אָנגעהויבן מכין צו זיין אויף דער וואַרשעווער נסיעה. דער פעטער יעקל האָט אָנגעהויבן צו געבן „עצות״. אין ירחמיאלס זכרון האָבן זיך פונדאָסניי פאַנאַנדערגעבליט אַלע זיסע און וואונדערלעכע בילדער פון מיין פאָטערס חתונה. פון גרויס מתיקות פון די אַלע געדעכענישן איז ירחמיאל ביי זיך געוואָרן גאָר האָפּערדיק און ער האָט געגלויבט, אַז די וואַרשעווער תנאים וועלן האָבן עפּעס אַזוינס פון דער אַסמולסקער חתונה, — און עס לוינט זיך טאַקע צו לעבן אויף דער

וועלט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ירחמיאל מיטן פעטער יעקל האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו קריגן. דער פעטער יעקל האָט ירחמיאלן געווען „נאַר" און ירחמיאל האָט געשריגן „ראַצע". דעם גרעסטן שאָק האָט איבערגעלעבט די פראָסטע משפחה פון מיין מוטער. מיט רבנים און גוטע־יידן האָבן זיי זיך שוין ווי עס איז געהאַט איינגעלעבט. פאַרט זיינען רבנים ביי זיך פשוטע יידן. פאַר וואַרשע און פאַר די פריוועסעס האָבן זיי געפילט אַ גרויס אומהיימלעכקייט. עפּעס אַ מין פרעמדאַרטיקע שרעק ווי פאַר גאַר אויסטערלישע און פריצישע יידן. זיי האָבן אַלע באַשטימט צו פאָרן. זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב זיי וועלן נישט ביישטיין דעם דאָ־זיקן נסיון — ווי שווער ער זאָל נישט זיין — דאַן בלייבן זיי שוין אייביקע פראָסטאַקעס. דאָ איז די ריכטיקע שאַנס זיך אויסצופיינערן. די מומע גנענדל האָט זיך געקויפט אַ ניי פאַרטוך אויפן לוויוויטשער יאַרמאַרק. אַמהאָפּערדיקסטן ביי זיך איז געווען סימכע גייגע. שבעלע פריוועס האָט ער נאָך גוט געדענקט פון מיין פאָטערס חתונה, און ווי דאָס ביקל אין שטאָל האָט אים שבת אינדערפרי צעריסן די אַטלעסענע קאַפּאָטע. איצט זיינען אַנדערע צייטן און ער איז נישט דער זעלבער סימכע גייגע. פאַרט איז לאַגעווניקי נישט אַסמאַלין. אויב ער האָט איינגעביסן די קאַלישער רביצין וועט ער זיך נישקשה אַן עצה געבן אַפילו מיט די פריוועסעס.

אַזוי האָט זיך מיין משפחה פון אַלע עקן פוילן פאַרנומען צו פאָרן אויף די לאַנג־אויסגעוואַרטע תנאים. פון לאָדזש אויס האָבן מיר כמעט באַזעצט אַ גאַנצן וואַגאָן. די באָבע חיה האָט מיטגענומען אויפן וועג גאַנ־צע טעפּ מיט איינגעמאַכטס און געבאַקענע לעקאַכער כדי קיינעם זאָל חלילה נישט פאַרחלשן דאָס האַרץ. אַביגדור גרוימאַן האָט אַ גאַנצן וועג דערציילט מעשיות פון וואַרשעווער גבירים, פון זיין ברודער האַרשל, ווי אויך פון די פריוועסעס. אַביגדור גרוימאַן, איינער פון אונדז אַלעמען, האָט זיך דאָרט געפילט גאַר אַ היימישער. הגם, זינט ער האָט חתונה געהאַט פון קוטנע און געוואָרן אַן איידעם ביים פעטער יעקל און שפּעטער אַ „שרייבער" אין לאַגעווניקי און אין דלוטאָוו איז ער כמעט קיינמאָל מער נישט געווען אין וואַרשע, האָט קיינעם נישט געקאָנט פון די היינטיקע גבירים און פאַמעלעכל אַפילו פאַרגעסן דעם וואַרשעווער דיאַלעקט — נאָר גערעדט האָט ער ווי ער וואָלט אַלעמען דאָרט געהאַט ביי זיך אין וועסטל־קעשענע.

בײ דער באַן אין װאַרשע, — הגם מיר זײנען געקומען אויף תנאים צו די פּריוועסעס — האָט אונז קײנער נישט אָפּגעװאָרט. אויף אַ היפּשע צאָל דראָזשקעס זײנען מיר אַלע פאַרפאָרן פאַרן „האָטעל פּאָזנאַנסקי״. מען איז פאַרבײגעפאָרן די הײזער פון די פּריוועסעס. מיר האָבן אַרויפגעקוקט צו די פענצטער. מען האָט נישט געזען קײן שפור אַז עמעצער זאָל זיך דאָרט גרײטן צו די תנאים װעלכע זײנען פאַר אונז אַלעמען געװען אַזאַ געװאַלדיק געשעעניש. דאָס טויער פון פּריוועסעס הויז אויפן גזשיבאָוו איז געװען פאַרפּאַקט מיט פורן מיט אײַזן. פון אינעווייניק פון הויף האָט אַרויסגעהילכט אויפן גזשיבאָוו אַ ווילד געקלאַפּערײ און געהאַמער פון אײַזן. אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי״ האָבן מיר שוין געטראָפן די קוטנער משפחה, דעם זײדן ר׳ משהל און די באָבע לאה. מען האָט אונז געגעבן עטלעכע גרויסע טונקעלע צימערן מיט פײכטע אָפּגעשײלטע װענט. מיר זײנען אַלע געװען הונגעריק. מען האָט געהײסן אַרויפברענגען פון דער אונטערשטער רעסטאָראַציע די אמתע װאַרשעװער מיטאָגן. די באָבע חיה האָט אַרומגעטײלט לעקאַך מיט אײַנגעמאַכטס.

פון די פּריוועסעס האָט זיך קײנער נישט געװיזן. אין האַרצן האָב איך שוין אָנגעהויבן מורא צו קריגן אפשר חזרט זיך דאָ איבער די מעשה מיט זאַלאָשין און מיט אסתרן, און די פּריוועסעס האָבן זיך מײשב געװען בײ די סאַמע תנאים און מיך פונדאַסנײ געלאָזט אײַנדרויסן אויפן װאַסער.

איך האָב מיר אַ טאָפּ געטאָן בײם גילדענעם חתן־זײגער מיט דער קײט.

ערשט אין אַ דרײ שעה אַרום האָט זיך געהערט אַ הײזעריק שרײַען אויף די טרעפּן פון „האָטעל פּאָזנאַנסקי״, אַ האַסטיק געשפּאַן און אַ קלאַפּן מיטן שטעקן אויף די טרעפּ. אין אונזער טיר האָט זיך אין זײן גאַנצן אימפּעט באַוויזן מרדכי יוסף אַרבעס. ער האָט אויפגעהויבן צו אונז דעם שטעקן און אונז אַלעמען אָפּגעגעבן שלום־עליכם. אויף מיר האָט ער זיך אויסגעגלאָצט מיט זײנע בלאָע ברילן און שרײַענדיק געפרעגט צי איך האָב אָנגעגרײט אַ גוט פּשטל אויף די תנאים.

# קאַפּיטל דרייצן

די ערשטע טויבן פון די פּריוועסעס. „מע גייט!” די באָבע חיה לאָזט אַראָפּ אַ טאָפּ איינגעמאַכטס און אַלע שרייען „מזל־טוב”. תנאָים־געסט ביי דער משפּחה פּריוועס. די פינף פּעטערס גיבן אונדז קוים שלום־עליכם. אין ספרים־שטיבל. חנהלע.

חנהלע איז שוואַרץ־חנעוודיק נאָר שטאַרק בלאַס פון צעשראָקנקייט. פּנים לפּנים מיטן שיקזאַל. אויף אומהיימלעכע וועגן פון דער צוקונפט. פרעג די ווינטן אין דער מדבר און די שאקאלן וואָס קלאָגן אין די איינזאַמקייטן.

גאָר היפּש אין פאַרנאַכט אַריין האָט מען אָנגעצונדן די לאָמפּן אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי". מיר אַלע האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי אויפן פּוסט און פּאַס. דער זיידע ר׳ משהל האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען „שיעור". פּלוצעם האָט עס שטיל אָנגעקלאַפּט ביי אונזער טיר. אויף דער שוועל האָבן זיך באַוויזן צוויי יונגעלייטלעך.

שוין אויפן ערשטן אָנבליק האָט מען דערקענט אַז זיי זיינען פון די פּריוועסעס. זיי זיינען געגאַנגען גאָר נגידיש אָנגעטאָן, מיט פיין אויס־געקעמטע בערדלעך און מיט פּריוועסישע יידישע היטלעך אויף די קעפּ, ד״ה היטלעך מיט בענדלעך. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט ווי צוויי איי־דעמס פון משהל פּריוועס — מאיר דוד ליפשיץ און ירחמיאל אַראָטן — און האָבן אונז אַלעמען אָפּגעגעבן גאָר אַ פיינעם שלום עליכם. דאַן האָבן זיי געזאָגט אַז זיי זיינען געקומען אונז אַוועקפירן אויף די תנאים.

אין די עטלעכע צימערן פון „האָטעל פּאָזנאַנסקי" וועלכע מיר האָבן פאַרנומען איז ממש געוואָרן אַ מהומה און אַן איילעניש. מען האָט געשריגן: „מען גייט!" די צוויי נגידישע וואַרשעווער איידעמס זיינען רואיק געשטאַנען און געשמייכלט. זיי האָבן זיך נישט געהאַט וואָס צו איילן. ביי אונז האָט זיך אָבער געטאָן אַ געכאַפּ די פּאַלטענעס און די ווייבערישע מלבושים. פון גרויס איילעניש האָט די באָבע חיה אַראָפּגע־לאָזט אויפן דיל אַ טאָפּ איינגעמאַכטס און ער איז צעבראָכן געוואָרן. אַלע האָבן געשריגן: מזל־טוב. דער פעטער יעקל און ירחמיאל האָבן זיך פונ־דאַסניי אָנגעהויבן צו קריגן. ענדלעך האָט מען זיך ווי עס איז באַרואיקט.

מיר אַלע, מיטן זיידן ר׳ משהל אין דער שפּיץ און מיט די צוויי איידעמס זיינען אַרויס אויפֿן גזשיבאָוו.

די לאָמפּן האָבן שוין געברענט אויף דער גאַס. ס׳איז געווען אַ געפּאַר פֿון פֿורן און דראָזשקעס. הגם מיר זיינען אַלע געגאַנגען ווי האָפֿערדיקע מחותנים, — פֿונדעסטוועגן האָט דער גזשיבאָוו קנאַפּ אויסגעקוקט תּנאימדיק און איז געווען פֿול מיט וואָכעדיקער יידישער האַוועניש. אויך ביי די הייזער פֿון די פּריוועסעס האָט עס געטומלט מיט פֿורן, מיט דראָזשקעס און מיט וואַרשעווער יידן. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אינעם טויער פֿון די פּריוועסעס האָבן מיר געזען אַ גרויסן פֿינצטערן הויף. באַלד האָבן זיך די צוויי איידעמס פֿאַרקירעוועט מיט אונז אויף טרעפּ, צוגעפֿירט אויפֿן ערשטן שטאָק צו אַ גרויסע שטומע טיר און אַ דריק געטאָן אויף אַ קנעפּל.

די טיר האָט זיך געעפֿנט און איך האָב דערזען אַז מיר זיינען טאַקע אויף אמתע תּנאים. לאָמפּן און ליכט האָבן אומעטום געברענט. טישן זיינען געווען געדעקט. אין די חדרים האָט עס געווימלט מיט פֿרעמדע נגידישע יידן. כ׳בין אַריינגעקומען אין מיטן די סאַמע פּריוועסעס. כמעט אַלע — אַחוץ עטלעכע אָרעמערע יידן, מן־הסתּם מלמדים און יידן וואָס „דרייען זיך״ ביי די פּריוועסעס — האָבן געטראָגן די באַקאַנטע היטלעך מיט בענדלעך, די „פּריוועסאוואָקעס״. ס׳רוב זיינען עס געווען יונגעלייטלעך אין שוואַרצע גבירישע קאַפּאָטעס און מיט פֿיינע אויסגעקעמטע בערדלעך. זיי האָבן צווישן זיך געשמועסט קאַלטלעך, נישט מיט קיין איבעריקער פֿריינדשאַפֿט. אויף אונז האָבן זיי געקוקט מיט אַ קילן שמייכל. עס האָט מיר נאָר געוואונדערט וואָס קיינער פֿון זיי האָט אונז נישט אָפּגעגעבן קיין שלום־עליכם און זיך געהאַלטן גאָר פֿונדערווייטנס, — הגם מיר זיינען די פֿרעמדע מחותנים און עס זיינען מיינע תּנאים. בלויז מרדכי יוסף ארבעס איז אונז אַקעגנגעקומען מיט אַ שרייענדיקן און הייזעריקן ברוך־הבא און אויפֿגעהויבן צו אונז אַלעמען זיין שטעקן.

מיט אַ שטיל ליבלעך אָבער קיל שמייכעלע איז אונז אַקעגנגעקומען דער מחותן, דער כלהס טאַטע, משהל פּריוועס. ער איינער האָט לכבוד די תּנאים געטראָגן אַ זיידענע קאַפּאָטע מיט אַ גרויס סאַמעטן היטל מיט אַ בענדל. האָט אונז דערלאַנגט שלום־עליכם און אונז אַריינגעפֿירט אין די ווייטערע חדרים. אין אַ לעצט חדר ביי אַ ווייס־געדעקטן

טיש — אויף וועלכן ס'זיינען געשטאַנען גרויסע אַלטמאָדישע זילבערנע לייכטער און ליכט האָבן אין זיי געברענט — זיינען געזעסן פינף חשובע יידן. גרויסע, מאַסיווע און היפש באַבייכלטע יידן מיט גבירישע גראָע בערד. זיי זיינען געזעסן שווייגנדיקע, אַנגעכמורעטע. זיי האָבן צווישן זיך נישט געשמועסט און ווי יעדער פון זיי וואָלט געזעסן באַזונדער. פונדעסט־וועגן האָבן זיי אַלע געכאַפּט דאָס שטאַרקע ענלעכקייט פון ברידער. דאָס זיינען געווען די גרויסע פּריוועסעס. די פינף זין פון ר' ישעיה פּריוועס. די פינף זיילן פון חשובסטן גבירישן משפחה־קלאַן אין פוילן. די פינף יידן איבער וועלכע אַלע חסידישע גבירים אין פוילן האָבן זיך געריסן זיי צו באַקומען פאַר מחותנים. ענדלעך, נאָך גרויס מי און מאַטערניש קום איך פאַרט אַריין אין דעם דאָזיקן גאָלדענעם גבירישן יחוס.

שטאַרק אַנגעכמורעטע, האָבן די פינף פּריוועסעס קוים אויסגע־שטרעקט זייערע קורצע וואַרעמע הענטלעך און אונז אָפּגעגעבן שלום־עליכם. איטלעכער פון די פינף ברידער האָט עס געטאָן באַזונדער און אויף אַן אופן ווי ער וואָלט עס גאַרנישט באַמערקט אַז אויך דער אַנדערער ברודער טוט דאָס זעלביקע. אָבער באַלד זיינען זיי געבליבן זיצן מיט אַ מינע ווי זיי וואָלטן פאַרגעסן וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אַ מינוט צופריער.

נאָך דעם דאָזיקן אָפּיציעלן קבלת־פּנים ביי דער משפחה פּריוועס האָט אונז דער מחותן משהל פּריוועס אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער אָפּ־געלעגן חדרל. זעט זיך אויס די ספרים־שטוב, מחמת ביי דער וואַנט איז געשטאַנען אַ גרויסע מאַכאָנענע שאַנק מיט ספרים. אַ לאָמפּ האָט גע־ברענט. עס איז געשטאַנען אַ ווייס־געדעקטער טיש מיט לעקאַך.

דאָ האָט זיך דער זיידע ר' משהל אויסגעטאָן די רבנישע בעקעשע. מיר אַלע האָבן זיך אויסגעטאָן די פּאַלטענעס. דער זיידע ר' משהל האָט זיך אַנידערגעזעצט אויבנאָן. מיך האָט מען אַוועקגעזעצט לעבן זיידן ר' משהל. עס האָט עפּעס אין דער לופטן געשוועבט אַ דערוואַרטונג. איך האָב אַליין נישט געוואוסט וואָסערע. דער מחותן משהל פּריוועס איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט. אויף דער שוועל האָבן זיך באַוויזן משהל פּריוועס, זיין עלטסטע טאָכטער בלימטשע און די כלה חנהלע.

חנהלע איז געגאַנגען אַנגעטאָן אַ לאַנג טונקל באַל־קלייד כדי זי זאָל אויסקוקן רייפער און דערוואַקסענער. זי איז געווען אַ שלאַנקע און

אַ שוואַרץ־חנוודיקע אָבער שטאַרק בלייך פון צעשראָקנקייט. מיט גרויסע אויגן האָט זי זיך אומגעקוקט אויף די פרעמדע יידן, אויף דעם רב אויבנאָן ביים טיש וואָס זאָל זיין אַ זון פון ר׳ יהושיעלע קוטנער, און אויף דעם פרעמדן בחורל אין דער אַטלעסענער קאַפּאָטע מיטן סאַמעטענעם היטל וואָס זאָל זיין איר חתן, דער פּרינץ, הייסט עס, פון אירע קינדערשע חלומות. דער באַשיצער אירער אין איר יתומקייט. זי האָט געקוקט. אויך איך האָב אַ דערשראָקענער אויפגעהויבן די אויגן. אונזערע בליקן האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן באַגעגנט.

איך האָב געזען דאָס גלאַנציקע טונקלקייט פון איר לאַנג קלייד וואָס האָט ווי אַרויסגעהויבן איר שלאַנקקייט. אירע אָפענע אויגן און דאָס שטאַרקע בלאַסקייט פון איר פּנים. ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָט מיר אויסגעקוקט צו שטיין פּנים לפּנים מיטן שיקזאַל. מיט דעם דאַזיקן פרעמדן בלאַסן מיידל, וועלכע איך זע איצט צום ערשטן מאָל, וועט מיר אויסקומען צו פאַרברענגען ס׳גאַנצע לעבן, און צו פאַרבינדן זיך מיט איר אויף אַלע אומהיימלעכע אומבאַקאַנטקייטן פון דער צוקונפט. איך ווייס נישט ווי אַזוי גראַד דעמאָלט איז עס מיר געקומען אויפן געדאַנק. מן־הסתם פאָרן זיך שיקזאַל און צוקונפט מיט דעם טויט־געפיל וואָס זיצט טיף אין אונזער לעבן. איך האָב געקוקט אויף איר און געטראַכט: מיט אָט דער דאַזיקער אומבאַקאַנטער וועל איך גיין דעם ווייטערן וועג פון מיין לעבן. ביז צום סוף. ביז צום טויט. ווער פון אונז וועט פריער אַוועקגיין אַהין צום טויט, — דאָס ווייס איך נישט. דאָס ווייסט די צוקונפט. נאָר טאָמער גייט זי פריער אַוועק?... איך האָב נאָכאַמאָל אויפגעהויבן די אויגן און אָנגע־קוקט איר פּנים. דאָס איז מיין כלה... מיין לעבנס־באַגלייטערין... ווי וועט דאָס דאָזיקע פּנים אויסקוקן שפּעטער. גאָר העט־העט שפּעטער אויף די ווייטע אומהיימלעכע וועגן פון דער צוקונפט... אויפן טויטן־בעט?

— — — — — — — — — — — —

דער לייענער וועט מיר מוחל זיין וואָס איך וועל דאָ איבעררייסן אויף אַ וויילע דעם לויף פון די ווייטערע געשעענישן פון די בילדער פון מיין לעבן און אַוועקגיין צו אַ געשעעניש אין אַכט און דרייסיק יאָר שפּעטער.

אַכט און דרייסיק יאָר בין איך צוזאַמען געווען מיט חנהלען. די גאַנצע יוגנט ביז צו די יאָרן פון דער עלטער. מיר האָבן דורכגעמאַכט צוזאַמען אַ שווערן און אַן אינטערעסאַנטן וועג. אַ וועג פון וועלכן עס וועט מיר

נאָך אויסקומען צו דערציילן. טעג ליכטיקע און טעג טרויעריקע. מיר האָבןביידע פֿאַרלאָזט די סביבה פֿון וועלכער איך האַלט איצט אינמיטן דערציילן, און זיינען איבערגעגאַנגען צום היסטאָריש־דיאַלעקטישן ווידערשפּרוך פֿון דער דאָזיקער סביבה. צו דעם רעוואָלוציאָנער־שעפֿערישן המשך פֿון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. צום קעמפֿנדיקן יידישן אַרבעטער־קלאַס. צום „בונד״. שפּעטער זיינען מיר ביידע אַנטלאָפֿן פֿון דעם לאַנד פֿון די וואונדערלעכע פּולע יידן. פּוילן. דאָס מעסער פֿון די דייטשן האָט זיך אויפֿגעהויבן איבערן קאָפּ פֿון יידישן פֿאָלק אין אייראָפּע. מיר האָבן אַלע און אַלצדינג איבערגעלאָזט אין פּוילן. נאָך אַ לאַנגן נע־ונד זיין זיינען מיר אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

די משפּחות פֿון אונדז ביידן, אָט די אַלע פֿעטערס און מומעס וואָס ווערן באַשריבן אין די דאָזיקע בלעטער, זייערע קינדער און קינדס־קינדער זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן צוזאַמען מיט די מיליאָנען יידן. הונדערטער יאָרן איינגעפֿונדעוועט און טיף־שעפֿעריש יידיש לעבן איז אויסגעגאַנגען אין בלוט און אין פֿייער. יידן אין פּוילן זיינען אָפּגעווישט געוואָרן ווי אַ חלום.

אין אַמעריקע איז חנהלע שווער קראַנק געוואָרן. מער ווי אַ יאָר איז זי אַ טויט־קראַנקע געלעגן צו בעט. זי האָט זיך געגרייט אַוועקצוגיין צום טויט מיטן גוואַלדיקסטן מוט און ישוב־הדעת. זי איז געשטאָרבן. איך האָב געקוקט אויף איר טויטן־פּנים און מיך דערמאָנט יענע סצענע ווען אונזערע אויגן האָבן זיך ס׳ערשטע מאָל געטראָפֿן ביי די פּריוועסעס אין חדרל. ס׳איז געווען דער אָנהויב. און דער וועג איז געענדיקט. איך האָב חנהלען צוגעדריקט די טויטע אויגן, אָפּגעשאָרן אַ לאָק פֿון אירע האָר אויף אים צו באַהאַלטן. דאָס איז אַלצדינג וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון אַכט און דרייסיק יאָר לעבן. שטויב און זכרונות.

וואָס איז לעבן? קומען מיר טאַקע בלויז פֿון שפּיל און גייען בלויז צום שאָטן?

פֿרעג די ווינטן אין דער מדבר און די שאַקאַלן וואָס קלאָגן אין די איינזאַמקייטן.

## קאַפּיטל פֿערצן

די באָבע בלימעלע קומט אויף מיין חתונה. אין אַ קעלער ביי אַלטע וואורקער חסידים. אָרימע חסידישע ווייבער. אינעם פינצטערן קעלער דערציילט די באָבע בלימעלע פון די ליכטיקע צייטן ווען משיח וועט קומען. די באָבע בלימעלע פּאַרבעט די אָרימע ווייבער אויף דעם חתונה־שבת ביי די פּריוועסעס. אין טערקישע טיכער אויף די שבתדיקע וואַרשעווער גאַסן. די פּרי־וועסישע ווייבער אין זיידנס און אין צירונג. ביי טישן מיט כל־טוב. קיין עין־הרע אַזאַ שפע ביי יידן. די באָבע בלימעלע אויבנאָן צווישן די סמאַטשער ווייבער. עסט, ווייבעלעך, שבת־אויבס.

מיין חתונה איז געווען אין אַ וואַרשעווער סאַליע, ווי אַלע גבירישע חתונות. איך וויל פון איר דערציילן נאָר איין עפּיזאָד.

די באָבע בלימעלע, ר׳ יצחק וואורקערס טאָכטער, איז פאַרשטייט זיך, געקומען צופאָרן קיין וואַרשע אויף דער חתונה. די באָבע בלימעלע האָט נישט געוואָלט וואוינען צוזאַמען מיט אַלע מחותנים אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי״, נייערט — ווי עס איז געווען איר טבע — האָט זי געוואוינט ערגעץ אויף סמאָטשע אין אַ קעלער ביי אַלטע וואורקער חסידים. דער באָבע בלימעלעס באַלעבאַטים זיינען געווען גרויסע אָרעמעלייט, נאָר זייער שאַרפע און פאַרצייטישע חסידים. אויך די ווייבער אין דעם קעלער אויף סמאָטשע זיינען געווען פרומע חסידישע ווייבער, האָבן געלעבט אין וואַרשע אויף אַ גאָר חסידישן און פאַרצייטישן אופן און האָבן אַלע גע־טראָגן טיפע קופקעס. הגם די קופקעס זיינען געווען צעפליקטע און צע־דריפּעטע. ס׳איז טאַקע געווען אַ גרויס דחקות ביי די דאָזיקע וואורקער חסידים אין קעלער. פאַרט האָט אין אָט־אָ דעם קעלער כמעט תמיד גע־הערשט אַ חסידישע פריילעכע האָפערדיקייט. מען האָט געלעבט מיט גרויס בטחון און אמונה אין רבונו־של־עולם, אין זיינע צדיקים און אין זיינע יידן. אַ ייד ווערט נישט פאַרלאָזט. אויב מען הונגערט אַמאָל אונטער — דערפאַר זיינען מיר דאָך יידן אויף דער וועלט. אַבי אויף שבת וועט שוין דער רבונו־של־עולם זיינע יידן נישט פאַרלאָזן. מען איז טאַקע אָרעמעלייט — אָבער דאָך פריילעך וואָס מען איז יידן און וואורקער חסידים. ווען די באָבע בלימעלע פלעגט — בעת אירע שטענדיקע נסיעות — אַמאָל אַהין

צוקומען, איז אין דעם קעלער גאַר געווען יום־טוב. אַ שטיק פּאַרצייטיש וואורקע איז פונדאַסניי אַריינגעקומען צו דער אָרעמער חסידישער פאַמיליע, נייער בטחון און נייע ליבשאַפט צו יידן. צווישן די פינצטערע נאַסע קעלער־ווענט אויף סמאַטשע איז די באָבע בלימעלע געזעסן צוזאַמען מיט די פרומע ווייבער אין די צעריסענע קופקעס, און זיי דערציילט מעשיות פון גוטע־יידן און פון משיחן, און אַז אַ ייד האָט באמת גאַרנישט וואָס צו זאָרגן: וואָרעם אַ ליאַדע מינוט קאָן משיח אַנקלאַפּן ביים פענצטער און אים אַוועקטראָגן קיין ארץ־ישראל.

ווען די באָבע בלימעלע איז אַהין געקומען און דערציילט, אַז זי איז געקומען קיין וואַרשע אויף דער חתונה פון דעם אור־אייניקל, האָבן אַלע דאָרט איר אָפּגעגעבן דעם גרויסן מזל־טוב. ס׳איז געוואָרן אַ געווינטשעריי צווישן די אָרעמע יידן און אָרעמע ווייבער. די אָרעמע חסידישע משפּחה האָט געוואוסט, אַז די מחותנים זיינען די פריוועסעס. הגם די דאָזיקע יידן האָבן נאָך קיינמאָל נישט אָנגעקוקט אַ פריוועס אויף די אויגן און קיינמאָל נישט געזען זייערע מאַיאָנטקעס אויפן גזשיבאָוו. אָבער אויך אין דעם דאָזיקן פינצטערן קעלער אויף סמאַטשע האָט דערגרייכט דער נאָמען פון די גרויסע חסידישע אַדירים און ס׳האָט געשמעקט מיט מלכות און מיט פאַנטאַסטישע אוצרות.

שבת אין דער פרי צום „שול־פירן" — איידער נאָך די מאָנסבילן זיינען אַוועק דאַווענען אין וואורקער שטיבל אַריין — האָט די באָבע בלימעלע געגעבן אַ זאָג צו די ווייבער אין קעלער, אַז זי פאַרבעט זיי אַלעמען למען־השם מיט איר מיטצוגיין צום מחותן אויפן גזשיבאָוו.

דער באָבע בלימעלעס געבאָט איז פאַר די ווייבער געווען ווי אַ מצווה. אַ קלייניקייט אַ זאָג פון ר׳ יצחק וואורקערס טאָכטער. — אַ סך זיך מכין צו זיין האָבן זיי נישט געהאַט. אַלע האָבן זיי היינט געטראָגן די פאַרצייטישע אויסגעדריפּעטע שבתדיקע קליידלעך וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט פון אַמאָליקע יאָ״ן. אויף די צעפליקטע קופקעס אויף די קעפּ האָבן זיי געהאַט צוגעשטאָכן אַלטע שבתדיקע שלייפעלעך, און אויף די פלייצעס האָבן זיי געטראָגן אַלטע און צעריסענע טערקישע טיכער. אויך איבערבלייבענישן פון גאַר פאַרצייטישע יאָרן. די באָבע בלימעלע האָט זיי געזאָגט, אַז זיי, די סמאַטשער ווייבער, לייכטן אין שבת ווי אמתע יידישע טעכטער און קיין שענערע מחותנתטעס זיינען גאַר נישט בנמצא. משיח

קאָן זיך גאָר נישט ווינטשן קיין שענערע ווייבער. נאָכן מאָגערן שבת־דיקן עסן און די שבתדיקע זמירות, ווען די מאַנסבילן האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט די באָבע בלימעלע מיט אירע ווייבער זיך גענומען אין וועג אַריין.

ווי עס קוקט אויס שבת אויף וואַרשעווער גאַסן ווייטער פון דער סמאָטשע, האָבן די דאָזיקע ווייבער נאָך כמעט קיינמאָל נישט געהאַט געזען. עס האָט זיי געשטערט דאָס געפּאָר פון דראָזשקעס שבת צווישן יידן. אָבער זיי האָבן ווייטער פעסט געשפּאַנט אַרום דער באָבע בלימעלע אין זייערע אַלטע טערקישע טיכער און אין די קופּקעס. פון דער סמאָטשע צום גזשיבאָוו האָט מען אויך געמוזט אַדורכגיין אַ גוייִשע גאַס און דאָ האָבן די ווייבער אָנגעהויבן פעסטער צו שפּאַנען, מחמת זיי האָבן זיך מיטאַמאָל געפילט פאַרלאָזן פון שבת און פון יידן. ענדלעך זיינען זיי צוגעקומען צום גזשיבאָוו און צו די הייזער פון די פּריוועסעס. דער גרויסער הויף ביי די פּריוועסעס האָט געשוויגן פון זיין וואָכעדיקן געהאַמער, גלייך ווי דער סמבטיון, און דערמיט אַליין האָט דער גזשיבאָוו אויסגעקוקט שבתדיק.

ווען די באָבע בלימעלע מיט אירע סמאָטשער ווייבער האָט אָנגעקלאַפּט ביי משהל פּריוועסעס טיר, איז שוין דאָס גאַנצע ווייבערישע הויזגעזינד פון די פּריוועסעס געווען פאַרזאַמלט אין דער גרויסער סאַליע לכבוד דעם „שול־פירן". די טישן זיינען געווען רייך געדעקט מיט וואַרשעווער זיסוואַרגן און מיט פּרוכטן. איגאַליזאַנס קעלנער אין שוואַרצע פראַקן און אין זיידענע יאַרמלקעלעך אויף די קעפּ זיינען מיט גרויסשטאָטישער עלעגאַנץ אַרומגעגאַנגען און באַדינט דעם ווייבערישן עולם. די ווייבער, אויסגעפּוצטע און דיסטינגירטע, זיינען געזעסן ביי די טישן, שטיל צווישן זיך געשמועסט און קוים אָנגערירט פון די כיבודים. אויבנאָן ביי די טישן זיינען געזעסן די חשובע מומעס, די ווייבער פון ר׳ ישעיה פּריוועסעס זין, שטילע און דיסטינגירטע זיינען זיי געזעסן אין זיידנס און אין צירונג. צווישן זיי, גאָר אויבנאָן, איז געזעסן צירעלע פּריוועס אין איר גאַנצער שטאָלצער ווירדע, אין גראָען עלעגאַנט־פריזירטן שייטל. ברילאַנטן האָבן געפינקלט אין אירע אויערן, אויף איר האַלדז און אויף אירע פינגער. זי איז געזעסן מיטן גאָלדענעם לאָרניאָן אין דער האַנט און אים אַלע מאָל אויפגעהויבן צו די אויגן און דיסטאַנסירט געקוקט אויף די ווייבער פון מיין משפּחה.

די באָבע בלימעלע מיט די כמאָטשער ווייבער זיינען אַריינגעקומען מיט אַ ברייטן גוט־שבת. די סמאָטשער ווייבער אין די אַלטע טערקישע טיכער האָבן געשאָקלט מיט די צעדריפּעטע קופּקעס, ווען זיי האָבן געזען אַזאַ עשרות אין אַ יידישער שטוב, און אַזוי פיל גבירישע ווייבער און אַזוי פיל טישן מיט כל־טוב. זיי האָבן אַלע אָנגעהויבן צו שפּייען אויפן דיל און אויף איין קול אויסגעשריען: „קיין עין־הרע״.

דאָס אָנקומען פון דער באָבע בלימעלע האָט צווישן משהל פּריוועסעס טעכטער געמאַכט אַ רושם. זיי האָבן געהערט פון זייער פאָטער, אַז די דאָזיקע אַלטע יידענע איז ר׳ יצחק וואורקערס טאָכטער און מען דאַרף איר אָפּגעבן כבוד פונקט ווי אַ גוטן־יידן. זיי זיינען אויפגעשטאַנען און אַקעגנגעגאַנגען דער באָבע בלימעלע און זי אַרויפגעבעטן צום אויבנאָן. די באָבע בלימעלע האָט מיט זיך מיטגערופן די סמאָטשער ווייבער, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו שאָקלען מיט די צעריסענע קופּקעס און אויסצודריקן זייער התפּעלות. מען האָט אַרויסגערופן די כלה חנהלע. די סמאָטשער יידענעס צוזאַמען מיט דער באָבע בלימעלע האָבן פונדאָסניי אָנגעהויבן צו שפּייען אַרום זיך און צו שרייען: „קיין עין־הרע״.

צירעלע פּריוועס האָט גענומען דעם גאָלדענעם לאָרניאָן צו אירע אויגן. אַ לייכט איראָניש שמייכעלע האָט געשוועבט אויף אירע ליפּן. זי האָט זיך דערמאָנט אין אירע סאַליעס און אין אירע ווייכע שטילע טעפּיכער הינטער דער טיר פון דער קעגנאיבערדיקער דירה.

די באָבע בלימעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש צוזאַמען מיט די סמאָטשער ווייבער. אַלע האָבן געקוקט אויף דער דאָזיקער אויסטערלישער קאַפּעליע. געקוקט און געשמייכלט. פון טיש אַראָפּ האָבן געשמעקט די פּירות און די זיסקייטן. די סמאָטשער ווייבער האָבן נישט אויפגעהערט צו שאָקלען מיט די קופּקעס, צו באַוואונדערן די שפע ביי יידן און צו שרייען: „קיין עין־הרע״.

— נו, נעמט ווייבעלעך שבת־אויבסט, האָט די באָבע בלימעלע געטאָן אַ קאָמאַנדעווע.

די אָרעמע אויסגעדאַרטע הענט פון די סמאָטשער ווייבער האָבן זיך האַסטיק אַלע מיטאַמאָל אויסגעשטרעקט צו די פּירות, וואָס זיינען אין זילבערנע קוישן געשטאַנען אויפן טיש.

די סמאָטשער ווייבער האָבן אַלע צוזאַמען פרום געמאַכט אַ ברכה

„בורא פרי העץ“. די באָבע בלימעלע האָט אויפן הויכן קול געענטפערט „אמן“ און צוגעגעבן, אַז עס זאָלן זיין שמחות ביי יידן און אַז משיח זאָל שוין לאַנג מער נישט באַלאַמוטשען און ענדלעך אַ קום טאָן צו זיינע יידע־לעך, מחמת זיי וואַרטן אויף אים בייטאָג און ביינאַכט.

עס האָט זיך געהערט אַ הויך געביסעריי אין די עפּל און באַרן.

צירעלע פריוועס האָט אויפגעריסן די אויגן, זי האָט האַסטיק אַ נעם געטאָן דעם גאָלדענעם לאָרניאָן צו אירע בליקן און אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף די הויך־עסנדיקע ווייבער פון סמאָטשער קעלער.

## קאַפּיטל פֿופֿצן

דער צוג דערוויטערט זיך אויף די שינעס און איך בלייב צווישן פרעמדע מענטשן. שאָטענס הינטער זיך. מיר שווימען אַליין אויף אַ שיפל. צוריק אײַנדערוואַכנס. דער שווער האָט מיך צומאָל נישט אָנגעקוקט.

Miami 3?, Florida

אַ טאָג נאָך די לעצטע „שבע־ברכות" זיינען מיינע עלטערן ווי אויך דער זיידע ברוך און די באָבע חיה צוריק אַהיים געפאָרן קיין לאָדזש. איך בין איבערגעבליבן איינער אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט און צווישן פרעמדע מענטשן. ווען דער צוג האָט געריהרט פונעם באַנהויף האָב איך דאָס לעצטע מאָל געזען דורך די וואַגאָן־פענצטער די פּנימער מיט וועלכע איך האָב מיך ביז אַהער קיינמאָל נישט געהאַט פאַנאַנדערגעשיידט און בין צו זיי געוואוינט געווען מיין גאַנץ לעבן. איצט פאַרשווינדן זיי פון מיינע בליקן. איך האָב באַקומען טרערן אין די אויגן. אַ טיפער אומעט האָט מיך געדריקט און כ'האָב געהאַט דאָס געפיל אַז מיט דעם צוג וואָס דערווייטערט זיך אויף די שינעס און ווערט פאַמעלעך פאַרשוואונדן פון מיינע בליקן דערווייטערט זיך אויך און פאַרשווינדט אין אַ תהום אַריין די ערשטע תקופה פון מיין לעבן. עפּעס ווי אַ בריק איז פלוצעם געוואָרן אויפגעצויגן הינטער מיר און עס איז נישטאָ קיין צוריק. איך בין געבליבן אַליין אויפן וועג צו אומהיימלעכע אומבאַקאַנטקייטן. אַ תקופה האָט זיך פאַרענדיקט. עפּעס איז אָפּגעשטאָרבן. אפשר איז לעבן אַ כסדרדיק שטאַרבן — אַ כסדר הינטער זיך לאָזן נישט מער ווי שאָטנס...

איך בין צוריקגעפאָרן אויף אַ דראָזשקע. איך מיט חנהלען. מיר זיינען נאָךביידע געווען ווי פרעמדע — פרעמדע וואָס מ'האָט צוזאַמענגעבונדן מיט אַ קייט און אַרויפגעזעצט אויף אַ שיפל און געלאָזט שווימען. חנהלע איז נאָך כמעט געווען ווי אַ קינד און אינגאַנצן געלעבט אין חלומות צווישן שפּיל און שרעק. דאָס התונה־האָבן, דאָס יידישע

שייטל וואָס זי האָט געמוזט טראָגן אויף איר קינדעריש קעפּל, ווי אויך דער פּרינץ... פאַר איר — שטעל איך מיר פאָר — האָט עס געמוזט זיין אַ גרויסע און ביטערע אַנטוישונג. יעדע ווירקלעכקייט האָט אין חנהלעס אויגן געמוזט אויסקוקן פּיינטלעך און פרעמד צו אירע פאָרשטעלונגען.

אַ גאַנצן וועג האָבן מיר געשוויגן. מיר האָבן זיך נאָך איבערהויפּט נישט געהאָט ריכטיק צוזאַמענגערעדט. עס האָט אונזביידן געפעלט דער ריכטיקער קאָנטאַקט. איך האָב נאָך קיינמאָל כמעט נישט געהאָט גערעדט מיט מיידלעך. און חנהלע האָט זיך כסדר געשראָקן.

אַז איך בין צוריק אַרויפגעקומען צום שווער אין שטוב איז מיר נאָך אומעטיקער געוואָרן. איך האָב די שטוב ווי נישט דערקענט. די גאַנצע חתונה־שטימונג וואָס האָט געהערשט במשך די „שבע־ברכות" איז מיטאַמאָל געגעבן אַ פאַל אַראָפּ ווי מען וואָלט זי אויסגעווישט מיט אַ בעזעם. די ווענט האָבן אויסגעקוקט צו פאַרלייקענען אַז אַמאָל זיינען צווישן זיי געווען עפּעס אַזוינס ווי פייערלעכע טעג. אַ גראָע אַנגעכמורעטע און פאַרבלאָזע וואָכעדיקייט איז געלעגן אין די דאָזיקע גבירישע שטובן. און אַ שוויַיגעניש. בלויז פון די פענצטער צום הויף האָט דערגרייכט אַן אומאויפהערלעך געהאַמער פון אייזן. דער שווער, משהל פּריוועס, איז נישט געווען אין דער היים. ער איז געווען אין דער גרויסער אייזן־קראָם וואָס האָט געהערט בירושה צו אַלע זעקס זין פון ר' ישעיה פּריוועס. דער שווער איז צוריקגעקומען צום מיטאָג גאָר אַ וואָכעדיקער. ער האָט שוין געטראָגן אויפן קאָפּ דאָס ברייטע טוכענע היטל מיט אַ בענדל פון די פּריוועסעס. ער האָט מיך צומאָל נישט אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט מיט אַמאָל אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

# קאַפּיטל זעכצן

אַלעקסאַנדרער חסידים אין וואַרשע. די אייגענע אַרימעלייט ווי זייערע עלטערן און אור־עלטערן. אין אַלעקסאַנדרער שטיבל אויף טוואַרדע בייטן זיך נישט די צייטן. אַלצדינג ווי אין קדמונים. אַלעקסאַנדרער חסידים קומען אַריין צו די פּריוועסעס.

אַלעקסאַנדערער חסידים אין וואַרשע זיינע געווען אַ קליינער קיבוץ. אין זייער רוב — גראָד אין וואַרשע — זיינען זיי געווען גאָר אָרעמע יידן. אין דער ווינציקייט אָבער פון זייער צאָל און אין זייערע ביטערע דאגות־פרנסה האָבן זיי — גיכער ווי אַלע אַלעקסאַנדערער חסידים אין פוילן — איינגעהאַלטן דעם אַלטן וואורקער נוסח און די וואורקער פריילעכקייט. דאָס אַלעקסאַנדערער שטיבל אויף טוואַרדע האָט נאָך געשטאַמט פון דעם פאַרצייטישן וואורקע. די ווענט דאָרטן האָבן געהאַט געזען צווישן זיך גאַנצע דורות מיט וואורקער חסידים. אַפילו דער „יונגער וואורקער" האָט אַמאָל גאָר פאַרצייטנס געדאַוונט צווישן די דאָזיקע ווענט. טראַדיציעס פון ווענט און זאַכן זיינען נישט קיין קלייניקייט. זיי בינדן אונז צו צו די פאַרשוואונדענע דורות און האַלטן אָן דעם נוסח, דאָס געמיט און די שטי־מונג. קיין גרויסע גליקן האָבן דורך דער צייט נישט אַראָפּגערעגנט אויף דעם קיבוץ פון וואַרשעווער אַלעקסאַנדערער חסידים. זיי זיינען געבליבן די אייגענע אָרעמעלייט ווי זייערע עלטערן און אור־עלטערן. דעריבער האָבן די צייטן ביי זיי ווייניק געענדערט, דאָס וואַסער פון וואורקער פריי־לעכקייט איז ביי זיי פאַרבליבן שטיין ווי אין קדמונים.

דערצו זיינען די ווענט פון דעם אַלעקסאַנדערער שטיבל אויף טוואַר־דע געווען אַ סגולה צו אריכת־ימים. יידן זיינען צווישן זיי אַלט געוואָרן און דערגרייכט צו טיפער זקנה. אינמיטן די יינגערע אַלעקסאַנדערער חסידים האָבן זיך אַרומגעדרייט זקנים פון פאַרצייטישן וואורקע. זקנים, פאַר וועלכע עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז די צייטן האָבן זיך נישט געביטן און די יאָרן זייערע זיינען גאָר נישט אַוועק העט מיט די ווינטן. זיי זיינען גע־

ווען אַלטע וואַרשעווער יידן. עס האָט זיך עפּעס זיי נישט צוגעגלויבט אַז וואַרשע האָט זיך געביטן. הגם די עלעקטרישע טראַמווייען האָבן געקלונ־גען אין די גאַסן. זיי האָבן נאָך אָנגערופן די וואַרשעווער גאַסן ווי אויך פאַרשידענע יידישע הייף מיט אַמאָליקע יידישע נעמען. פאַר יענע אַלטע וואַרשעווער יידן איז געבליבן ... געווען וואָס איינצלנע יידישע קראָמען געפינען זיך נאָך אויף דעם אייגענעם פּלאַץ ווי אין קדמונים און אַז אין וואַרשע באַקומט מען נאָך די פאַרצייטישע גוטע פּוילישע מעדן. דאָס האָט אויך אָנגעהאַלטן די שטימונגען פון אַמאָליקן חסידות אויף טוואַרדע.

גראַד אין סאַמע צענטער פונעם פאַרהאַוועטן וואַרשעווער מסחר ביי יידן, ערגעץ אין אַ לעצטן הויף אויף טוואַרדע גאַס, אין דריי קליינע פינצ־טערע חדרימלעך האָט ווייטער געלעבט אַ שטיק חסידיש־יידישע פאַר־צייטישקייט. אַ שטיק וואורקע אין איר האַרציקער פריילעכקייט, אין איר ליבשאַפט צו יידן און צו אַ גלעזל בראָנפן.

די אַלטע חסידים פון אַלעקסאַנדערער שטיבל זיינען געקומען אויף מיינע „שבע־ברכות". ס'זיינען געווען חסידישע פריינד פון זיידן ר' משהל. אַזוי ווי מיר זיינען וואורקער איניקלעך האָבן די סענטימענטן פאַר דער דאָזיקער רבישער גזע געטליעט אין די חסידישע הערצער אויף טוואַרדע מיט דער פולער פרישקייט. די גערער חסידים זיינען מיט גרויס טומל און שאַרפער האָפערדיקייט אַרומגעזעסן ביי די טישן פון מיינע „שבע־ברכות". גערער חסידים פון דער וואַרשעווער גבירישער סמע־טענע. זיי האָבן מיט ביטול און מיט אַ שמייכל געקוקט אויף אָט־אָ דער נישטיקער אַלעקסאַנדערער „מאַכט" אין וואַרשע; אויף דעם ביסל זקנים און אָרעמע יידן וואָס זיינען אויך איצט מכלומרשט אַריינגעקומען צו די פריוועסעס צוליב די לאָדזשער אַלעקסאַנדערער מחותנים.

## קאַפּיטל זיבעצן

איטשל ריטקער שפּאַלט אַלע חודש דעם ים. אומצוטרוי צו אַ מיליאָנערסקע בן־יחידל. מן־הסתם ווייסט דער רבונו של עולם וואָס ער טוט. דער טאַטע אין הימל האָט זיינע קבצנימלעך געגעבן אַן אַנדערע שמחה. אַ משלנודיקער יאַט. מיר שמועסן זיך פאַ־נאַנדער. מען מוז גוט קוקן דורך דער טיר אויב ס׳איז נישט קיין „סטרייקער״.

כדי מיך נישט איבערצולאָזן גאָר אַליין אין אַ פרעמדער און נייער סביבה האָט מיין פאָטער — לויט דער עצה פון די וואורקער זקנים — פאַר מיר אויסגעקליבן אַ יונגנמאַן פון דעם אַלעקסאַנדערער שטיבל אויף טוואַרדע. ער זאָל, אַזוי צו זאָגן, מיט מיר לערנען. צו האַלטן אַ מלמד פאַר אַ גבירישן איידעם אויף קעסט, האָט געהערט צום גוטן טאָן און צום נוסח פון די חסידיש־גבירישע משפחות אין פוילן. דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט געהייסן איטשל ריטקער. ער איז געווען איינער פון די איידלסטע חסידים וואָס איך האָב געקאָנט. ער איז געווען אַ וויסטער אָרעמאַן, גע־האַנדלט מיט לאָטעריע־צעטעלעך און תמיד געווען אויסגעשטעלט אַז מען זאָל אים אַרויסוואַרפן מיט די בעבעכעס אויף דער גאַס. צו באַצאָלן דירה־געלט איז אים אויסגעקומען קריעת־ים־סוף. ווי קאָן אַן אָרעמער ייד אין וואַרשע אַלע חודש שפּאַלטן דעם ים? ער האָט זיך כסדר אויסבאַהאַלטן פאַרן זשאַנדצע און איז ביי זיך אין שטוב געזעסן מיט אַ ציטערניש טאָמער קומט דער זשאַנדצע מיט עטלעכע גויים און מען טראָגט אים אַרויס דאָס אָרעמקייט אויפן הויף. פונדעסטוועגן איז איטשל ריטקער, ביי דער גאַנצער אָרעמקייט זיינער און ביי די אייביקע פינצטערע דאגות, געווען אַ באַשמחהטער ייד. אַ ווילדער בעל־בטחון און מיט אַ סך חסידישן דענקען. זיין חסידות איז געווען זייער אינטעלעקטועל. ביי אַלע טראַ־דיציאָנעלע פאַרמען איז עס אין תוך געווען פרייהייטלעך. אין די ערשטע טעג איז ער אַריינגעקומען צו די פריוועסעס אין שטוב כמעט ווי אויף די נעגל. במשך זיין גאַנץ לעבן אין וואַרשע האָט ער זיך אַנגעהערט פון דער גבירישקייט פון די פריוועסעס. און ווען ער איז געלאָפן איבער גזשי־באָוו צו פאַרקויפן אַ לאָטעריע־צעטעלע און צו פאַרדינען אַ גראָשן אויף

אהיים צו ברענגען צו דער הונגעריקער משפחה — האט ער געזען די אפגעריסענע מויערן פון די פריוועסעס הייזער אויפן גזשיבאוו און גע־הערט דאס ווילדע געהאמער פון דעם אייזן־וואלד אין וועלכן עס איז באַ־שטאַנען זייער עשירות. די פריוועסעס האט ער געקאַנט בלויז פונדער־ווייטנס. ער האט געזען זייער גבירישן שטעל, זייער גרויס האלטן זיך איבער אלעמען און די הכנעה וואס יידן האבן ארויסגעוויזן צו אט־א דער משפחה אויפן גזשיבאוו. דאס ערשטע מאל איז ער צו מיר אריינגע־קומען א שטילער און א נישט־דרייסטער. סע האט זיך אים עפעס נישט צוגעגלויבט אז מען לאזט אים טאקע אריין צו די פריוועסעס און ער טרעט אויף זייערע דילן.

די ערשטע באקאנטשאפט מיט מיר — ווען ער איז ארויפגעקומען מיט מיר לערנען — איז געווען זייער אן איינגעהאלטענע. א גביריש־דרך־ארצדיקע. ער האט געוואוסט, אז איך בין אן אלעקסאנדערער חסיד און א וואורקער אייניקל, ד״ה א משלנודיקער — אבער פארט א מיליא־נערסקער בן־יחידל און אן אידעם ביי די פריוועסעס. גבירישע יונגע־לייטלעך האט ער געזען בלויז פונדערווייטנס. אין אלעקסאנדערער שטיבל אויף טווארדע זיינען זיי נישט געווען. ער האט געהאט צו זיי דאס פרעמדלעכע געפיל פון אומהיימלעכקייט און אפשיי ווי ארעמע מענטשן האבן בכלל צו זאטע און צו רייכע ווען דאס שווערע ביטערע לעבן קומט עפעס אן גאר גרינג ווי פאר זומער־פייגעלעך. איטשל ריטקער איז געווען אן עלטערער יונגערמאן מיט א שווארץ־גראלעך בערדל וואס איז אים געוואקסן אויף דער גאמבע אין צוויי באזונדערע שפיצן, גלייך ווי צוויי בערד וואלטן דא געוואקסן ברוגזערהייט און איינע האט זיך נישט גע־וואלט מישן מיט דער אנדערער. איך בין נאך געווען כמעט א ייִנגל מיט אן אנהויב בערדעלע אויף די באקן און מיט דער מאמעס מילך אויף די ליפן. פונדעסטוועגן האב איך געפילט ווי דער דאזיקער ארעמער דער־שראקענער ייד באציט זיך צו מיר — אין אנהויב — ווי צו עפעס א בייסיקע אומהיימלעכע בריאה.

אבער שוין אין צווייטן טאג איז דאס אייז צווישן אונז געפלאצט און די באציאונגען זיינע צו מיר האבן זיך שטארק געביטן. קודם־כל האט ער געהאט די פארשטעלונג אז אלע גבירישע קינדער זיינען צעבאלע־וועט פון שווארילטאג און זיינען פטור פון תורה און פון יעדער עול. איטשל

ריטקער האָט דאָ נישט אויסגעדריקט קיין סאָציאַלן פּראָטעסט, נייערט פּשוט באַשטעטיקט די כוונות און די מעשים פון רבונו־של־עולם. אויב דער רבונו־של־עולם קלייבט זיך אויס יידן וועלכע ווערן נישט פאַר־שוואַרצט ווי ער, איטשל ריטקער, לויפן נישט אַרום האָפּנונגסלאָזע כדי צו פאַרקויפן אַ לאָטעריע־צעטעלע און ציטערן נישט טאָג ווי נאַכט אַז מען זאָל זיי נישט אַרויסשטעלן אויפן הויף מיט די בעבעכעס — מן־הסתם ווייסט דער רבונו־של־עולם וואָס ער טוט, מן־הסתם איז ער גערעכט ווי גאָלד. אויב אַזעלכע יידן האָבן אַ לייכט לעבן, איז טאַקע נישט קיין יושר אַז דער רבונו־של־עולם זאָל זיי פּלוצעם אינמיטן דערינען אָנטאָן דעם עול־התורה און זיי פאַרמוטשען דעם קאָפּ מיט אַ שווער שטיקל גמרא. ווען יידן ווי זומער־פייגעלעך — טאָ לאָזן זיי שוין האָבן לייכט ביז הונ־דערט און צוואַנציק יאָר. פאַר איטשל ריטקער איז עס געווען דער קלוג־סטער סדר ווי אַזוי דער כביכול האָט איינגעטיילט זיינע יידן. די נגידים פריי‏ען זיך מיט זאָטקייט — זאָל עס זיי באַקומען געזונטערהייט. דערפאַר האָט דער טאַטע אין הימל זיינע קבצנימלעך געגעבן אַן אַנדערע שמחה: אַ שווער שטיקל מהרש״א, אַ חסידיש ספר, אַ רבישע תורה, אַ וואָרקער מעשה, און דער עיקר אַ בגילופנדיק חסידיש סעודהלע. מען קאָן זיך דאָן צעהוליען ביי אַ דאַרן הערינג און ביי אַ גלעזל י״ש. איטשל ריטקער וואָלט זיך בנאמנות נישט געוואָלט טוישן מיט די נגידים. ער איז גאָר דאַנקבאַר געווען דעם רבונו־של־עולם וואָס ער האָט אים אַריינגעזעצט צווישן אָרעמעלייט. בעסער איידער ווי ער וואָלט אים אָוועקגענומען פון דער תורה און אָוועקגעזעצט אויף אַ שווערן זאַק געלט.

דערזעענדיק אין מיר אַ יונגנמאַן וואָס קאָן זיך אין די קליינע אותיות, ווייסט אויך מעשיות פון וואָרקע, און איז באַהאַוונט אין חסידישע ספרים — האָט איטשל ריטקער כמעט ווי פאַרגעסן אין מיין גבירישן שטאַנד און געזען אין מיר אַ משלנודיקן יאַט. אים האָבן אויך אימפּאָנירט מיינע דעמאָקראַטישע נייגונגען און מיין קוקן אויף אָרעמע מענטשן ווי אויף דעם אויבערשטן פון שטייסל. אַזעלכע דיבורים פון אַ גביר זיינען ביי אים אויסגעקומען גאָר ווילדע נייסן. ער האָט אין תחילת נישט געגלויבט זיינע אויערן. איטשל ריטקער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַז פון מיר, פריוועסעס אַן איידעם, רעדן גאָר אַרויס מיינע וואָרעמסטע סימ־פּאַטיעס צום „בונד״ און צו די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. ער האָט

געקוקט דערויף יידישלעך און מיט די אויגן פון אַ וואורקער חסיד. און עס איז אים נאָך מער געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו מיר צוצובינדן. אינמיטן דער גמרא פלעגן מיר זיך פאַנאַנדערשמועסן וועגן אַנדערע יידישלעכע זאַכן.

אין דער פרעמדער, האַרטער און גביריש־פאַרכמורעטער שטוב איז איטשל ריטקער פאַר מיר געוועזן ממש אַ חיות. ער האָט פאַר מיר פאַר־טראַטן אַ סך פון דעם צו וועלכן מיין האַרץ האָט אַזוי טיף געבענקט. ביי די פריוועסעס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך בין מיטאַמאָל דערפון געוואָרן אָפּגעריסן אויף טויזנט מייל. הגם איך בין נאָך געווען אַ יינגל, פונדעסטוועגן איז מיר אויסגעקומען אַז מיינע קינדער־יאָרן, דאָס אַלצדינג צו וועלכן איך בין געוואוינט געווען אינדערהיים, אַלע מענטשן און אַלע זאַכן, זיינען אַזוי ווייט פון מיר. עס איז אַלצדינג געווען נישט מער ווי אַ חלום. דער דאָזיקער אָרעמער חסידישער יונגערמאַן וואָס קומט אַלע אינדערפרי אַהער צו מיר און קלאַפּט נישט דרייסט אָן ביי דער טיר — אין אים איז עפּעס ווי פאַרקערפּערט אַלצדינג. אַפילו מיינע סימפּאַטיעס צו די „אַחדות" זייגען אין אים פאַרקערפּערט, הגם אין לאָדזש בין איך פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג געשטאַנען אָפּגעטיילט מיט הונדערט גרענעצן. אָבער אין דער פשטות פון מיין משפחה, אין דער האַרציקער פאַלקסטימלעכקייט פון זיידע ברוך און די באָבע חיה האָב איך זיך געפילט ווי אין אַ גייסטיקן קאָנטאַקט מיט יענע אָרעמע יידן וואָס אימפּאָנירן מיר אַזוי שטאַרק מיט זייער העראָאיזם. דאָ, ביי די פריוועסעס בין איך געווען אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן. איך האָב געוואוסט אַז אין וואַרשע גייט ווייטער די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט צווישן יידישע אַרבעטער. נאָר אַלצדינג איז געווען אַזוי ווייט און אַזוי אָפּגעריסן. מען האָט ביי די פריוועסעס און אין הויז פון מיין שווער גערעדט פון די „סטרייקערס" ווי פון אַ באַנדע גנבים און אויסוואורפן וואָס האָבן גע־וואָרפן אַן אויג אויף דעם האָב און גוטס פון די גבירים און ווילן זיי באַ־ראַבעווען. אַפילו די לויזע טיר אין מיין שווערס דירה האָט זיך אָנגע־הויבן צו פאַרקייטלען און פאַרשליסן פאַר פרעמדע יידן. אויף יעדן וואָס האָט אָנגעקלאַפּט האָט מען אַרויסגעקוקט דורכן טיר־לעכל, און ערשט געעפנט ווען מען האָט זיך גוט איבערצייגט אַז עס איז נישט קיין „סטרייקער".

## קאַפּיטל אַכצן

אין דער וועלט פון אילוזיעס. וואָס איז ווירק־לעכער? איך הייב אָן צו שרייבן אַ גרויסע דערציילונג. טאָפּל־שפּיל.

אין די דאָזיקע ערשטע פון די נייע צייטן אין מיין לעבן האָב איך מיך אויסגעלערנט צו קאָנען לעבן אין דער וועלט פון אילוזיעס וואָס דאָס כישוף־שטעקעלע — פעדער — קאָן אויסבויען אויפן פּאַפּיר. איך בין נאָך נישט געוועזן אַזוי פילאָזאָפיש צו וויסן אַז סוף־כל־סוף ווייסן מיר נישט וועלכע ווירקלעכקייט איז ווירקלעכער. צי דאָס האַרטע שאָטן־שפּיל פון לעבן, — צי יענע וואונדערלעכע ווירקלעכקייט פון אונזער געמיט און פאַנטאַזיע וואָס פליסט — אָבער זי פליסט ניט אַזוי מיראַזשנהאַפטיק ווי דאָס לעבן אויף די איקסן פון דער צייט. די פאַנטאַזיע בלייבט תמיד קעגנ־וואַרטיק אויף די געהיימנישפולקייטן פון דער געשטאַלטונג. אויך די ווירקלעכקייט פון דער קינסטלערישער געשטאַלטונג האָט איר פרייד און איר טראַגיק. אירע פתרונות און אירע קאַמפן. אויך אין איר שפּילט זיך אָפּ — אין אַ גרעסערן, טיפערן און בולטערן פאָרנעם — דאָס אייביקע שוישפּיל פון מענטשלעכן גורל, די אייביקע פּיין און די אייביקע באַשטי־מונג פונעם מענטש.

ניין, דעמאָלט האָב איך עס נישט געוואוסט. היינט, בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות אין די יאָרן פון דער עלטער, און נאָך אַזאַ גרויסן חורבן פון וועלט, מענטשן, יידן און אין אומקום פון די נאָענטסטע אין בלוט און אין פלייש — ווייס איך ערשט וואָסער שווערער בלוטיקער חלום עס איז דאָס לעבן.

אויפדערנאַכט. דער טאָג איז אַוועקגעגאַנגען. איך האָב געענדיקט מיינע שיעורים מיט איטשל ריטקער. אויפן הויף האָט אויפגעהערט דאָס ווּיסטע אייביקע געהאַמער פון די פּריוועטעס אייזן. איך האָב מיך פאַר־

מאַכט אין מיין חדרל, אָנגעצונדן די לאָמפּ, אַרויסגענומען פון שופלאַד דאָס דיקע העפט און אָנגעהויבן שרייבן. כ'האָב דעמאָלט געשריבן העב־ רעאיש. אין וואַרשע אין דער נייער תקופה פון מיין לעבן, האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אַ גרויסע דערציילונג. עס איז געווען אַ דערציילונג פון אַ יונגן יידישן בחור. דער העלד איז אומגעפער געווען אין מיינע יאָרן. איך האָב אפשר דעמאָלט נישט געוואוסט וואָסער טאָפּל־שפּיל איך שפּיל מיט זיך אַליין און מיט מיין אייגן לעבן: און אַז אַ מענטש קאָן זיך רע־ קאָנסטרואירן אויף פאַרשידענע דימענסיעס און שפּילן מיט זיך אַליין קאָפּ־שלאָג. דאָס אַלצדינג וואָס ער האָט נישט אויף איין דימענסיע, גיט אים די אַנדערע דימענסיע אין פולער שפע. אין דער שטילקייט פון צימער, פאַרן פּאַפּיר, מיט דער פעדער אין האַנט, האָבן פאַר מיר אָנגעהויבן אויס־ צוואַקסן אַ וועלט, געשעענישן, ווילנס, קאַמפן, טראַגעדיעס און דער־ גרייכונגען אין וועלכע איך האָב מיך שרייבנדיק אינגאַנצן פאַרלאָרן, און געגלויבט אַז דאָס איז די אמתע וועלט אין וועלכער איך לעב און צו וועל־ כער איך געהער. אין יענע מינוטן האָב איך געגלויבט, אַז אַלצדינג אַרום מיר איז הוילער צופאַל און אויסדזכטעניש. נאָר די וועלט אויפן פּאַפּיר איז די איינציקע ווירקלעכקייט. די וועלט אויפן פּאַפּיר איז דער איינציקער רעאַלער אמת אינמיטן די שאָטנס פון לעבן וואָס לויפן און פאַרפליען ווי די שאָטנס פון די פייגל אויף די דעכער.

די דאָזיקע דערציילונג איז געווען דער ערשטער מאַנוסקריפּט וואָס איך האָב געוויזן י. ל. פּרצן. און ער האָט מיר עפּעס וועגן איר געזאָגט. דערפון וועל איך שרייבן אין די שפּעטערע קאַפּיטלען. איך וויל נישט פאַראויסלויפן די געשעענישן.

# קאַפּיטל ניינצן

לייבקע זאַקאָן. אינדערוואָכנס אַ נגיד, שבת אַ קבצן. מיטן שטעקעלע אויף וואַרשעווער גאַסן. ווען סע קומען גמינע־וואַלן מאַכט לייבקע זאַקאָן מיט וואַרשע זומער און ווינטער. לייבקע זאַקאָן באַקוקט זיין מאַיאָנטעק אויף גזשיבאָווסקע. ווער איז אָט דער פּרץ אין זער פּעלערינע? עס קומען די סטרייקערס און אַלצדינק ווערט לייבקען אַ קאַפּעטשקעלע פאַר־שטענדלעכער.

לייבקע זאַקאָן איז געווען איינער פון די אַלעקסאַנדערער חסידים אין וואַרשע וואָס לויט די באַדינגונגען פון קבצנישן שטיבל אויף טוואַרדע האָט ער געקאָנט הייסן, אַזוי צו זאָגן, אַ נגידישער אַלעקסאַנדערער חסיד. אויפוויזן פּראַקטיש מיט וואָס לייבקע זאַקאָן איז געווען אַ נגיד — און פאַר אַזעלכן האָט ער זיך אַליין געהאַלטן אין זיין גאַנצן שטעל און הילוך — איז שווער צו זאָגן. מחמת דער דאָזיקער אַלעקסאַנדערער נגיד איז אין דער אמתן גאָר געווען אַ קבצן אין זיבן פאָלעס, האָט געהאָפּט אויפן ווינט, שבת מאַכן איז ביי אים אויך נישט געווען קיין קליניקייט. און דירה־געלט איז געווען דער צווייטער קריעת־ים־סוף. דער זשאָנדצע — הגם נישט מיט אַזאַ חוצפה ווי ביי איטשל ריטקער — האָט אויך פונדעסטוועגן אַלע חודש געגעבן נישקשה אַ קאַפּולער אָנצוהערעניש אַז ער האָט אים בדעה אַרויסצושטעלן מיט די בעבעכעס אויפן הויף.

אָבער פאָרט איז לייבקע זאַקאָן געווען אַ נגיד. דאָ וויל איך מאַכן אַ קליינע רעזערוואַציע: היינע האָט אַ באַרימט ליד „די מלכה שבת“. ער שילדערט דאָרט אַ ייד וואָס איז אַ גאַנצע וואָך דאָס בילד פון הינטישער אָרעמקייט, שבת ווערט ער אַ פּרינץ. אָט־אָ דאָס ליד קאָן מען גוט אָנווענדן אויף לייבקע זאַקאָן, נאָר אויף אַ קאַפּויערדיקן דרך. אַ גאַנצע וואָך ווען מען האָט לייבקען געזען אויפן גאַס, האָט מען ווירקלעך געקאָנט מיינען אַז דאָ גייט אַ וואַרשעווער נגיד. דער פּאַלטן זיינער אַ נגידישער, מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער, און אַן אויסגעפּוצטער. געפינען אויף לייבקעס פּאַלטן אַ שפּרענקעלע שטויב וואָלט מען געמוזט קוקן מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז. דאָס קליינע גראָע בערדעלע נגידישלעך אויסגעקעמט. די

שטיוועלעך אויסגעפוצטע מיט אַ שאַרפן גלאַנץ. דאָס טוכענע היטעלע איז אים, לייבקען, מיט וואַרשעווער האָפערדיקייט געזעסן אויפן קאָפּ. דערצו האָט ער אין דער האַנט געהאַלטן אַ שטעקעלע מיט אַ קעפּל, וואָס ווען עמיצער זאָל נישט וויסן אַז לייבקע זאַקאַן איז סך־הכל אַ ייד אַן אביון, וואָלט מען געקאָנט מיינען אַז עס איז פון זילבער. מחמת דאָס קעפּל פון שטעקן האָט אויך געגלאַנצט אַן אויסגעפוצטס. אַזוי איז זיך לייבקע זאַקאַן געגאַנגען איבער וואַרשעווער גאַסן און געטאָן אַלעמאָל אַ נגידיש הוסטל.

געמומען האָט זיך עס דערפון וואָס איינמאָל אין עטלעכע יאָר בעת מען האָט געקליבן דאָזאָרעס צו דער וואַרשעווער גמינע אויף גזשיבאָווסקע האָט לייבקעס נאָמען מיטאַמאָל אויפגעשיינט אין אַלע זיבן וואַרשעווער הימלען ווי אַ גרויסער גאָלדענער שטערן. גבירישע טירן האָבן זיך פאַר אים געעפנט. אַפילו די פּריוועסעס האָבן אים געקוקט אין די אויגן אַריין. צירעלע פּריוועס האָט מיט אירע אייגענע הענט אים אַריינגעברענגט טיי מיט איינגעמאַכטס. מען האָט נישט מער געהערט ווי לייבקע און לייבקע. צו די וואַלן אין וואַרשעווער גמינע האָט מען נאָר צוגעלאָזט אַזעלכע ווײַלער וואָס האָבן געצאָלט פּופּצן רובל עטאַט אַ יאָר. לייבקעס עובדה איז געווען צו כאַפּן ווײַלער, צו אַגיטירן מיט גוטן און מיט בייזן, און צו מאַכן אַז וואַרשע זאָל זיך קאָכן. צי האָט זיך טאַקע וואַרשע געקאָכט צוליב לייבקען, און צי האָט ער טאַקע אין יענע הייסע טעג געהאַלטן וואַרשע ביי די פּאָלעס און געשלעפּט צו די וואַלן — עס איז אַן אַנדער פראַגע. נאָר גבירים און קאַנדידאַטן אויף דאָזאָרעס האָבן געגלויבט, אַז דאָס דאָזיקע יידל האָט די גמינע־בענקלעך ביי זיך אין קעשענע. אויך לייבקע איז געווען ביי זיך זיכער אַז אין אָט־אָ די טעג קאָן ער מיט אַלע קאַרפּן־קעפּ אין וואַרשע מאַכן זומער און ווינטער.

אין די דאָזיקע טעג האָט לייבקע ביי זיך אין טייסטער געהאַט היפּשע עטלעכע קערבלעך און האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער איז אַ גביר. די פעטע טעג זיינען אָבער באַלד צערונען. די דאָזאָרעס זיינען שוין געזעסן אויף זייערע בענקלעך אויף גזשיבאָווסקע און געטראָגן הויכע צי־לינדערס. לייבקעס שפּע איז צערונען ווי שניי. ער האָט ווידער באַקומען אָנצוהערענישן פון זשאַנדצע אַז ער וועט אים אַרויסשטעלן מיט די בעט־בעכעס. אַלע האָבן לייבקען פאַרגעסן. לייבקע אַליין האָט נישט פאַרגעסן,

און ער האָט געקוקט אויפֿן רויטן גמינע־הויז אויף גזשיבאָווסקע, ווי אויף זיין מאַיאָנטעק, און אויף די באַבייכלטע דאָזאָרעס אין די צילינדערס ווי יידן וואָס לעבן פון זיין חסד. קיינער האָט זיך אויף לייבקען נישט אומ־געקוקט. עס מאַכט נישט אויס. דער פּאַלטן זיינער איז געווען אָפּגע־פּוצט אָן אַ שפּרינקעלע, די שטיוועלעך האָבן געגלאַנצט, און ער איז געגאַנגען מיט זיין שטעקעלע איבער וואַרשעווער גאַסן און געטאָן דאָס נגידישע הוסטל. טיילמאָל איז ער גאָר אַ קום אַריין געגעבן אין דער גמינע כדי אַ קוק צו טאָן ווי עס האַלט מיט זיין מאַיאָנטעק.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט ביי די פּענצטערלעך אונטן אין גרויסן זאַל פון דער גמינע, און אַ קוק געטאָן צו די „מענטשן" אַרבעטן. ער האָט אַמאָל געכאַפּט אַ וואָרט מיט אלעזר פּריוועס, מיט הירשל גרוימאַן, צי גאָר מיט דעם באַרימטן יואל וועגמייסטער. טאָמער איז אַדורכגעגאַנגען איינער פון די מאַגנאַטישע אַסימילאַטאָרישע דאָזאָרעס האָט לייבקע זאָקאָן אויפאינדערגעשווינד פאַר אים אַ כאַפּ אַראָפּ געגעבן דאָס היטל. יענער האָט געטאָן אַ קאַלטן שמייכל צוריק, גלייך ווי ער וואָלט לייבקען געקאָנט.

נאָר איינעם פון די „מענטשן" אין דער גמינע האָט לייבקע עפּעס נישט געקאָנט איינבייסן.

און דאָס איז געווען י. ל. פּרץ.

לייבקע האָט געוואוסט אַז דער דאָזיקער דיקלעכער „מענטש" מיט די גרויסע גלעזערנע וואָנצעס וואָס קומט אַריין אין דער גמינע אין אַ פּעלע־רינע, איז דאָ נישט מער ווי אַ באַאַמטער באַגלייך מיט אַלע באַאַמטע. הגם ער האָט אַ שטיקל חשובן אַמט, און דאָס נעמלעך, דאָס בית־הקברות אויף גענשע. ער האָט אויך געהערט אַז דער דאָזיקער „מענטש" שרייבט מעשה־ביכלעך אויף יידיש און אויף לשון־קודש. וואָס ער שרייבט האָט לייבקע נישט געוואוסט און ס'האָט אים נישט אינטערעסירט. מן־הסתם טריף־פּסולך, אָדער סתם עפּעס שמאַכטעס פאַר ווייבער און פאַר מיידן. לייבקע זאָקאָן וואָלט זיך אַ מינוט דערויף נישט פאַרטראַכט און עס וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען. אין וואַרשע דאַרף מען פּרנסה און יעדער טוט וואָס ער קאָן. נאָר איין זאַך האָט לייבקע זאָקאָן נישט געקאָנט באַנעמען, און עס האָט אים היפּשלעך פאַרדראָסן. נעמלעך: לייבקע האָט נישט איינמאָל געזען בעת ער מעסט אויס מיטן שטעקעלע די וואַרשעווער גאַסן, אַז ווען דער דאָזיקער פּרץ גייט איבער דער גאַס קוקן זיך אַלע אויף אים אום

און אַ סך מענטשן נעמען פאַר אים אַראָפּ דאָס היטל. לייבקע זאַקאָן האָט זיך אויך אומגעקוקט און געקלאָפּט מיטן נגידישן שטעקעלע איבערן טראָ־טואַר. עס איז אים געגאַנגען איבערן קאָפּ: וואָס איז עס? איז אָט־אָ דער פּרץ אין דער פּעלערינע, אַ פּריץ, אַ מאַגנאַט, אַ וואַרשעווער קאַרפּן־קאָפּ? סך־הכל נישט מער ווי אַ „מענטש" אין דער גמינע.

אַז עס זיינען אויפגעקומען די סטרייקערס איז די מעשה מיט פּרצן פאַר לייבקע זאַקאָנען געוואָרן אַ קאַפּעטשקעלע אַזוינס ווי פאַרשטענד־לעכער. הגם ער האָט צווישן די מענטשן וואָס נעמען אַראָפּ דאָס היטל פאַר פּרצן געזען אַזעלכע וואָס קאָנען בשום אופן נישט כאַפּן דעם אַנ־בליק פון סטרייקערס.

## קאַפּיטל צוואַנציק

שבת אַ חסידישער אָרימאַן. שלוש־סעודות ביי ליבקען. עס פאַלן צו די פּאָרכצומע הייליקע טונקל־קייטן און לייבקע דערציילט מעשיות פון יונגן וואורקער. די גלוסטעניש און ליבשאַפט צו גאָט און צו יידן. דער וואורקער הייסט מאַכן אַ נייע קאַפּאָטע פאַר דעם יינגל משה און דערגרונטעוועט דערמיט די סודות פון דער תורה ביז צום דנאָ. אַלעקסאַנדרער חסידים כאַפּן אַ טענצל.

שבת און יום־טוב האָט זיך לייבקע זאַקאַן אינגאַנצן איבערגעביטן. ס׳איז אים נישט געווען צו דערקענען. דאָס נגידותשאַפט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. שבת אין שטיבל אויף טוואַרדע און ביי זיך אין דער היים וואָלט קיינער נישט געוואוסט אַז דאָס איז דער אויסגעפּוצטער לייבקע זאַקאַן פון די ששת־ימי־המעשה אויף וואַרשעווער גאַסן און אין דער גמינע. ער האָט אויסגעקוקט ווי איינער פון די קבצנישע חסידים פון וואורקער צייטן.

די אַטלעסענע קאַפּאָטע אויף אים איז געווען אַ צעדריפּעטע און פול מיט צויטן. דאָס שטריימעלע אויפן קאָפּ — אויסגעקראָכן און מיט אַ צעריסענעם ווערין. דאָס בערדל צעפּלאָנטערט און ניט אויסגעקעמט. לכבוד שבת איז עס זיך גאָר פאַרגאַנגען אין שפּיצן. ער האָט געטראָגן ווייסע חסידישע זאָקן און אויסגעקרימטע חסידישע לאַטשן, פאַרשטויבטע און אויסגעשמירטע ווי זיי וואָלטן נישט געוואוסט זינט זייער לעבן וואָס עס איז דאָס אַזוינס אַ באַרשט. בכלל האָט לייבקעס גוף אויסגעקוקט גלייך ווי ער וואָלט לכבוד שבת דינער געוואָרן און עניוותדיקער ווי דער גוף פון אַ חסידישן אָרעמאַן. ניין, ס׳איז נישט דער אייגענער לייבקע. אַז מען וואָלט אים געזאָגט יואל וועגמייסטער און אלעזר פּריוועס, האָט זיך אויסגעדוכט: לייבקע זאַקאַן וואָלט זיך קוים געקאָנט דערמאָנען צי ער האָט ווען עס איז געהערט די נעמען פון אַזעלכע יידן.

ער איז געזעסן אויף דער באַנק אין שטיבל צוזאַמען מיט די אָרעמע־לייט פון די אַלעקסאַנדערער חסידים אויף טוואַרדע. געשקאָצעוועט מיט זיי אויף זיין שאַרף קולעכל. געזאָגט גלייכווערטלעך און שטעכווערטלעך

אויפן חשבון פון די מעכטיקע גערער חסידים אין וואַרשע, און דערציילט מעשיות פון פּאַרצייטנס און פון וואורקע.

דער עיקר שבתדיקן גלאַנץ האָט לייבקע זאַקאָן דערגרייכט ביי זיך אינדערהיים שבת צו שלש־סעודות. לייבקעס דירה איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער „סאַלאָן" פון אַלעקסאַנדערער חסידים אין וואַרשע. פּאַרט איז לייבקע אינדערוואָכנס געווען עפּעס אַזוינס ווי אַ נגיד. נישט געקוקט אויף דעם קריעת־ים־סוף פון וואַרשעווער דירה־געלט האָט ער געהאַט צוויי חדרים מיט אַ קיך און צוויי אַלטע זילבערנע לייכטער פון זיין אַמאָליקן דרשה־געשאַנק — לייכטער, וואָס נישט איינמאָל אין זייער לעבן ביי לייבקען איז אויף זיי געהאַנגען דער חלף פון פאַרמשכנט צו ווערן אין לאָמבאַרד. תמיד — מעשה ניסים — האָט לייבקע זיך דערמאָנט ווער ער איז צווישן די וואַרשעווער קאַרפּן־קעפּ און ביי די וואַלן אין דער גמינע. און די לייכטער זיינען ניצול געוואָרן. דערפאַר האָבן זיי נגידיש געלויכטן אין די פּרייטיק־צונאַכטצן, געשטאַנען אַ גאַנצן שבת ביי לייבקען אויפן געדעקטן טיש, און שלש־סעודות־צייט זיך איינגעהילט אין די פאַרכצומע הייליקע טונקלקייטן. יאָרן לאַנג זיינען זיי געווען עדות ווי די אַלעקסאַנ־דערער חסידים פון טוואַרדע זאַמלען זיך ביי לייבקען אויף שלש־סעודות.

קיין גרויסע מעדנים האָט מען ביי שלש־סעודות נישט געגעסן. איטלעכער האָט מיט זיך מיטגעברענגט פון דער היים אַ פּיצל חלה. טייל־מאָל האָט מען נאָך געשאַפט עטלעכע טרוקענע הערינג. מען האָט זיך אַרומגעזעצט דעם טיש. לייבקע איז געזעסן אויבנאָן ווי אַ חסידישער אַרעמאַן אין דער צעפליקטער אַטלעסענער קאַפּאָטע און מיטן אויסגע־קראָכענעם שטריימעלע אויפן קאָפּ. די אַלעקסאַנדערער חסידים האָבן געגעסן די פּיצלעך טרוקענע חלה. די הייליקע און פאַרכצומע שלש־סעודות־טונקלקייטן זיינען צוגעפאַלן און צוגעפאַלן און איינגעהילט די יידן און דעם שבתדיקן טיש ווי מיט אַ טונקל דעקטוך פון דער מלכה־שבת. מען האָט געזונגען שלש־סעודות־זמירות, הללויה'ס, און „בני היכלא." ווען ס'איז געוואָרן גוט טונקל און מען האָט שוין ביים טיש קיינעם מער נישט אַרויסגעזען האָט לייבקע זאַקאָן זיך צעשמועסט פון וואורקע.

ער האָט געהאַט אַ שאַרף צינגל און איז געווען אַ זעלטענער דער־ציילער. ער האָט דערציילט בהדרגה און זייער פּלאַסטיש. די הויפּט־

מאַטיוון פון זיינע דערציילונגען זיינען געווען די לעצטע טעג פון „יונגן וואורקער" אין וואַרשע און ווי עס איז אויך געווען זיין פטירה. לייבקע איז דאַן נאָך געווען אַ יונגער בחור און האָט געהאַט די גרויסע זכיה משמש צו זיין דעם הייליקן ייד אין זיינע לעצטע טעג. לייבקע האָט דערציילט: די גרעסטע וואַרשעווער דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן אַזאַ קראַנקהייט ווי דעם „יונגן וואורקערס" נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען אין זייער לעבן. דער גוף פון דעם חולה ווערט עפּעס פאַרברענט פון אַן אומגעשטילטער אינערלעכער גלוסטעניש. חסידים האָבן אָבער געוואוסט אַז עס איז די גלוסטעניש און די ליבשאַפט צו גאָט און צו יידן. לייבקע האָט גאָר אָפּט דערציילט פון די לעצטע מינוטן פון „יונגן וואורקער". סע האָט זיך דערנענטערט דער סוף. די גרעסטע מקורבים האָבן זיך אַרומגעשטעלט דעם בעט. מען האָט אָנגעצונדן ליכט. דער עולם האָט אָנגעהויבן וויינענדיק צו זאָגן די קאַפּיטלעך תהילים וואָס מען זאָגט ביי אַ גוסס. פּלוצעם האָט מען באַמערקט ווי דער הייליקער צדיק באַוועגט מיט די ליפּצן. ר' בעריש ביאַלער, דער נאָענטסטער מקורב ביים רבין, האָט זיך אַראָפּגעבויגן און צוגעגויגט דאָס אויער צו די פּליסטערנדיקע ליפּצן פון רבין. אַלע האָבן געמיינט, אַז דער וואורקער וועט דאָ מגלה זיין נייע סודות פון דער תורה, אָבער ער האָט נישט מער געזאָגט נייערט ווי אַז מען זאָל מאַכן אַ נייע קאַפּאָטע דעם יינגל משה. דאָס איז געווען אַן אָרעם יינגל אַ יתום וואָס האָט געטאָן די נידעריקסטע אַרבעט בעת די קרענק פון „יונגן וואורקער." מיט דעם דאָזיקן לעצטן רצון זיינעם האָט ער, דער „יונגער וואורקער", אויסגעהויכט די הייליקע נשמה. ר' בעריש ביאַלער האָט געזאָגט, אַז אָט־אַ דאָס לעצטע וואָרט פונעם וואורקער איז געווען די טיפסטע חסידישע תורה וואָס ער האָט ווען עס איז געזאָגט, און האָט דערגרונטעוועט דערמיט די סודות פון דער תורה ביז צום דנאָ.

ווען ס'איז געוואָרן גאָר שפּעט אין די שבתדיקע טונקלקייטן און אויף וואַרשעווער גאַסן איז שוין לאַנג געווען מוצאי־שבת, האָט מען אָנגעצונדן צוויי קליינע וואַלוועלע ליכטלעך אין לייבקעס אַלטע זילבערנע לייכטער. לייבקע האָט געמאַכט הבדלה. די אַלעקסאַנדערער חסידים פון טוואַרדע האָבן געזונגען אַ וואורקער „המבדיל" און טיילמאָל געכאַפּט דערביי אַ טענצל.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

מען וויל זיך נישט געזעגענען מיט דער מלכה־שבת. עס רעדט זיך לייכט מלווה־מלכה. ירמיה! אין די ששת ימי המעשה אַריין איז מען אַריינגעטרעטן ווי נאַקעטע אָרימעלייט. ער שעפּט בראָנפן פון דער וואַנט. האַנדל, האַנדל! גענוג געאַרבעט אויף ישוב־העולם. אין דער היים אַ שלאָף־מיץ און אין שטיבל אַ בריה. ירמיה מאַכט עקזעקוציעס ביי חסידישע באַלעבאָסטעס. ירמיה כאַפּט פּעטש — אָבער די טשאָלענטער קומען אים אָקעגן פון די אינעווייניקייטן פון די באַק־אויוונס. ר׳ אלי הערץ גייט „אַהיים צו זיינע עלטערן״. פּאָרט טוישן זיך די דורות. דער טויטער ר׳ אלי וואַרט אויף זיין ריי און חסידים זיצן צווישן די ביימער אויפן גענשער בית־עלמין. ירמיה טיילט בראָנפן און די הערצער ווערן בגילופן־דיקער. עס איז נישט קיין קליניקייט אַ מחותן פון יונגן וואורקער.

לייבקע זאַקאָן און זיינע געסט האָבן זיך נישט שטאַרק געאיילט צו די ששת ימי המעשה וואָס זיינען פאַר אַזעלכע אָרעמע יידן ווי זיי אין וואַרשע געווען שווערע און ביטערע. קוים מען האָט געכאַפּט פון די לופּטן די ווינציקע היונה, און די זשאַנדצעס האָבן געקלאַפּט ביי די טירן און געסטראַשעט מיט עקסמיסיעס. שבת איז טאַקע אַ גליקלעכער טאָג פאַר אָרעמעלייט און מען האָט זיך נישט געאיילט מיט אים זיך צו געזעגענען. נישט איינמאָל איז געבליבן ביי די אַלעקסאַנדערער חסידים פון טוואַרדע צו בלייבן ביי לייבקע זאַקאָן אויף מלווה־מלכה.

עס רעדט זיך לייכט מלווה־מלכה. ביי לייבקען זיינען שוין די שבת־דיקע טעפּ ליידיק און די קיך איז אַ פּוסטער ברונעם. לייבקע האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן ביי די וואָכעדיקע קעשענעס. נישטאָ דאָרט מער ווי אַ האַרטער אָפּגעריבענער דרייער.

דעמאָלט האָבן אַלע אַ געשריי געטאָן:

— ירמיה!

ירמיה, אַ מידער האָט געהאַט איינגעדרימלט ביים טיש. אַז ער האָט געהערט זיין נאָמען, האָט ער זיך אַ ריס־אויף געטאָן.

— ירמיה, — האָט לייבקע זאַקאָן אַ זאָג געטאָן, — מיר ווילן היינ־טיקן מוצאי־שבת צוזאַמען עסן מלווה־מלכה. מיר ווילן אויך אַ פעסל ביר.

ירמיהס מידע פאַרשלאָפענע פּנים האָט זיך מיטאַמאָל אָנגענומען מיט אַ רויטלעכער פריילעכקייט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז מיטאַמאָל יינגער געוואָרן. ער האָט געטאָן אַ כאַפּ אויף זיך זיין תמיד צעריסענעם זומערדיקן פאַלטן וועלכן ער האָט געטראָגן אין די גרעסטע וואַרשעווער פרעסט, און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט איז ער אַראָפּ פון לייבקעס טרעפּ.

קיינער האָט אין מוצאי־שבת נישט געהאַט קיין גראָשן. אין די ששת ימי המעשה אַריין איז מען אַריינגעטרעטן ווי נאַקעטע אָרעמעלייט אָן די מינדסטע אויסזיכטן מאָרגן צו פאַרדינען אַ פרוטה. איינער פון די גרעסטע קבצנים אין טוואָרדער שטיבל איז געווען ירמיה. — פונדעסטוועגן זיינען אַלע דאָ געזעסן מיט דער פעסטסטער זיכערקייט אַז אין אַ שעה אַרום וועט ירמיה צוריקקומען אָנגעלאָדנט מיט חלות, פיש און פלייש, מאכלים וואָס זיינען איבערגעבליבן אין יידישע שטובן פון אויסגעגאַנגענעם שבת, און אַ גוי וועט אים נאָכטראָגן אַ פעסל ביר.

לייבקע זאַקאַן האָט פוגאָויפסניי אָנגעהויבן צו דערציילן חסידישע מעשיות. מען האָט זיך געגרייט צו מלווה־מלכה.

אין שטיבל אויף טוואָרדע איז ירמיה געווען ווי אַ מין לעבעדיקער חסידישער רעקוויזיט און עפּעס ווי געהערט צו די ווענט, צו דעם עמוד, ארון־קודש און צו די טישן פון שטיבל. טאָג ווי נאַכט איז ער דאָרט געזעסן, אַמאָל געדרימלט און תמיד געוואַרט מיט אָפענע אויערן טאָמער פלאַנט זיך עפּעס אַ חסידיש סעודהלע. אַלע, אַפילו די עלטסטע וואָרקער חסידים, וועלן דאָן מוזן צו אים אָנקומען. מיט דער גרעסטער ברייט־וויליקייט וועט ער ווייזן וואָס ער קאָן און שעפּן בראָנפן פון די ווענט און אַרויסכישופן פון דער לופטן הערינג און אַמאָל עפּעס בעסערס. פון פאַך, אַזוי צו זאָגן, איז ער געווען אַ ייד וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ זעקל איבער די יידישע הייף אין וואַרשע, אַרויפגעקוקט צו די פענצטער און געשריען „האַנדל״, „האַנדל״. דער דאָזיקער פאַך ירמיהס איז אָבער כמעט נישט מער געווען סיידן ווי ריינע טעאָריע. וואָרעם ער איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין שטיבל אויף טוואָרדע און געוואַרט אויף אַ סעודהלע, און איז געגאַנגען אַהיים צו זיך בלויז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט ווען ער איז זיכער געווען אַז דאָס ווייב זיינס שלאָפט שוין און זי וועט נישט אויס־גיסן אויף אים אַ פּאַמעניצע מיט קללות פאַרוואָס ער ברענגט נישט קיין פרנסה. דאָס ווייב האָט שווער געהאָרעוועט און אַרומגעטראָגן גרינצייג איבער די הייף. טאָמער האָט זי אים אָבער געפּאַקט, האָט דאָן ירמיה דערלעבט צו הערן אַ ביטערן מענה־לשון אַז אַלע חסידישע סעודהלעך זיינען אים פאַרגאַנגען אין מויל. ער איז שטיל געוואָרן ווי אַ לעמעלע, געכאַפּט דאָס זעקל אונטערן אָרעם און אַריינגעגאַנגען אויף אַ צוויי דריי הייף אין וואַרשע און געשריען „האַנדל״. נאָך אַ שעה אַרבעט אַזעלכע —

און דאָס אויך זייער זעלטן — האָט ירמיה באַטראַכט אַז זיין חוב פאַרן „ישוב־העולם" האָט ער שוין באַצאָלט מיטן פולן שעפל. אויפן ווייבס קללות האָט ער דאָן געקוקט ווי אויף אַ געוואַלטיקע אומגערעכטיקייט לגבי אים. ווי אַ ניי־געבוירענער און גאָר אַ האָפערדיקער איז ער צוריק געקומען אין שטיבל אַריין אויף טוואַרדע און געוואַרט צו טאָן דעם רצון פון פריילעכע אַלעקסאַנדערער חסידים.

ירמיה גופא איז אויך נישט געווען קיין יונגערמאַן. ער איז נאָך „געפאָרן" קיין ביאַלע און איז געווען נאָענט צו די זעכציק. ער איז געווען אַ הויכער, אַ ביינערדיקער, מיט ברייטע און איינגעפאַלענע פלייצעס. ער האָט געהאַט אַ ברייט און תמיד רויט פנים, אַ ביסל קאַליע אויגן און אַ גראָ אויסגעצופט בערדל. לצים האָבן געזאָגט אַז שעלטנדיק צופט אים דאָס ווייב אויס דאָס בערדל. פון וואַנען — ווען עס האַלט ביי אַ חסידיש סעודהלע — שאַפט ירמיה וואָס מען באַדאַרף, הגם פאַר זיין אייגן הויז־געזינט פאַרדינט ער קוים אַמאָל אַ גראָשן? פשוט — עס האָט זיך געגנו־מען פון זיין אימפעט און טעמפעראַמענט. וויפל ירמיה זאָל נישט זיין קיין שלאַף־מיץ וואָס שייך פרנסה אינדערהיים, איז ער פאַרט געווען אַ בריה וואָס שייך די חסידים אויף טוואַרדע. פון דער לופטן האָט ער פאַר זיי געבררענגט. דאָס אייגענע ווייב וואָלט דאָ נישט דערקענט איר ירמיהן.

ירמיה האָט געוואוסט ביי וועמען פון די חסידים אויף טוואַרדע עס שטייט נאָך עפעס אין די קיך־שענק און ער איז אַריינגעקומען אַהין מיט אַזאַ האָפערדיקן ירגזון און אַזוי מאַנעריש, אַז די חסידישע ווייבער האָבן געוואוסט אַז ווען ירמיה קומט וועט ער שוין מאַכן אַן עקזעקוציע — און געפרואווט זיך ווערן. ירמיה האָט אָבער געשריגן און דערמאָנט די נעמען פון די גרויסע חשובים פון אַלעקסאַנדערער שטיבל אויף טוואַרדע וואָס האָבן אים אַהער געשיקט, און חסידים ווילן מאַכן אַ סעודהלע. וועלכע יידענע קאָן דאָ האָבן אַ דעה איבער דעם וואָס זי האָט אָפּגעקאָכט? אַ קלייניקייט אַ שמחת־מצווה, האָט ירמיה געטופעט מיט די פיס און די קאַליע אויגן האָבן אים געלויכטן. ווען אַ יידענע האָט געפרואווט לייקענען און זאָגן אַז ביי איר אין שאַנק איז גאָרנישט נישטאָ, האָבן זיך די טירלעך פון די שענק עפעס ווי פון זיך אַליין געעפנט פאַר ירמיהס בליקן. און ירמיה האָט גענומען וואָס מען באַדאַרף. טייל האָפער־דיקע ווייבער האָבן געכאַפּט אויף ירמיהן אַ בעזעם. אָבער ירמיה האָט נישט

געקוקט אויף אַלע סקאַנדאַלן און גענומען וואָס מען באַדאַרף. שבת, ווען מען האָט באַדאַרפט אַ „קידוש" האָט שוין ירמיה געוואוסט וואו אַלעקסאַנדערער חסידים שטעלן זייערע טשאָלנטער און ער איז געגאַנגען צו די בעקערס אַרויסכאַפּן די אַלעקסאַנדערער טשאָלנטער פון די אויוונס און זיי ברענגען צום „קידוש". מיט די בעקערס איז עס נישט געווען אַזוי לייכט און ירמיה האָט טיילמאָל געכאַפּט פּעטש. אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט פאַר חסידים האָט ירמיה נישט געקוקט אויף קיין פּעטש. די טירלעך פון די אויוונס האָבן זיך פאַר אים געעפנט. די אַלעקסאַנדערער טשאָלנטער זיינען עפּעס ווי פון זיך אַליין בשמחהטע ירמיהן אַקעגנגעקומען פון די פינצטערע אויסגעהייצטע אינעווייניקייטן פון די אויוונס. דאָס נעמלעכע איז געווען ווען מען האָט באַדאַרפט אַ פּעסל ביר און ס׳איז נישט געווען קיין געלט, — אָדער ס׳איז געווען שבת, און מען טאָר נישט נעמען געלט אין דער האַנט אַריין — קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי, נאָר דער אָרעמאַן ירמיה האָט שוין געברענגט משכנות, געטראָגן זיי אין די שענקען. אויב ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער די שענקערס געוועקט, געשלעפּט זיי פון די בעטן צו עפענען די קראָם, און דאָס פּעסל ביר פאַר חסידים האָט זיך אַריינגעקאָלערט וואוהין מען דאַרף.

עס מוז צוגעגעבן ווערן: ביי אַלע סעודהלעך האָט ירמיה זייער ווינציק געגעסן. ער איז פאַרטאָן געווען אין משמש זיין דעם עולם און קוים געטרונקען אַ גלעזל פון דעם ביר וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל מי און קונצן אַהערגעברענגט פון די וואַרשעווער לופטן.

די זקנים אין אַלעקסאַנדערער שטיבל אויף טוואַרדע זיינען גע־בענטשט געווען מיט אריכת־ימים. לוויות זיינען דאָרט געווען פון די גרויסע זעלטנקייטן. נאָר אַפילו יידן וואָס האָבן די לענגסטע אַריכת־ימים קאָנען פאָרט נישט אייביק לעבן. האָט זיך דאָך אַמאָל געטראָפן אַז אַן אַלטער וואורקער חסיד פון טוואַרדער שטיבל איז „אַהיים געגאַנגען צו זיינע עלטערן".

אין די ערשטע וואָכן נאָך מיין חתונה איז דאָרט געשטאָרבן ר׳ אלי הערץ, אַ זקן גאָר נאָענט צו די ניינציקער. אַלע זיינע זין, וואָס האָבן אויך געדאַוונט אויף טוואַרדע, זיינען געווען טיפע זקנים און געשמעקט מיט „שיבה טובה". ר׳ אלי הערץ איז נאָך „געפאָרן" צום אַלטן וואורקער. אין די פאַרצייטישע יאָרן, נאָך פאַר דער „פּאָוסטאַניע" און נאָך פאַר

ר׳ ישעיה פּריוועס האָט עס געהייסן אַז ער, ר׳ אלי, האָט דעמאָלט געהערט צו די וואַרשעווער גבירים און דערימאַך האָט ער איינגעלייגט וועלטן כדי זיך משדך צו זיין מיט דעם „יונגן וואורקער״. פון ר׳ אליס מאַיאָנטקעס האָבן שוין פאַרגעסן אַפילו די פייגל אויף די דעכער. דערפאַר איז ער געווען כמעט דער עלטסטער חסיד אויף טוואַרדע און דער מחותן פון וואורקער. נישט געקוקט אויף זיין טיפער עלטער איז ער געקומען אויף חסידישע סעודהלעך און ירמיה האָט אים אונטערגעטראָגן אַ גלעזל ביר.

ווען ר׳ אלי הערץ איז געשטאָרבן האָט אין אַלעקסאַנדערער שטיבל אויף טוואַרדע געהערשט אַ געוואַלטיקע געריוטקייט. פאַרט טוישן זיך די דורות! אינעם טאָג פון דער לוויה האָט מען פאַרגעסן די שווערע דאגות־פרנסה און מען איז זיך אַלע צוזאַמענגעקומען אין דער שטוב פונעם נפטר. ירמיהן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין דעם דאָזיקן טאָג באַדאַרף ער זיך נישט אויסבאַהאַלטן פאַרן וויב. אַפילו אַ יידענע פאַרשטייט אַז אין דעם טאָג ווען מען גייט קובר זיין אַ וואורקער מחותן קאָן מען נישט נעמען קיין זעקל אונטערן אָרעם און גיין שרייען „האַנדל״. ירמיה האָט זיך געקאַכט, געשוויצט —

אַלע וואַרשעווער אַלעקסאַנדערער חסידים זיינען נאָכגעגאַנגען ר׳ אליס לוויה.

אין דרויסן אויפן גענשער בית־עלמין — איידער ס׳איז געקומען ר׳ אליס ריי צו דער טהרה, און איידער מען האָט אים מטהר געווען און אים געטאָן זיין רעכט — זיינען דערוויילן פאַרגאַנגען עטלעכע שעה. די אַלעקסאַנדערער חסידים האָבן געמוזט וואַרטן. מען איז אַרומגעזעסן אויף די בענק לעבן דעם טהרה־הויז. מען איז געזעסן און געשמועסט. לייבקע זאַקאָן — הגם ס׳איז געווען אינמיטן אַ דערוואַכן און ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ נגיד — פונדעסטוועגן — פאַרט ר׳ אלי הערצס לוויה, די לוויה פון אַ וואורקער מחותן — האָט זיך לייבקע זאַקאָן, זיצנדיק מיט חסידים צווישן די בית־עולם־בוימער, צעשמועסט פון אַלטע וואורקער מעשיות, נאָכאַמאָל דערציילט פון דער וואורקער פטירה און פון דער וואורקער לוויה, און אגב אויך דערציילט מעשיות וואָס ער האָט געהערט — ווען ער איז געווען אַ יינגל — פון ר׳ אליס נגידותשאַפט און פון זיין ברייטער האַנט פאַר חסידים. די צייט איז פאַרפלויגן. דער

טויטער ר׳ אלי האָט דערווייל געוואַרט אויף זיין ריי צו קומען צו קבר־ישראל.

די וואורקער מעשיות און דער אופן ווי אַלעקסאַנדערער חסידים זיינען געזעסן צווישן די גענשער בוימער, האָבן אָנגעצונדן ירמיהס חסידישן טעמפּעראַמענט. אים איז אויסגעקומען, אַז מען קאָן חסידים נישט לאָזן זיצן אַזוי לאַנג אויפן ניכטערן מאָגן. מען פאַלט אַריין אין עצבות און ווער ווייסט ווי לאַנג דער טויטער ר׳ אלי וועט נאָך מוזן וואַרטן אויפן טהרה־ברעט ביז ס׳וועט קומען זיין ריי צו דער קבורה. מען ווייסט נישט ווי אַזוי ירמיה האָט זיך דאָ צווישן די קברים אויף גענשע אָן עצה געטאָן — נאָר באַלד איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרויסע פלאַש בראַנפן צווישן די אַלעקסאַנדערער חסידים און געטיילט משקה. דער עולם איז געוואָרן בגילופנדיקער, פאַרט ר׳ אלי הערצס לוויה. לייבקע זאַקאַנס צינגל האָט זיך גאָר אויפגעבונדן און ער האָט פונאויפסניי אָנגעהויבן צו דערציילן וואורקער מעשיות. די שעהן זיינען פאַרגאַנגען. דער טויטער ר׳ אלי האָט נאָך אַלץ געוואַרט, אָבער ירמיהס פלאַש האָט זיך נישט געוואָלט אויסשעפּן. ער איז אַרומגעגאַנגען און געטיילט משקה. ווען מען האָט געהערט אַז ענדלעך האָט זיך ר׳ אלי דערוואַרט און מען טראָגט אים שוין אַרויס צו קבורה, זיינען די אַלעקסאַנדערער חסידים גאָר היפּשלעך געווען דערוואַרעמט פון בראַנפן און עפּעס אַזוינס ווי חסידיש־בגילופנדיק. לייבקע זאַקאַן האָט געוויזן אויף דעם צוגעדעקטן זעקל ביינער וואָס מען האָט געטראָגן צו קבורה און אויף זיין שאַרפן קולכל געזאָגט צו די מלווים: מען זעט טאַקע, אַז ר׳ אלי איז געווען אַ חסיד און אַ וואורקער מחותן, וואָרעם אַפילו ביי זיין לוויה טוט זיך נישט אָפּ די שמחה פון חסידים. מען האָט ר׳ אלין קובר געווען. האַרט ביים קבר איז געשטאַנען ירמיה און פון זיינע קעשענעס האָט נאָך אַרויסגעשטאַרצט אַ האַלבע פלאַש בראַנפן. ווען מען האָט געהאַט צוגעשיט ר׳ אליס קבר האָבן די זקנישע יתומים, עטלעכע אַלטע גרייז־גראָע איינגעבויגענע יידן, ר׳ אליס זין, געזאָגט קדיש. אינמיטן די בוימער פון גענשער בית־עולם האָט לייבקע צו זיי אַ געשריי געטאָן, זיי זאָלן זאָגן קדיש מער שמחת־תורהדיקער, וואָרעם עס איז נישט קיין קלייניקייט אַ מחותן פון „יונגן וואורקער״.

# קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

גענבעט צו די מוזעס. די פּריוועסישע שול אויף גנאַינע. דער שמש ר׳ נפתלי. פּראָסטע יידן מעגן ניש־קשה צואוואַרטן אויף אַ פּריוועס. דאָס שטיבל אויף גראַניטשנע. די פּריוועסעס און זייערע מקורבים. „צוואַמען״. אלעזר פּריוועס דאַוונט ביים אָרון־קודש. אַלע שבת ביים דאַוונען האָט יעקב פּיזול אַ האַרבע דין־תורה מיטן רבונו של עולם. מען מוז זיין אַ גרויסער חשוב כדי צו הערן פון די פּריוועסעס „גוט־שבת״.

ווען האָמער האָט אין דער „איליאַדע" אָנגעהויבן צו באַשרייבן די גריכישע פירשטן און זייערע שיפן האָט ער געבעטן צופריער ביי די מוזעס, זיי זאָלן אים ביישטיין. אַפילו פאַר אַ האָמער איז עס נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. צו באַשרייבן די משפחות פריוועס מיט זייערע הויז־געזינטן און מקורבים איז אויך נישט פון די לייכטע זאַכן און איך בעט אויך די הילף פון די מוזעס.

ר׳ ישעיה פריוועסעס זין האָבן געקויפט לכבוד דעם געדעכעניש פון זייער פאָטער אַן אַלטע שול אינמיטן דער יידישער געדיכטעניש אין וואַרשע. אויפן גנאַינע פלאַץ. אָבער זיי האָבן דאָרט נישט געדאַוונט. קודם האָט מען אין דער שול געדאַוונט „נוסח אשכנז". פאַר געוועזענע חסידים האָט זיך אַזאַ נוסח נישט געלייגט אויף דער צונג. פאָרט איז עס אַ שול צום געדעכעניש פון ר׳ ישעיהן — דעריבער האָט יעדן שבת אַן אַנדערער פון די זין געדאַוונט אין דער גנאַינער שול. און געדאַוונט דאָרט אויפן „נוסח אַשכנז". דאָס גיין אין שול אַריין אויף גנאַינע איז פאַר די זין פריוועס געווען אַ גאַנצער צערעמאָניאַל. אין דעם שבת וואָס איז אויסגעפאַלן אויף אַ זון פון ר׳ ישעיהן צו גיין אין יענער שול אַריין, האָט ער זיך געהאַלטן כמעט פאַר אַ לעבעדיק־געוואָרענעם ר׳ ישעיה און האָט זיך באַנומען מיט אַ באַזונדערער געהויבנקייט. קודם־כל איז ער נישט אַליין געגאַנגען אין שול אַריין אויף גנאַינע. שבת אינדערפרי האָט ער געוואָרט ביי זיך אין דער היים. געוואָרט אַז דער שמש ר׳ נפתלי זאָל נאָך אים קומען און אים נאָכטראָגן דעם טלית־זאַק פונעם גזשיבאָוו ביזן שול אַריין. דער שמש ר׳ נפתלי, אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגער שמאָלער און געלער

באַרד, איז טאַקע געקומען, געזאָגט אַ האַפּערדיקן גוט־שבת און געזאָגט, אַז דער עולם אין שול וואַרט מיטן דאַווענען אויף ר׳ ישעיהס זון. די מתפּללים אין דער גנאַינער שול זיינען געווען פּראָסטע יידן פון גנאַינער געגנט. זיי זיינען ס׳רוב געווען יידישע טרעגער פון פאַרן „אייזערנעם טויער" וואָס שטייען אַ גאַנצע וואָך מיט אַ שטריק אין דער האַנט און וואַרטן מען זאָל זיי רופן עפּעס אָוועקצוטראָגן. נישקשה, אַזעלכע יידן מעגן אַ קאַפּעטשקע צוואַוואַרטן מיטן דאַווענען אויף אַ פּריוועס. ווען דער שמש ר׳ נפתלי איז געקומען און געזאָגט אַז מען וואַרט, האָט מען זיך נאָך נישט געאיילט. אויך דער שמש ר׳ נפתלי האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט זיך ערשט אויסגעטאָן דעם פּאַלטן, זיך אַוועקגעזעצטביים טיש אין דער נייער אַטלאַסענער קאַפּאָטע וואָס די פּריוועסעס האָבן אים געמאַכט אויף אַלע פּסח, און זיך ערשט פאַרנומען צו טרינקען דאָס הייסע גלעזל שמעקנדיקע שבתדיקע טיי וואָס די דינסטן ביי די פּריוועסעס האָבן אַלע שבת אינדערפרי אָריינגעבערענגט פאַר אים, פאַר ר׳ נפתלין, דעם שמש פון דער שול אויף גנאַינע.

ענדלעך האָט ר׳ נפתלי מיט אַ בנעימותדיק ניגונדל גענומען דעם גרויסן סאַמעטענעם טלית־זאַק פון ר׳ ישעיהס זון און זיך געלאָזט מיטן גרויסן חשוב גיין אין שול אַריין דאַווענען.

דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער פייערלעכער משפּחה־אַקט וואָס האָט זיך יעדן זעקסטן שבת איבערגעחזרט ביי יעדן איינעם פון די זעקס פּריוועסעס.

אַחוץ דעם האָבן זיי אויפן טאָג־טעגלעכן געברויך געהאַט אַן אייגן שטיבל אין זייערע גרויסע הייזער אויפן גזשיבאָוו.

דאָס שטיבל פון די פּריוועסעס איז געווען אין זייערס אַ הויף אויף גראַניטשנע. עטלעכע חדרים אין פּאַרטער מיט די פענצטער אַרויס אויף זייערע גרויסע אייזן־מאַגאַזינען. דאָרט האָבן געדאַוונט די משפּחה פּרי־ווּעס מיט זייערע הויז־געזינטן. די אַנדערע יידן וואָס האָבן דאָרט גע־דאַוונט זיינען געווען פון די מקורבים ביי די פּריוועסעס, אָדער זין פון מקורבים. שבת אינדערפרי ביים דאַוונען האָט מען דאָרט געקאָנט זען כמעט די גאַנצע משפּחה פּריוועס צוזאַמען.

אָבער עס רעדט זיך אַזוי צוזאַמען. די הויזגעזינטן פּריוועס האָבן צווישן זיך געפירט אַ זייער קאָמפּליצירטע הויף־דיפּלאָמאַטיע וועלכע

האָט נאָך געשטאַמט פון דעם בכורה־קאַמף אַרום ר׳ ישעיהן. במשך די יאָרן האָט זיך די דאָזיקע דיפּלאָמאַטיע פאַרפלאָנטערט און פאַרגרעסערט צווישן די משפחות. זי האָט באַשאַפן אין דער פאַמיליע פריוועס אַ גע־וואַלדיקע קילקייט און דיסטאַנס. יעדן האָט זיך כסדר אויסגעדוכט אַז ער איז די אייגנטלעכע ראַזשינקע. אויך שבת אין זייער שטיבל האָט מען געקאָנט זען די דאָזיקע הויף־דיפּלאָמאַטיע. איטלעכער פון די „גרויסע" ברידער איז געשטאַנען אין אַ באַזונדער ווינקל אין שטיבל. עס איז שוין פון כמה יאָרן געווען זיין ווינקל. דאָס דאָזיקע אָרט האָט אויך געהערט צו דער קאָמפּליצירטער קייט פון דיפּלאָמאַטיע.

אלעזר פריוועס למשל, געוואוינט פון תמיד אָן צו זיין די ערשטע האַנט ביי די ברידער, איז געשטאַנען לעבן ארון־קודש. ער האָט זיך זעלטן־ווען אומגעקוקט. מיט זיינע גאָלדענע ברילן האָט ער געגלאָצט אויפן פּרוכת און געדאַוונט שטיל און קאַלט און מיט גבירישער דיסטאַנס. טייל־מאָל האָט ער זיך גלייכגעמאַכט מיט דער האַנט די ברייטע זילבערנע עטרה וואָס האָט אים געלויכטן אויפן שניי־ווייסן טערקישן טלית. לעבן אים איז אויך תמיד געשטאַנען זיין נאָענטסטער מקורב יעקב פּיוול, דער איינציקער ייד אין שטיבל וועמען צירעלע פריוועס האָט אַריינגעלאָזט צו אלעזרן אויף שלוש־סעודות. יעקב פּיוול האָט געדאַוונט ווי ער וואָלט זיך אַ צעקאָכטער אויסגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם, געהאַט מיט אים זייער אַ וויכטיקן און היציקן שמועס. טיילמאָל האָט יעקב פּיוול אַפילו געדראָט ביים דאַוונען דעם רבונו־של־עולם מיט דער פויסט און געריסן דאָס פּרוכת. אָדער גאָר מיטאַמאָל איינגעוויקלט זיין פּנים אינעם הייליקן טוך. וויפל מען זאָל נישט האָבן געזען יעקב פּיוולען דאַוונען, האָט מען כסדר געמוזט פונאויפסניי קוקן, — מחמת יעדעס שבתדיקע דאַוונען פון יעקב פּיוולען, ביי דער זייט פון אלעזר פריוועס, איז געווען אַ ניי משונהדיק ספּעקטאַקל און אַ ניי געטענהכץ מיטן האַר פון די וועלטן.

אין דער אַנדערער זייט פון אלעזר פריוועס, און אויך ביים ארון־קודש, איז געשטאַנען זיין עלטסט אייניקל פון עלטסטן זון. אַ נגידיש ייִנגעלע מיט אַ סאַמעטן היטל מיט אַ קנעפּל אין דער הויך און מיט אַ בענדל פון די פּריוועסעס. הגם אברהמטשע, אלעזר פריוועסעס עלטסטער זון, האָט געוואוינט ווייט אויף די נאַלעווקעס און האָט געדאַוונט אין אַן אַנדער שטיבל, האָט ער פונדעסטוועגן אַלע שבת איינדערפרי געשיקט זיין

עלטסט יינגעלע אויפֿן גזשיבאָוו כדי צו טראָגן אלעזרס טלית־זאַק אין שטיבל אַריין. עס האָט עפּעס אויסגעקוקט ווי אַן אַנדערער אַחוץ דעם משפּחה־בלוט פֿון די פּריוועסעס קאָן גאָר נישט האָבן די זכיה צו טראָגן אלעזרס טלית־זאַק. איין אויסנאָם אין וואַרשע איז נאָר געווען ר׳ נפתלי דער שמש פֿון דער גנאַינער שול.

נאָכן דאַוונען האָט יעקב פּייזל אויסגעקוקט אַן אויסגעבלייכטער און אויסגעוויקטער פֿון שווייס און האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט ענדלעך געוואונען די שווערע דין־תּורה מיטן רבונו־של־עולם און ער האָט זיך דערפֿאַר געריכט מ׳טצוגיין מיט אלעזר פּריוועסן אויף קידוש. אלעזר האָט אָוועקגעלייגט דעם טערקישן טלית, געבליבן שטיין אין דער הויכער סאַמעטענער יאַרמלקע און גביריש געגלאָצט דורך די גאָלדענע ברילן. טאָמער האָט אים עמעצער פֿון די ברידערן־קינדער געזאָגט „גוט־שבת״, האָט ער נישט געענטפֿערט. די „גרויסע״ פּריוועסעס האָבן בכלל נישט געענטפֿערט „גוט־שבת״, — נישט געענטפֿערט סיי צו די יינגערע מיט־גלידער פֿון דער משפּחה און סיי צו אַנדערע פּשוטע יידן. מען האָט באַדאַרפֿט זיין אַ גרויסער חשוב כדי צו הערן פֿון די פּריוועסעס „גוט־שבת״. די דאָזיקע איינגעהאַלטענע קאַלטקייט האָט גריילעך אונטערגעשטראָכן די דיסטאַנס צווישן ר׳ ישעיה פּריוועסעס אַ זון און זיין סביבה.

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

שמואל לייב פּריוועס איז אַ גוטער און אַ צוגע־לאָזענער. אַ ניאַנקע. דער בויך הערט מאַריענבאַד ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי. קריעת־ים־סוף. דאָס דריבנע יידל שמואל לייבס מקורב. שמואל לייב זיצט ביים שופלעדל נאָר מען זעצט אים צו אַ מינקת. די שניידערוקעס פּאַרשעלטן זיך די יאָרן ווען שמואל לייב מאַכט זיך אַ קאַפּאָטע. שווער צו כאַפּן די גליק־לעכע מינוט. שמואל לייב פּריוועס טוט אָן די האָרנ־שטיינס די גילדענע קרוין אויפן קאָפּ.

אויף אַ באַנק צווישן אָרון־קודש און דער מזרח־וואַנט איז געזעסן דער בכור פון ר׳ ישעיה פּריוועס. שמואל לייב פּריוועס. אַלע האָבן געזאָגט אַז שמואל לייב פּריוועס איז אַ גוטער און אַ צוגעלאָזענער. מיט וואָס ער איז געווען גוט און צוגעלאָזן ווייס איך נישט. קודם האָט צו אים נישט צוגעלאָזט זיין געוואַלדיקער בויך וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַלד אונטערן האַרץ און זיך צעוואַקסן ווי אַ גרויסע און קיילעכדיקע קעסל־פּויק פון פאַרנט פון שמואל לייבס געשטאַלט. דער בויך האָט עפּעס נישט געוואָלט אויסקוקן ווי אַ טייל פון שמואל לייבן, — רק ווי אַן אָנגעבלאָזענער און האָפּערדיקער יש האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף שמואל לייב פּריוועס כדי ער זאָל אים טראָגן. און שמואל לייב האָט אים טאָקע געטראָגן הינטער אַלע זיינע וואָכעדיקע און שבתדיקע קאַפּאָטעס, איז מיט אים געזעסן ביים טיש און געשלאָפן מיט אים צוזאַמען אין בעט. מאַריענבאַד — וואוהין שמואל לייב פּריוועס איז אַלע זומער געפאָרן כדי „אָפּצונעמען״ — האָט דער בויך געהערט ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי. פאַרקערט: צוזאַמען מיט די פאַרשיידענע מתנות וואָס שמואל לייב האָט פון דאָרט אַהיים געברענגט פאַר זיינע קינדער און מקורבים, איז ער אויך, דער בויך, צוריק געקומען מיט מער גאווה און אָנגעבלאָזנקייט. מאַריענבאַד איז אויך דעם בויך וואויל באַקומען. ער האָט זיך דאָרט פאַפּראַוועט צוזאַמען מיט שמואל לייבן וועלכן ער האָט באַטראַכט פאַר זיין אייביקע ניאַנקע.

דעריבער איז שמואל לייבן שווער געווען צו שטיין און מען האָט אים תמיד געזען אַ זיצנדיקן. ער האָט געהאַט אַ קליינעם קאָפּ, און איז

געווען דער איינציקער צווישן די פריוועסעס וואָס האָט נישט געהאַט קיין שיינע רחבותדיקע באָרד. פאַרקערט: שמואל לייב האָט גאָר געהאַט אַ קליין ווינציק און צעקראָכן בערדל וואָס אין אָנגעזיכט פון דעם גרויסן בויך האָט עס גאָר אויסגעקוקט עניוותדיק און נעבעכדיק. דערפאַר האָט שמואל לייב געטראָגן שבת אַ גרויסן סאַמעטענעם קאַשקעט מיט אַ ברייט בענדל פון די פריוועסעס און מיט אַ גלאַנציקן לעדערנעם דאַשעק, אַקוראַט פונקט אַזאַ סאַמעטן היטל ווי עס האָט געטראָגן ר׳ ישעיה פריוועס אַליין. דאָס איז געווען די איינציקע פריווילעגיע וואָס שמואל לייב האָט געהאַט איבער אַלע זיינע ברידער. פאַרט דער בכור.

שמונה־עשרה איז שמואל לייבן אויסגעקומען קריעת־ים־סוף. דער בויך האָט נישט האַלט געהאַט אַז מען שטייט מיט אים אָדער מען טראָגט זיך מיט אים אַרום. ער האָט געוואָלט מנוחה און דאָס איז געווען ביי אים אַ גרויסע הנאה. שמואל לייב האָט זיך טאַקע באַלד נאָך שמונה־עשרה אַנידערגעזעצט און שווער געפרייכט. ער האָט ליב געהאַט צו דאַווענען פון סידור. דאָס דאַווענען פון אויסנווייניק האָט אים צופיל אָנגעשטרענגט. שמואל לייב איז געזעסן צוזאַמען מיט זיין מקורב — גראָד עפּעס אַ דריבנע געל יידל וואָס האָט אויסגעקוקט לעבן שמואל לייבן ווי אַ מלופּם־קינד. ער האָט שבת נאָכגעטראָגן שמואל לייבן דעם טלית־זאַק. טאָמער האָט שמואל לייב געעפנט דאָס מויל האָט דער דריבנער געלער מקורב אים געקוקט מיט אַ שמייכעלע אין די אויגן אַריין און געזאָגט: „טאַקע, טאַקע, ר׳ שמואל לייבעלע" און עפּעס ווי תמיד זיך געפּלאָנטערט אַרום שמואל לייבס בויך. צי דאָס איז געווען זיין פרנסה ווייס איך נישט. מן־הסתם האָט ער דערפון געמאַכט אַ לעבן. נישט בחינם האָט מען געזאָגט אַז שמואל לייב פריוועס איז געווען אַ גוטער און אַ צוגעלאָזענער.

מען האָט דערציילט, אַז אַמאָל אַמאָל אין זיינע יונגע יאָרן איז שמואל לייב פריוועס געווען קאַסירער אונטן אין דער גרויסער אייזן־קראָם. ר׳ ישעיה פריוועס האָט אים געהאַלטן טאַקע פאַר אַ גוטן און אַ צוגעלאָזע־נעם, אָבער פאַר אַ בטלן און נישט פאַר קיין איבעריק פּיפיקן קאָפּ. פאַרט אַ בכור, — און מען האָט שמואל לייבן אַוועקגעזעצט ביים שופלעדל. ער איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן. דער בויך זיינער האָט זיך שוין דעמאָלט פאַר־נומען זיך צו צעבאַלעווען. דער סוף איז געווען, אַז עס האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז אַ בטלן טויג אפילו נישט צום בלויזן געלט־ציילן. די קאַסע

איז געווען אַן הענט און אָן פיס. „מענטשן" האָבן גאָר געשמאַק געגנבהט. מען האָט שמואל לייבן צוגעזעצט אַ „מינקת". די דאָזיקע מינקת — נישט חס־ושלום קיין יידענע, נייערט דווקא אַ שאַרפן ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד — האָט שמואל לייבן פּאַמעלעכל אָנגעהויבן צו „אַנטווינען" פון־נעם שופּלעדל. שמואל לייב איז געבליבן קאַסירער בלויז לויטן נאָמען נאָך. שמואל לייב איז עלטער געוואָרן. דער בויך איז געוואַקסן, און אים איז אויסגעקומען שווערלעך אַראָפּצוגיין פון די טרעפּ און צו גיין אין דער קראָם אַריין. אַחוץ שבת צום דאַוונען האָט ער זיך צוגעוואוינט צו זיצן אינדערהיים, צו עסן אַ גוטן מיטאָג, טרינקען אַ גלעזעלע אונגאַר־וויין, רויכערן אַ גוטן ציגאַר, און אַ סך צו שלאָפן. זומער־לעב איז ער געפאָרן קיין מאַריענבאַד, אַהיים געבראַכט מתנות און ווייטער געגאַנגען זיין גע־ווינטלעכן דרך. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען שמואל לייב פּריי־ווּעס האָט זיך באַדאַרפט מאַכן אַ נייע קאַפּאָטע איז עס סיי פאַר אים סיי פאַר די שניידערס געווען אַ געוואַלטיקע טירחה. די שניידערס האָבן זיך פאַרשאַלטן די יאָרן און אָוועקגעגעבן צייט און טעג ביז מען האָט ענדלעך שמואל לייבן געכאַפּט כדי איב צו מעסטן די קאַפּאָטע. שמואל לייב איז חס־ושלום נישט קיין פייגעלע וואָס פליט אָוועק און מען דאַרף עס ערשט כאַפּן. די מעשה איז געווען פיל קאָמפּליצירטער. ווען נאָר די שניידערס זיינען געקומען מיט דער קאַפּאָטע איז שמואל לייב געווען „באַזעצט". אָדער דאָס האַרץ האָט אים געחלשט פאַרן מיטאָג, און מען קאָן דאָך נישט מטריח זיין קיין הונגעריקן און פאַרחלשטן מענטש — אָדער שמואל לייב האָט אָקאָרשט געהאַט אָפּגעגעסן און ער האָט זיך באַדאַרפט אָפּרוען און כאַפּן אַ דרעמל. די שניידערס האָבן געוואָרט מיטן מלבוש, און געוואָרט אויף גאָרנישט, — און צו דערוואַרטן זיך אויף דער מינוט ווען שמואל לייב איז גראָד נישט הונגעריק און גראָד נישט געהאַט אָקערשט אָפּגעגעסן, איז נישט געווען פון די גרינגע זאַכן. דערפאַר האָבן טאַקע די שניידערס גענומען געזאַלצענע פרייזן ווען ס'איז אויסגעקומען צו מאַכן שמואל לייבן אַ קאַפּאָטע, אָבער זיי האָבן זיך געשוואוירן ביי זייערע מאַמעס, אַז ווען נישט פאַר קיין פריוועס וואָלטן זיי די אַרבעט נישט געמאַכט פאַרן גאַנצן גאָלד פון דער וועלט. יעדע קאַפּאָטע שמואל לייבס שטעלט זיי בדלות, מחמת זיי מוזן אויף וואָכן פאַרמאַכן די ווערקשטאַטן

און רק זיצן מיטן מלבוש ביי שמואל לייבן אין דירה און וואַרטן אויפן גליקלעכן מאָמענט.

אַלע גבירים אין פּוילן זיינען געלאָפן דערויף צו קריגן שמואל לייב פּריוועסן פאַר אַ מחותן. אַפילו די האָרנשטיינס פון ראַדאָמישלע, — וואָלינער צוקער־פאַבריקאַנטן און הייסע סאַדיגורער חסידים, האַפערדיקע „ראָסייאישע" גבירים וואָס האָבן נישט גורס געווען פּוילישן יחוס, נישט געהאַלטן פון גער און געקוקט אויף דער משפחה פּריוועס צען מאָל פון אויבן אַראָפּ — האָבן זיך אויך משדך געווען מיט שמואל לייבן. ס'איז נאָר געווען אַ גרויס שפּאַרעניש ווער עס האָט ווען אָנגעטאָן דאָס גאָלדענע היטל. די האָרנשטיינס האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן גאָר די פּריוועסעס אָנגעטאָן דעם גרויסן כבוד. נאָר די האָרנשטיינס זיינען געזעסן ווייט הינטער קיעוו, און ווער האָט זיי געהערט. אין וואַרשע און אין פּוילן האָבן אַלע געוואוסט, אַז דאָס האָט שמואל לייב פּריוועס אָנגעטאָן די האָרנשטיינס די גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ.

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

מענדל פריוועס דאַוונט ביים ספרים־אַלמער. טעפּ און קיך־געשיר. ווידער סאַלאָמעא דרעזנער. דער מקורב חיים פּיסעצנער. פּיסעצנע, די רעזידענץ פון בטלנים. אַזאַ קבצנטע ווי זיין טאָכטער וועט נישט האָבן די העזה אַקעגן צו טאָן דעם ווילן פון נגידים. חיים פּיסעצנער זינגט זמירות.

גראַד אונטן ביי דער מערב־וואַנט און גראַד — ווי להכעיס אַלע פּריוועסעס — כמעט האַרט ביי דעם ספרים־אַלמער איז געווען דאָס איי־ביקע דאַוון־אָרט פון מענדל פּריוועס.

דאָס וואָס מענדל פּריוועס האָט זיך אויסגעקליבן פאַר זיין „פּאַ־זיציע" דעם ספרים־אַלמער איז אויך נישט געווען קיין צופאַל. די פּרי־וועסעס האָבן נישט געהאַלטן פון צופאַלן. אַלצדינג ביי זיי האָט געמוזט זיין אויסגעבונדן און אויסגערעכנט לויט דער הויפּישער משפּחה־פּאָליטיק. אויך מענדל פּריוועסן האָט מען אייגנטלעך געהאַלטן פאַר אַ היפּשן בטלן, — נאָר אַזוי ווי צווישן די ברידער פּריוועס האָט אויך געמוזט זיין אַ למדן, האָט מען מענדלען געקרוינט פאַר דעם פּריוועסישן למדן. עס האָבן נישט געפעלט קיין חסידישע טעלער־לעקער וואָס האָבן מענדלס לומדות צע־טראָגן אויף אַלע דעכער. יעדן טאָג האָט מענדל געלערנט „שיעור". בטבע האָט ער געהאַט אַ שווערן און קרומען קאָפּ און האָט זיך גלאַט געטשעפּעט צו יעדן פּיצל גמרא. מענדל האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם נאָענטסטן שמעלקע מיט דער גמרא צווישן די פּריוועסעס און ער האָט זיך דעריבער אויסגעקליבן זיין דאַוון־אָרט ביי דעם ספרים־אַלמער. מענדל איז אויך געווען אַ גרויסער פרומאַק און אַ קנאַפּער בעל־דברן. ווען ער האָט גע־רעדט זיינען די ווערטער ביי אים אַרויסגעקומען ווייכע און צעקייטע און ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעווייקט אין אַ לעבלעכער יויך. נאָר אַ בעל־גאווה איז ער אויך געווען אַ ניש־קשהדיקער. איז ער דאָך פאַרט געווען דער למדן ביי די פּריוועסעס.

מענדל פריוועס איז געווען אַ הויכער און אַ ברייט־ביינִיקער, כמעט דער העכסטער פון די ברידער, און מיט אַ שיינער באָרד, וואָס הגם ער האָט זי וויניק געקעמט האָט זי זיך פונדעסטוועגן געהאַלטן רחבותדיק און גביריש. מענדל גופא האָט זיך באַמיט צו האַלטן דעם קאָפּ אַ קאַ־פּעטשקעלע פאַרבויגן אין דער זייט כדי צו ווייזן אַז ער איז אַ שאַרפער גערער חסיד.

אין דער גרויסער אייזן־קראָם האָט מען עפּעס מענדל פריוועסן נישט אַריינגעלאָזט. דאָס מקום פאַר בטלנים, נעמלעך דאָס שופלעדל פון דער קאַסע, איז שוין געווען פאַרנומען מיט שמואל לייבן. דעריבער האָט ר׳ ישעיה פריוועס מענדלען צוזאַמענגעפּאָרט מיט זיין איינציקן איידעם הערשעלע מענדלזאָן. אַ ייד אַ למדן פון וועלכן עס וועט מיר אויסקומען שפּעטער צו דערציילן. מען האָט גאָר פאַר די צוויי יידן געמאַכט אַ קראָם מיט טעפּ און קיך־געשיר. עס איז אויסגעקומען אַז די צוויי גרעסטע חסידים און לומדים ביי די פריוועסעס האָבן גראָד געהאַט עפּעס אַזוינס ווי אַ ווייבערישן מסחר. זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן דעם מסחר מיט די טעפּ געפירט געטרייע „מענטשן״. די ביידע יידן זיינען גיכער געזעסן אינדערהיים ווי צווישן די טעפּ. ווען אין דעם מסחר מיט די טעפּ איז גע־וואָרן אַ לאָך — און אַזעלכע „לעכער״ זיינען אָפטער געוואָרן — האָט ר׳ ישעיה פריוועס צוגעשיט געלט און מען האָט די צוויי שותפים פונדאַסניי געשטעלט אויף די פיס. אַזוי האָט זיך עס נוהג געווען יאָרן און יאָרן. ביי ביידע שותפים זיינען אויסגעוואַקסן קינדער. ביי הערשעלע מענדלזאָן אין הויז האָט זיך אַריינגעכאַפּט די באַרימטע סאַלאָמעאַ דרעזנער — דער משה דעסער אין דער ווייבערישער ספּאַדניצע — און דאָרט געמאַכט אַ תל פון די טעכטער. ביי מענדל פריוועסן אָבער זיינען געווען די פרימ־סטע קינדער פון אַלע פריוועסעס. דער פרום־חסידישער לעבנס־שטייגער האָט זיך דאָרט נישט גערירט, נישט געקוקט אויף אַלע פרייע ווינטן וואָס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן צווישן יידן אין פוילן און האָבן שפּעטער נישט אויסגעמיטן אַפילו די פריוועסעס. דעם עלטסטן זון, העניעכן, האָט מענדל פריוועס אויסגעגעבן פאַר אַ טאָכטער פון זיין שוואָגער און שותף הער־שעלע מענדלזאָן. מענדלען איז גאָר נישט איינגעפאַלן אַז דאָס ווייבל לאַהקע איז אָנגעשמעקט מיט סאַלאָמעאַ דרעזנער. דער יונגערמאַן, הע־נעך, האָט אַפילו געפּרואווט דאָס אַלטע מיטל וואָס חסידישע טאַטע־מאַמעס

האָבן באַנוצט קעגן סאַלאָמעאַן, נעמלעך, ער האָט געכאַפּט אויף איר אַ בעזעם און זי געוואָלט יאָגן פון די טרעפּ. דאָס ווייבל לאהקע האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און געוואָלט ראַטעווען די ליכטיקייט פון די הענט פון דער פינצטערניש. פון די אַלע קאָנפליקטן איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע פאַמיליע־טראַגעדיע. וועגן דעם שפּעטער. נאָר מענדל פּריוועס איז שוין געווען פאַרזיכטיקער און אָנגעהויבן צו טאָן בלויז פרומע חסידישע שידוכים. דאָס איז געווען דאָס איינציקע אָרט וואו ער האָט מצליח געווען. מצליח געווען גיכער ווי ביי די טעפּ. דאָס הויז איז געבליבן ביי אים פרום טאָקע ביז צו דעם לעצטן און גרויסן חורבן פון יידן אין פוילן.

לעבן מענדל פּריוועסן ביים ספרים־אַלמער האָט יאָרן־לאַנג געדאַוונט זיין יאָרנלאַנגער מקורב חיים פּיסעצנער. אַ קליין ברייטלעך יידל מיט אַ גרויסער און דיקער געלער באָרד. נישט געגוג וואָס ער איז בטבע געווען אַ קליינער, איז ער נאָך תמיד אַרומגעגאַנגען אַן איינגעבויגענער פון פרומקייט און געהאַלטן דאָס קעפּל פאַרבויגן אין דער זייט פּונקט ווי מענדל פּריוועס און ווי אַנדערע שאַרפע גערער חסידים. חיים פּיסעצנער האָט גערעדט כמעט מיט אַן ענלעך קול ווי מענדל פּריוועס און אויך צעקייט און ווייך געמאַכט די ווערטער ווי ער וואָלט זיי באַגאָסן מיט אַ וואַרעמען און קלעפּיקן שפּייעכץ. פּיסעצנע האָט געשמט אין פוילן ווי די רעזידענץ פון בטלנים, און אין דעם דאָזיקן פּרט געהאַט אַן ענלעכן נאָמען ווי כעלעם. פון ר׳ נח פּיסעצנער, דער רב פון דער פּיסעצנער קהילה, האָט מען דערציילט מעשיות ענלעכע ווי פון כעלעמער רב. נאָר אָנשטאָט מיט נאַרישקייטן האָט ר׳ נח געשמט מיט בטלנות. דאָס נעמלעכע איז געווען צו הערן פון זיינע יידן. חיים פּיסעצנער האָט קיין וואַרשע און צו די פּריוועסעס אין שטיבל אַריין מיטגעברענגט דאָס גאַנצע פרומע און פּראָווינצערישע בטלנות פון זיין שטעטל. דעריבער איז אויסגעפאַלן זיין גורל צו ווערן דער מקורב פון מענדל פּריוועס. פון זיין אויסערגעוויינטלעכער בטלנות וויל איך דערציילן דעם פאָלגנדיקן פאַקט: חיים פּיסעצנערס טאָכטער איז געוואָרן אַ קאָמוניסטקע. חיים פּיסעצנער איז דערפון געוואויר געוואָרן בעת פּאָליציי איז אַמאָל איינמ־טן נאַכט געקומען מאַכן אַ רעוויזיע ביי אים אין דירה און געזוכט אומלעגאַלע קאָמוניסטישע ליטעראַטור. אויף צומאָרגנס באַלד כאָור איז חיים פּיסעצנער געלאָפן צו די פּריוועסעס אַז

זיי זאָלן, למען השם, הייסן זיין טאָכטער ווערן אויס קאָמוניסטקע. חיים האָט געגלויבט אויף זיכער אַז אַזאַ קבצנטע ווי זיין טאָכטער וועט נישט האָבן די העזה אַקעגנצוטאָן דעם ווילן פון נגידים. ביי אַלע זיינע חשיבותן ביי מענדל פריוועס און נישט געקוקט אויף דערויף וואָס ער האָט געדאַוונט ביי די פריוועסעס אין שטיבל און געשטאַנען לעבן ספרים־אַלמער, איז, דאַכט זיך, חיים פיסעצנער געווען אַ היפשער אָרעמאַן. מען האָט עס דערקענט אויף דער צעדריפּעטער אַטלעסענער קאַפּאָטע און אויף דער בלאַסקייט פון זיין פּנים. דערפאַר האָט ער אַלע שבת פאַרנאַכט געגעסן שלוש־סעודות ביי מענדל פריוועס און געזונגען דאָרט די שלוש־סעודות־דיקע זמירות. הגם אַלצדינג האָט מען געקאָנט זאָגן אויף חיים פיסעצנער, נאָר נישט אַז ער האָט דאָס מינדסטע פון אַ מנגן.

## קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

אַבריהם פּריוועס דאַוונט ביים פענצטער. דאָס צווילינג אלי און מענדל. דאָס אַכטע וועלט־וואונדער. דאָס ניינטע וועלט־וואונדער. ירושה פון זייער טאַטע הערש וואָלף. אין די שלוש־סעודות־פינצטערנישן האָט מען נישט געוואוסט ווער עס איז אלי און ווער מענדל. משה לאַנדשטיין. דאָס אַנטיקן־געוועלבל אויף שוויענטע־קזשיסקע. ריחות פון בראָנז, קופּער און מעש און דומפּעכץ פון בראָקאַטן. סטיל־ און קונסט־תקופות אין משה לאַנדשטיינס ראשי־תיבות. פּריצישע קאַטשן פאַרפאָרן פאַר משהס געוועלבל. פּרייטיק פאַרנאַכט. צווישן די ליכטיקע שאָטנס פון מוצאָי־שבת ליכט הייבן זיך פאַמעלעך אָן אַרויסשיילן די מעבלען און חפצים פון אַלטע פאַרשוואונדענע דורות.

אברהם פריוועס איז געווען דער קליגסטער און פראַקטישסטער צווישן די ברידער. הגם אלעזר האָט געשפּילט דעם אויבערשטן פון שטייסל, דעם וואַרשעווער דאָזאַר, און דאָס העכסטע פענצטער ביי די פריוועסעס און געשטעלט מיקלאָמפּערשט אברהמען אין שאָטן — פונדעסטוועגן איז עס געווען אַ סוד פאַר בראָד אַז דער אייגנטלעכער פירער פון דער פירמע פריוועס איז נישט קיין אַנדערער ווי אברהם. די אַנדערע ברידער זיינען נישט מער ווי שיינע דעקאָראַציעס און משפחה־שיינדלעך וואָס באַ־שיינען און באַקרוינען בלויז דעם קלאַן. עס זיינען בלויז נעמען וואָס דאַרפן קלינגען, און ס׳איז גוט זיך מיט זיי צו ווייזן אויף תנאימס און אויף חתונות.

אברהם איז אויך געווען אַ לייכטערער אין הילוך ווי זיינע ברידער און האָט נישט פאַרמאָגט זייער גבירישע שווערקייט און לגמרי נישט געהאַט קיין בויך. אין שטיבל האָט ער נישט געהאַט קיין באַזונדער אָרט צו דאַווענען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט וואו עס האָט זיך געלאָזט און ס׳רוב ליב געהאַט צו שטיין ביים פענצטער און אַ קוק צו טאָן — אויך ביים דאַווענען — אויף די גרויסע בערג אייזן וואָס זיינען אַרומגעלעגן אויפן הויף. די אייזן־קראָם — דאָס איז געווען זיין לעבן און נשמה און מן־הסתם איז אים שווער געווען אויף אַ מינוט זי צו פאַרלירן פון די אויגן. גוט־שבת האָט אַברהם פריוועס אויך נישט געענטפערט. פאַרט אַ פריוועס און פאַרט מוז זיין דיסטאַנס. ער האָט געהאַט אַ פּאָר שאַרפע קלוגע אויגן און אַ פאַרבאַהאַלטן כיטרע שמייכעלע אויף די ליפּן. אַ שמייכעלע פון

אַ פּיפּיקן סוחר וואָס איז אַפילו ביים דאַוונען פאַרנומען מיט געשעפטלעכע קאָמבינאַציעס.

קיין ספּעציעלע מקורבים וואָס זאָלן ביים דאַוונען שטיין לעבן אים ווי די שאַטנס האָט ער נישט געהאַט. אברהם פּריוועס איז בכלל אַרומגע־גאַנגען בעתן דאַוונען און מקורבים קענען אים דאָך נישט נאָכלויפן. סיידן מען זאָל צורעכענען די יידן וואָס האָבן אַלע שבת פאַרנאַכט געגעסן ביי אים שלוש־סעודות. דאָס זיינען געווען דריי יידן. אייגנטלעך פיר יידן. נאָר פאַרוואָס איך קווענקל מיך אין דער צאָל וועט דער לייענער זען לויט דעם פאָלגנדיקן:

אין שטיבל ביי די פּריוועסעס האָבן אויך געדאַוונט די זין פון די געוועזענע מקורבים פון ר׳ ישעיה פּריוועסן. מקורבים וואָס זיינען שוין מיט אים, מיט ר׳ ישעיהן, געווען איצט צוזאַמען אויפן עולם־האמת. נאָר די טראַדיציע פון „גוטע פריינד״ פון די פּריוועסעס איז איבערגעגאַנגען בירושה אויפן שפּעטערן דור. אַזעלכע צוויי זין פון ר׳ ישעיהס אַ מקורב — ער האָט געהייסן הירש וואָלף — זיינען פאַרבליבן בירושה אין דער נאָענטקייט פון די פּריוועסעס. צי זיי האָבן געהאַט פּרנסה פון די פּריווע־סעס ווייס איך נישט. נישט אַלצדינג אויף דער וועלט קאָן מען מעסטן מיט דער מאָס פון פּרנסה. די צוויי זין האָבן געהייסן אלי און מענדל, און זיינען געווען אַ צווילינג. דאָס צווילינגשאַפט פון אָט די צוויי יידן איז געווען דאָס אַכטסטע וועלט וואונדער. מחמת איטלעכער פון זיי באַזונדער איז געווען כמעט ווי אַ ריז. אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער און מיט אַ גרויסן גבירישן בויך, וואָס האָט זיך געשטופּט פאַראויס און געמאָנט תרבות. זיי זיינען ביידע געווען רויטע יידן מיט רויטע גרויסע בערד. ווי זיי האָבן זיך צוזאַמען געקאָנט „פּאַמיעשטשען״ אין איין בויך פון אַ מאַמע — איז דאָס ניינטסטע און גרעסטע וועלט־וואונדער. דאָס צווילינג איז ביי זיך געווען זייער האַפּערדיק. זיי האָבן זיך נאָר באַמיט נאָכצומאַכן די פּריוועסעס און אויך קיינעם נישט געענטפערט אויף „גוט־שבת״. אַפילו צווישן זיך האָט מען נישט געזען, אַז זיי זאָלן ווען עס איז רעדן. דערפאַר האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר גרויסע בעלי־תפילהס — אויך אַ ירושה פון פאָטער הירש וואָלף — און פלעגן אַפילו אין סאַמע גער אַמאָל שבת דאַוונען פאַרן עמוד. זיי האָבן געהאַט דיקע אויסגעפּאַשעטע קולעכלעך אויך ביים זינגען. זייערע שטימען זיינען געווען ענלעך צו זיך ווי צוויי טראָפּן וואַ־

סער. מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן ווער פון זיי עס דאַווענט פאַרן עמוד, אלי צי מענדל.

זיי האָבן זיך געהאַלטן, אַזוי צו זאָגן, פאַר די שבתדיקע מקורבים פון אברהם פריוועס. צו קלאַפּן ביי אלעזרס טיר ביז צירעלע וועט זיך מיישב זיין און זיי אַריינלאָזן, איז זיי נישט אָנגעשטאַנען צום האָפער־דיקייט. די אַנדערע ברידער פריוועס זיינען פאַר אלין און מענדלען געווען צו ווינציק כדי צו וועלן הייסן ביי זיי מקורבים. אברהם פריוועס איז עפּעס געווען ווי אָנגעמאָסטן. זיי זיינען ביידע אַלע שבת צו אים געקומען אויף שלוש־סעודות און געזונגען זמירות. אָבער קיינער האָט אין די שבתדיקע בין־השמשותן נישט געקענט וויסן ווער עס זינגט — אלי צי מענדל.

נאָך אַ מקורב איז געקומען צו אברהם פריוועסן אויף שלוש־סעודות. דאָס איז געווען משה לאַנדשטיין.

משה לאַנדשטיין איז געווען אַ שמאָל אויסגעדאַרט יידל מיט אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד. אויך אַ זון פון ר׳ ישעיהס אַ מקורב. משה לאַנדשטיין האָט געהאַט אַ געוועלב מיט אַנטיקן אויף שוויענטע־קזשיסקע גאַס. דאָס געוועלב, אַ טונקלס מיט נידעריקע פענצטער, האָט ער געהאַט בירושה נאָך פון זיין עלטער־זיידן. דאָס איז געווען אַ משפחה פון וואַרשעווער יידן וואָס האָבן שוין פון דורות געהאַנדלט מיט אַנטיקן, מיט אַלטע סטיל־מעבלען, מיט הונדערט־יאָריקע הענג־לייכטער. לייכטער וואָס האָבן אַמאָל געהאַנגען אין שולן, אין קאָשטשיאָלן, און אין אַלטע פּריצישע פּאַלאַצן. אַלטע קרישטאָלענע געפעסן, העסעס, קרוגן און בעכער אויך פון שולן און קאָשטשיאָלן. ווי אויך אַנז׳ערע אַנטיקן און טייערע פאַרצייטישע גע־וועבן. דאָס טונקעלע געוועלבל פון די לאַנדשטיינס אויף שוויענטע־קזשיסקע איז געווען אָנגעפּאַקט ווי אַ מוזעאום. פול מיט שטויב, מיט די ריחות פון בראָנז, קופער און מעש, און מיט דעם דומפּעכץ פון בראָקאַטן. ביים פענצטער לעבן אַ טישל, צווישן חשבונות און קוויטלעך ווי אויך צווישן אַלטוואַרג און צעבראָכענע שטיקלעך פון אַנטיקן איז אַ פאַר־שטויבטער געזעסן משה לאַנדשטיין. ער האָט געטראָגן אַ פאָר קיילעכדיקע האָרענע ברילן וואָס האָבן אים צוגעגעבן דאָס אויסזען פון אַ דאַרן פראָש־אַרטיקן ייד. ער האָט אַלע מאָל איינגעטונקט די פעדער אין אַ פאַרשמירט פלעשל מיט טינט און געשריבן און גערעכנט זיינע חשבונות. ער האָט —

פונקט ווי זיין זיידע און זיין טאַטע — געפירט זיינע ביכער אויף אַ שפּראַך וואָס איז געווען האַלב־יידיש און האַלב לשון־קודש און מיט אַ סך ראשי־תיבות. צווישן די דאָזיקע אַלטע סוחרישע שפּראַך פון יידן האָבן זיך אַריינגעמישט נעמען פון סטיל־ און קונסט־תקופות וועלכע משה לאַנד־שטיין האָט צומאָל נישט געוואוסט זייער באַטייט. נאָר ער האָט זיי גענומען בירושה פון זיינע עלטערן צוזאַמען מיטן געוועלב אויף שוויענטע קזשיסקע און צוזאַמען מיט דעם טייערן אַלטוואַרג. ער האָט אַפילו די דאָזיקע נעמען אַרויסגעזאָגט מיט אַ חסידישער פאַרגרייזטקייט. צווישן קינסטלער, קונסט־ליבהאָבער, פוילישע מאַגנאַטן און גלחים האָט מען געוואוסט, אַז אָט־אָ דער ייד פון שוויענטע־קזשיסקע איז אַ זעלטענער מבין. מיטן אויג שאַצט ער אָפּ די עפּאָכע און דעם ווערט פון אַלטע חפצים. פריצישע קאַטשן זיינען פאַרפאָרן פאַר זיין געוועלבל. וואַרשעווער מאַגנאַטן האָבן זיך אַוועק־געזעצט אין די פאַרשטויבטע און פאַרדומפּעטע טונקלקייטן צווישן משהס אַלטוואַרגן און געזוכט און געגנישטערט. מען האָט אים גענומען אין די פּאַלאַצן פון די שליאַכטשיצעס כדי אים עפּעס צו וויזן און צו הערן זיין מבינות. משה לאַנדשטיין האָט אַפילו צווישן די רייכסטע גויים געטראָגן אַ יאַרמלקע. ער האָט זיך אָנגעטאָן די האָרענע ברילן, באַקוקט דאָס זעל־טענע חפץ, און אַרויסגעזאָגט וועגן דעם די אויסטערלישע נעמען וואָס האָבן וועגן זעלטענע חפצים און מעבלען נאָך געזאָגט זיין טאַטע, זיין זיידע און זיין עלטער־זיידע. אַפילו גלחים און מניכעס זיינען געקומען צו משה לאַנדשטיינען אין געוועלב, געטראָגן אונטער די שוואַרצע סוטאַנעס אַלטע קירכלעכע חפצים, אָדער געגנישטערט צווישן די אַלטוואַרגן ביי משה לאַנדשטיינען און געזוכט עפּעס צו קויפן.

פרייטיק פאַרנאַכט האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אייזערנע פאַרהאַנגען איבער די פענצטער פון זיין געוועלב און אָנגעהאַנגען אַ גרויס פאַרצייטיש שלאָס ביי דער טיר. שבת האָט ער אויסגעקוקט צו פאַרגעסן זיינע פריצישע און גלחישע קונדן ווי אויך די נעמען פון זיינע סחורות. ער האָט זיך אָנגעטאָן די אַטלעסענע קאַפּאָטע און דאָס סאַמעטענע היטל און איז געוואָרן אַ שאַרפער גערער חסיד. ער האָט געדאַוונט ביי די פּריוועסעס אין שטיבל. צו שלוש־סעודות איז ער שבת ביי שבת געגאַנגען צו אברהם פּריוועס. ערשט ווען מען האָט אָנגעצונדן די מוצאי־שבתדיקע ליכט — אברהם פריוועס האָט געמאַכט הבדלה, פאַררויכערט דעם גוטן האַוואַנאַ־

ציגאַר און זיך האַסטיק געגומען אַדורכצוקוקן די געשעפט־פּאָסט וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט במשך דעם שבתדיקן טאָג — איז אויך משה לאַנדשטיין צוריק געגאַנגען אין זיין געוועלבל אויף שוויענטע־קזשיסקע. ער האָט אויפגעשלאָסן דעם פּאַרצייטישן שלאָס. אַ דומפּעכץ פון אַלטקייט און שטויב איז אים אַקעגנגעקומען פון די טונקלענישן. ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און עס אַריינגעשטעלט אין אַן אַלטן שבת־לייכטער וואָס איז געשטאַנען ביי אים אויפן טיש צווישן די אָנגעוואָרפענע חשבונות און ביכער. פון צווישן די שאַטנס וואָס האָבן זיך פאַרפאַרבט מיטן אָפּשיין פונעם ליכט האָבן זיך ציטערדיק און פּאַמעלעך אָנגעהויבן אַרויסצושיילן די מעבלען און חפצים פון אַלטע פאַרשוואונדענע דורות.

# קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

די השגחה פון ר׳ שלמהלע דעם מלמד. אַן איבע־ריקע זאַך ביי אַברהם פריוועסן אין שטוב. ר׳ שלמהלע שמעקט בשמים פון אַברהם פריוועסעס בשמים־ביקס און שמירט זיך אויס די קעשענעס מיט אַברהם פרי־וועסעס פּאַרגאָסענעם הבדלה־וויין. ר׳ שלמה טוט נישט אַריין די האַנט אין קאַלטן וואַסער נאָר שדכנות־געלט נעמט ער. אַ מאַגנאַט פון טיפן ראסיי. די וואַלס זיינען געזעסן אַ טאָג צייט אויף דער פוילישער כסא־מלוכה דערפאַר הייסן זייערע טעכטער מלכהלע.

אברהם פריוועסעס שטוב איז געווען די אינטערעסאַנטסטע און לע־בעדיקסטע פון די שטובן פון אַלע אַנדערע פריוועסעס. זיינע קינדער האָבן באַוויזן צו האָבן מער אַן אייגענעם כאַראַקטער. ביי דעם גאַנצן איינגע־פונדעוועטן פריוועסישן פאַמיליע־נוסח זייערן האָט זיך ביי זיי אַרויסגע־וויזן אַ זעלבשטענדיקע און אַפּילו אַ בונטאַרישע פּערזענלעכקייט.

די סיבה איז אפשר געלעגן דערין, וואָס אברהם פריוועס איז גיכער געווען אַ פּראַקטישער מענטש און געהאַט צו טאָן מיטן עולם־המעשה פון רעאַלן מסחר און געשעפט. די דאָזיקע אוממיטלבאַרע באַציאונג צו רעאַלי־טעט האָט ער אויך איבערגעטראָגן אויף זיינע קינדער. אָבער דער עיקר סיבה איז געווען: אברהמס קינדער זיינען אויפגעוואַקסן אָן דער השגחה פון אַ מוטער. זיי זיינען דערצויגן געוואָרן אַזוי צו זאָגן איטלעכער פון זיך אַליין. אויב מען זאָל רעכענען פאַר אַ „דערציאונג" די השגחה פון מלמד ר' שלמהלע, אַ דריבנער און הילפלאָזער ייד וואָס קיינער געדענקט שוין באַלד נישט פון ווי לאַנג ער איז ביי אברהם פריוועסן מלמד. ר' שלמהלע האָט געהערט צו די שטוב־רעקוויזיטן און האָט דאָרט געטאָן כלערליי שליחותן. צו רופן אברהמס זין צו דער גמרא האָט ער מורא גע־האָט. זיי וועלן זיך אויף אים דערפאַר אָנבייזערן. ר' שלמה איז זיך בעסער פאַרקראָכן אין אַ ווינקל, אַליין דאָרט פאַר זיך געלערנט גמרא, אָדער סתם זיך אַרומגעדרייט אין שטוב ווי אַן איבעריקע זאַך. בעת אברהם פריוועס האָט געמאַכט הבדלה האָט ר' שלמהלע געהאַלטן דאָס גרויסע פאַרביקע און געפלאָכטענע הבדלה־ליכט, מיט פיל תענוג אַריינגעשטעקט די נאָז אין די טירלעך פון אברהם פריוועסעס זילבערנע בשמים־ביקס, און האָט געשמעקט די בשמים נאָכדעם ווי אברהם פריוועס האָט צו זיי

געשמעקט. נאָך הבדלה ווען אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען פון טיש האָט ר׳ שלמהלע זיך אויסגעשמירט די טאַשן פון זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט דעם הבדלה־וויין וועלכן אברהם פּריוועס האָט פאַרגאָסן אויפן שבתדיקן טישטעך. ווען עס האָט געהאַלטן ביי שידוכים האָט מען ר׳ שלמהלען געשיקט פּרואוון דעם חתן. ער האָט גענומען שדכנות־געלט, הגם צו די שידוכים וואָס אברהם פּריוועס האָט געטאָן האָט ער נישט צוגערירט די האַנט צום קאַלטן האָסער. און דאָס איז אַלץ און אַלצדינג.

אברהם פּריוועס איז געווען איינער פון די ברידער פּריוועס וואָס זייערע ווייבער האָבן נישט געהאַט קיין אריכת־ימים. ביי אים איז עפּעס שטענדיק געווען אַ שטוב אָן אַ מוטער פאַר די קינדער און אָן אַ מומע פאַר די ברידערס קינדער. מיט אברהם פּריוועס איז ר׳ ישעיה אויף אַ טשעקאַוועסט אַרויסגעגאַנגען פון זיין דרך צו טאָן שידוכים רק מיט פּוילישע גבירים — ער האָט אים, אברהמען, פאַרקנסט מיט אַ חסידישן מאַגנאַט פון טיפן ראָסיי. דאָס ווייבל איז געשטאָרבן אין דער קימפּעטביים צווייטן קינד און איבערגעלאָזט אברהמען אַלס אַ יונגן אַלמן מיט צוויי פּיצלעך קינדער. עס האָט עפּעס ווי׳ אויסגעקוקט אַז ר׳ ישעיה איז גערעכט געווען. אַ פּריוועס טאָר זיך נישט משדך זיין פון ראָסיי. מען האָט דערפאַר מיט אברהמען געטאָן אַ צווייטן שידוך, און דאָס דווקא פון לעמבערג. די כלה איז געווען פון די וואַהלס. אַ משפחה וואָס האָט זיך איינגערעדט אַז זייערס אַן עלטער־עלטער־זיידע איז אַמאָל במשך איין טאָג געווען — נישט מער און נישט ווייניקער — ווי פּוילישער מלך. נו, מיט אַזאַ קעניגלעכן באַגאַזש הינטערן רוקן קאָן מען נישקשה ווערן אַ שנור ביי ר׳ ישעיה פּריוועסן.

לכבוד דעם עלטער־עלטער־זיידן וואָס איז אַ טאָג צייט געזעסן אויף דער פּוילישער קיניגלעכער שטול זיינען ביי די וואַהלס אין לעמבערג גע־ווען אַ סך נעמען מלך און מלכה. אברהם פּריוועסעס צווייטע ווייב האָט דעריבער געהייסן מלכהלע. גאָט האָט באַלד געעפנט איר טראַכט און קינדער האָבן נישט באַלעמוטשעט און געקומען אַ יאָר נאָך אַ יאָר. אברהם פּריוועס האָט להיפוך אַלע זיינע ברידער פאָרט נישט געהאַט קיין הצלחה צו ווייבער. מלכהלע איז אויף יאָרן און יאָרן קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער אומהיילבאַרער קראַנקייט. די נייע קינדער זיינען אויך דערצויגן געוואָרן אָן אַ מאַמע בלויז אונטער דעם „אויג״ פון דעם מלמד ר׳ שלמהלע.

# קאַפּיטל ז״בן און צוואַנציק

איטשע אַבראַמאָוויטש. אַן אַראַנדאַריש געוויקס אין דער משפּחה פּריוועס? אַברהם האָט נישט צו וואַרפן די טויז רויט. יעשינער פּריצים. ר׳ שלמהלע פּאַרט קיין יעשין. ר׳ שלמהלע שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן. אַ ווילד צעהירזשעט לאַשיקל. דער חתן־בחור פֿאַרהוסט זיך ביי די גמרא־בלעטער. אינדרויסן. אַברהם פּריוועס באַקוקט דעם חתן און אים ווערט זויער אין מויל. חתן־כלה באַקוקן זיך — און הערץ ברענט שוין ווי אויף הייסע קוילן.

ווען איך האָב חתונה געהאַט און אַריינגעקומען אין דער משפּחה פּריוועס האָט שוין אברהם פּריוועס געהאַט אויסגעגעבן דעם גרעסטן רוב פון זיינע קינדער. ער האָט זיך משדך געווען מיט די גרעסטע גבירים אין פּוילן. די צוויי קינדער וואָס זיינען געבליבן יתומים פון דעם ערשטן ווייב פון ראָסיי האָט ער אויך אויסגעגעבן אין גרויס כבוד און עשירות. דער עלטסטער זון פון ערשטן ווייב האָט געהייסן איטשע. כדי צו ווייזן אַז אַחוץ פון די פּריוועסעס שטאַמט ער אויך פון ראָסיי האָט ער זיך גערופן אויפן רוסישן נוסח — איטשע אַבראַמאָוויטש פּריוועס. הגם אַלע מקורבים וואָס זיינען אַרויפגעקומען צו אברהמען האָבן נישט געוואוסט אַז אַט־אָ דערנאָמען „אַבראַמאָוויטש" דאַרף שמעקן מיט רוסישער ברייטקייט.

אַז עס האָט געהאַלטן ביי אַברהם פּריוועסעס יינגסטע טאָכטער פּריווע, איז עס די שדכנים איינגעפאַלן צו ברענגען אויף אַ טשעקאָוועסט פאַר די פּריוועסעס עפּעס אַ נייעם אָריגינעלן שידוך. און דאָס אַ בחור פון אַ פּוי־לישן דאָרף.

דאָס מיינט נישט חס־ושלום אַז שדכנים איז איינגעפאַלן דער גע־דאַנק איינצופלאַנצן אַן אַרענדאַרישן געוויקס אין דער משפּחה פּריוועס. אַחוץ מיט ר׳ יעקב ענגלמאַן — מיט וועלכן די פּריוועסעס זיינען געווען געקניפּט און געבונדן — זיינען די פּריוועסעס איינגעגאַנגען נייערט אויף שטאָטישע מחותנים. נאָר אַברהם פּריוועסעס טאָכטער פּריווע, איז שוין געווען אַ מיידל מיט אַן אָפּגעלאָזענעם שידוך. דערצו נישט קיין איבע־

ריקע יפת־תואר. ס'האָט געהייסן: אברהם פריוועס האָט דאָ נישט צו וואַרפן די טויז רויט — און מוז זיין אַ קאַפּעטשקע באַשיידענער.

די משפּחה פון וואַנען שדכנים האָבן געברענגט אַ חתן פאַר אברהמס יינגסטע טאָכטער פּריווע זיינען געווען יידישע פּריצים פון דאָרף יעשין הינטער ראַדאָמסק. זיי האָבן געהייסן פּישמאַן. אייגנטלעך צוויי ברידער שותפים וואָס האָבן זיך געספּראַוועט מיטן גוט יעשין. אַחוץ דעם גוט איז נאָך דאָרט געווען אַ גלאָז־פאַבריק. ס'איז אויסגעקומען אַז די ברי־דער פּישמאַן זיינען האַלב פּריצים און האַלב פאַבריקאַנטן. די יידן האָבן געהאַט אַ טבע צו טאָן זייערע שידוכים נישט דווקא מיט דער גילדערנער פאָן. אַז אברהם פּריוועס האָט אַ פרעג געטאָן ביי די שדכנים ווער עס זיינען די מחותנים פון די פּישמאַנס, האָבן די שדכנים נישט געהאַט וואָס אַרויס־צונעמען פון דער קעשענע. סאַמע פּראָסטע יידן, די מחותנים פון די פּישמאַנס.

פאָרט האָט אברהם פּריוועס געהאַט אַ טאָכטער מיט אַן אָפּגע־לאָזענעם שידוך. דער קאָפּ איז אים כסדר פאַרנומען געווען מיט מסחר. ער האָט גראָד ליב געהאַט אַז שדכנים זאָלן אים ברענגען פּאַרטיקע „מאַרקעס" כדי ער זאָל נישט באַדאַרפן צופיל דערין אַריינלייגן דעם קאָפּ. תמיד איז בעסער צו קויפן קוראַנטע סחורה. דאָ האָט מען אים געברענגט כמעט ווי אַן אומבאַקאַנטע פירמע.

אברהם פּריוועס האָט נישט לאַנג באַלאַמוטשעט און גענומען דעם אייביקן רעקוויזיט זיינעם וועלכן מען זעט נאָר אַרויס ביי שידוכים, נעמלעך, ר' שלמה דעם מלמד, און אים אַוועקגעשיקט אין דאָרף יעשין כדי צו פּרואוון דעם חתן.

פון זיין גרויסער פּראַקטיק ביי גבירים האָט ר' שלמה געוואוסט, אַז דאָס גאַנצע פּרואוון דעם חתן איז נישט מער סיידן ווי אַ פּוסטע צע־רעמאָניע. מען דאַרף עס נישט נעמען צו ערנסט. דעם פאַרשטאָפּטסטן קאָפּ מוז מען לאָזן אַדורכגיין דעם „עקזאַמען", אַבי נאָר דער שידוך איז אַ גליי־כער און אַ גבירישער. דאָס בחורל אָבער וואָס מען האָט אים צוגעפירט אין יעשין איז אַפילו אין ר' שלמהלעס לאַנג־יאָריקער פּראַקטיק ביי אברהם פּריוועס געווען גאָר עפּעס אַ נייעס. ר' שלמהלע האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און האָט זיך געחידושט.

מען קאָן נישט זאָגן, די יעשינער מחותנים זיינען אים גראָד זייער געפעלן געוואָרן. הגם זייער נאָמען האָט נישט געקלונגען און ר׳ שלמהלע האָט פון זיי קיינמאָל נישט געהערט — פונדעסטוועגן זיינען עס געווען צוגעלאָזענע יידן און דווקא היפשע בני־תורה און חסידישע מענטשן. דאָס „קרן״ אַליין, דער חתן־בחור הייסט עס — ביי דער גאַנצער יונגקייט פון זיינע יאָרן איז ער שוין געווען אַ גרויסער, אַ דיקער, אַ גאַנצער בעל־גוף, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, און מיט אַ דיבור וואָס אַנדערש ווי שרייען האָט ער נישט געקענט. דערצו אָפּגעבערענט פון דער זון ווי ער וואָלט כסדר געווען אין דרויסן. אַפילו דער שטאָטישסטער ייד האָט געמוזט זען אַז דאָס דאָזיקע בחורל איז עפּעס אַזוינס ווי אַ ווילד צעהיר־זשעט פערדל וואָס לאָזט זיך בשום אופן נישט איינשפּאַנען און בריקעוועט כסדר אַרום. ר׳ שלמהלע האָט נאָך אַמאָל אַ הויב־אויף געטאָן צו אים די אויגן, געזען אַז אַזוי זיך, פאַרן אויג, גייט דאָס בחורל אָנגעטאָן אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע און אין אַ יידיש טוכן היטל — הינטער דעם אַלעם ברענט אָבער דער טעמפּעראַמענט פון אַ צעבאַלעוועטן גוי. ר׳ שלמהלע האָט זיך דערמאָנט אין גער און אין די פּריוועסעס. נאָר פאַרפאַלן. אברהם פּריוועס האָט אים געגעבן געגוג אָן אָנצוהערעניש אַז ער איילט זיך און ער וויל דעם שידוך מיט די יעשינער פּישמאַנס. ר׳ שלמהלע האָט זיך איינגערעדט אַז ער פאַרשטייט אברהמען אויפן וואונק. ער האָט אַפילו געזען, ר׳ שלמה־לע, אַז דאָס דאָזיקע בחורל און גמרא איז אַזוי ווי פייער מיט וואַסער. עס איז גאָר עפּעס אַזוינס ווי אַ לאָשיקל. פונדעסטוועגן פּרוּאוון מוז מען. ר׳ שלמהלע האָט געעפנט אַ גמרא און געהייסן דעם בחור זאָגן. דער בחור איז געזעסן אַן אומגעדולדיקער. מען האָט בפירוש געזען אַז ער קאָן נישט איינזיצן אויפן בענקל און עס ציט אים אַרויס אין דרויסן. דער דומפּעקץ פון די גרויסע גמרא־בלעטער האָט אים, דעם יעשינער חתן־בחור, געררייצט דעם האַלדז און די נאָז. ער האָט זיך גאָר אָנגעהויבן צו פאַרהוסטן. ר׳ שלמהלע האָט געקוקט אין דער גמרא אַריין און געהאַפּט צו הערן אַ לשון־קודש וואָרט פון אָט־דעם געזונטן רויטלעכן מויל, אַ מויל וואָס יעדער קלאַנג וועלכער קומט אַרויס פון דאָרט קוקט באַ־שיימפּערלעך אויס ווי עס וואָלט געשריגן. דער בחור האָט געטאָן נישט מער ווי עפּעס אַ ברום ווי מען וואָלט אים אָפּגעבריט די צונג. ר׳ שלמהלע האָט מורא געהאַט צו קוקן. ער האָט געוואוסט אַז מיט לײדיקע הענט טאָר

ער נישט אַוועקפאַרן פון יעשין. און ער האָט זיך מיישב געווען און אַליין אָפּגעזונגען אַ שטיקל גמרא און באַלד פאַרמאַכט די גרויסע טאָוולען פון אַ ווילנער ש״ס. ער איז געבליבן אין יעשין אויף וועטשערע און ביים טיש זיך צעשמועסט מיט די יעשינער מחותנים וועגן די קליינע אותיות. ס׳זיינען געווען יידן וואָס האָבן געוואוסט וואָס די גמרא זאָגט. דעם חתן־בחור האָט מען וויניק געזען. ער האָט קוים געקאָנט איינזיצן ביים טיש. טאָמער האָט ער געהערט אַ הינטל בילן האָט ער ברייט אויפגעלאַכט און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. די וועטשערע איז אַדורכגעגאַנגען בכי־טוב. צומאָרגנס באַגינען איז ר׳ שלמהלע געפאָרן אויף אַ בריטשקע קיין ראַ־דאָמסק צו דער באַן, און איז אַהיים געפאָרן קיין וואַרשע מיטן פעסטן געדאַנק אברהם פריוועסן צו זאָגן, אַז אַלצדינג איז וואויל און גוט, און געגרייט זיך צו נעמען אַ טייל פון שדכנות צו וועלכן ער האָט נישט צו־גערירט קיין פינגער.

אברהם פריוועס האָט געטאָן דעם שידוך. אויף די תנאים זיינען אַלע יעשינער מחותנים מיטן חתן געקומען קיין וואַרשע. אברהם פריוועס האָט אָנגעקוקט דעם חתן און האָט געטאָן לייכט אַ שאָקל מיט דער שיינער גבירישער באָרד. דאָס געזונטע האָפּערדיקע גופישקייט, דאָס גרויסע פון דער זון אָפּגעברענטע פּנים, די פייערדיקע אויגן וואָס האָבן אויסגעקוקט צו ברענען מיט אַלע גלוסטיקייטן פון דער וועלט, האָבן אים, אברהם פריוועסן, געשטערט זיין פּיפּיק שטאָטיש און סוחריש געמיט. פאַרפאַלן. ער האָט אַ מיידל מיט אַן אָפּגעלאָזענעם שידוך און ער איילט זיך און האָט נישט קיין צייט צופיל דעם קאָפּ אריינצולייגן אין משפחה־זאַכן. די תנאים, ווי ביי אַלע פריוועסעס, זיינען געווען אין גרויסן גבירישן יד־רחבה. עס זיינען געקומען אַלע ברידער מיט זייערע הויזגעזינטן. אַלע האָבן געשמייכלט און געקוקט אויפן חתן וואָס קאָן עפּעס ווי נישט איינזיצן אויפן בענקל ביים שפּעדיק־געדעקטן תנאים־טיש און וואָלט זיך וואָס גיכער וועלן אַרויסכאַפּן אין דרויסן. מען האָט געשוויגן, געשמייכלט און געהאָט שאָדן־פרייד אין אברהם פריוועסן. מען האָט אַריינגעברענגט די כלה כדי זי זאָל זען דעם חתן. ביידע האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן ווי דער שטייגער איז פון חסידישע חתן־כלה. דער כלה איז דער געזונטער דאָרפישער בחור מיטאָמאָל אויסטערליש געפעלן געוואָרן. פון אים האָבן אַראָפּגעווייעט אַלע זינלעכקייטן און אַלע תאוות. דעם מיידל האָט דאָס

האַרץ אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין זיין נאָענטקייט. אינמיטן דעם חשובן תנאים־עולם פון דער משפּחה פּריוועס האָט זי פאַרנומען אין אירע אָדערן די שטים פון בלוט. דעם בחורס שוואַרצע אויגן האָבן נאָך פייער־דיקער אָנגעהויבן צו ברענען. ער האָט געקוקט אויף דעם פרעמדן וואַר־שעווער מיידל מיט בליקן, גלייך ווי ער וואָלט זי שוין געוואָלט איינ־שלינגען.

# קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

אַ פּוילישער פּאַניטש. די ליטווישע מאַמע ווייסט נישט פונוואַנען עס קומט פון איר בויך אַרויס אַזאַ צעלאָזן פּריצל. די שיקסע וואָס האָט געזויגן הערצן איז געווען אַ פּאַרשייטע. הערץ רייט זיך פונאַנדער אין גאַלאָפּ און דער רבי בלייבט שטיין מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט. אין ציגיינערישע בוידן. הערץ באַקומט אַ ביקס. הערץ לויערט אַ גאַנצע נאַכט אין די זומפּן צווישן די דעמבעס און דערשיסט דאָס ווילד־חזיר.

דער דאָזיקער בחור וואָס איז אַריינגעקומען אין דער משפּחה פּריוועס ווי אַ וויכער פון די פּוילישע פעלדער האָט געהייסן הערץ פּישמאַן. ער איז געווען אַ גרויסאַרטיקער ייד און איז שפּעטער געווען פון די אידעאַלסטע, שענסטע און האַרציקסטע פיגורן פון יידישן בירגערטום אין וואַרשע. פּערזענלעך זיינען מיר אויך שפּעטער געוואָרן די בעסטע און אינטימסטע פריינד. איך וויל נישט פאַראויסלויפן די געשעענישן.

הערץ פּישמאַן איז געווען אַ קינד פון פּוילישן דאָרף און עפּעס ווי אַ פרעמד געוויקס צווישן זיין אייגענער משפּחה. ווי ביי ס׳רוב פרומע יידישע פּריצים האָבן אויך די יעשינער פּישמאַנס איינגעפירט ביי זיך אין גוט יידישקייט ביד־רחבה. אַ מקווה. אַ שולעכל. מען האָט גענומען חסידישע איידעמס אויף קעסט און מען האָט געהאַלטן מלמדים צו די קינדער. ביי אַלע יונגע פּישמאַנס איז עס געגאַנגען, און די מלמדים האָבן זיי אין דאָרף געהאַלטן ביי דער גמרא און ביי יידישקייט. ביי הערצן האָט זיך דער געוויינטלעכער דרך פאַרהאַקט — און ס׳איז געוואַקסן ביי די פּישמאַנס אַן אמתער פּוילישער פּאַניטש וואָס האָט זיי נישט איין מאָל פאַרשאַפט עגמת־נפש און גריזאָטע. הערצס מאַמע איז געווען אַ פרומע שטאָטישע יידענע און געקעדט אַפילו אַ קאַפּעטשקע ליטוויש. זי האָט זיך געפילט צווישן יעשינער ביימער עפּעס נישט ווי צווישן יידן. פון וואַנען גראַד פון איר בויך קומט אַרויס אַזאַ גויאיש צעלאָזן פּריצל? מען האָט געזאָגט, אַז די שיקסע וואָס האָט געזויגן הערצן איז געווען זייער אַ פאַר־שייטע און מען האָט זי נישט געקאָנט אָפּרייסן פון שקצים און פון דעם אינדרויסן. די דאָזיקע מילך האָט געזאָטן אין הערצס בלוט ווי אַ פייער־

דיקער קוואַל, און עס האָבן נישט געפעלט קיין שטראָף־רייד און קיין פּעטש, קיין קאַנטשיק און קיין סטראַשונקעס פון „קב־הישר". די בלעטער פון סידור, פון חומש און פון דער גמרא האָבן אים, הערצן, געקראַצט אין האַלדז. דערפאַר האָט ער ליב געהאַט דאָס פעלד, דעם וואַלד, און די פערד־שטאַלן. קיין שום מלמד האָט נישט באַוויזן הערצן איינצוהאַלטן אויפן בענקל אין חדר. איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז שוין הערץ געזעסן אויף אַ פערד. וואָס ווילדער אַ פערד, אַלץ בעסער. — און הערץ האָט זיך פאַנאַנדערגעריטן אין גאַלאָפּ, און דער רבי איז געבליבן שטיין אין דער יאַרמלקע און מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט. אויב ס'איז נישט געווען קיין פערד, איז אויך נישקשה געווען צו קלעטערן אויף ביימער, זוכן דאָרט נעסטן פון פייגל, אָדער יאָגן זיך מיט שיקסעס צווישן הויכן קאָרן און אין די טונקלקייטן פון שייער. די פרומע מאַמע האָט גערעדט אויף ליטוויש, זיך אָנגעקוקט דעם בויך און זיך געוואונדערט פון וואַנען עס קומט צו איר אַזאַ גויישער פרא־אָדם. נאָר הערץ האָט אַלעמען געהערט ווי המן דעם גרעגער און פאַרפאַלן געוואָרן אויף האַלבע טעג אין די וועלדער פון יעשין. איבערהויפּט ווען עס האָט זיך געמאַכט אַז ציגיינערישע בוידן זיינען אָנגעפאָרן און די ציגיינער האָבן זיך צעלייגט אין די וועלדער — איז הערץ ביי זיי געווען אַ גאַנצער תושב. ער איז געזעסן אין זייערע געצעלטן, געריטן אויף זייערע פערדלעך, און געקושט די יינגערע ציגיינערקעס. ער האָט זיך געלאָזט לייגן פון זיי קאָרטן און הויך און שאַליק זיך צעלאַכט פון פרייד ווען זיי האָבן אים צוגעזאָגט גרויסע מאַיאָנטקעס, אַ סך פערד און שעפסן, און וועלדער אויף גּעיעג, און דערצו די שענסטע און לוסטיקסטע כלה אויף דער וועלט.

ביי די ציגיינער האָט ער זיך אַמאָל איינגעהאַנדלט אַ ביקס, און עס האָבן זיך פאַר אים אָנגעהויבן די שענסטע צייטן אין יעשין.

ווען די פרומע שטאָטישע מאַמע האָט געהערט אַז הערץ האָט אַ ביקס, האָט זי זיך נאָך אַמאָל געגעבן אַ קוק אויפן בויך און געפאָרן צו אַ גוטן־יידן אויף אַן עצה. דער מלמד אין יעשין האָט אַליין אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיין קאַנטשיק מיט ביטול און אַליין נישט געגלויבט אַז מיט דעם דאָזיקן חפץ קאָן מען צוריקטרייבן הערצן צו דער גמרא. הערץ האָט זיך דערוויל מיט זיין גרויסן הונט און מיט זיין ביקס געיאָגט אויף די פעלדער און וועלדער אויף האָזן און קוראָפּאַטוועס. ער האָט געוואוסט,

אַז אַהיים טאָר מען אַזעלכע פאַנגען נישט ברענגען — די מאַמע וועט פאַלן אין חלשות — און ער האָט אויסגעטוישט די געשאָסענע האָזן אויף בעסער געיעג־געווער און אויף שרויט. ער האָט אויך — מעשה פריץ — זיינע האָזן און פייגל אָוועקגעשאָנקען די שענסטע שיקסעס וואָס זיינען אים וואויל געפעלן געוואָרן.

איינמאָל האָט זיך צווישן די יעשינער גויים צעטראָגן אַ שמועה אַז אין די וועלדער האָט זיך באַוויזן אַ ווילד־חזיר. פויערים האָבן דער־ציילט פון די גרויסע שאָדנס וואָס דאָס דאָזיקע ווילד־חזיר טוט אָן, און אַז אַ מענטש אַליין איז גאָר איצט נישט זיכער אַריינצוקומען אין יעשינער וואַלד. ביי הערצן האָבן די אויגן אויפגעלויכטן. ער האָט זיך ביי די גויים אויסגעפרעגט אויף וועלכן אָרט אין וואַלד מען טרעפט דאָס ווילד־חזיר צום גיכסטן, — און ער האָט געהערט אַז אין די זומפּן צווישן די אַלטע דעמבעס. אין אַ געוויסן אויפדערנאַכט האָט הערץ גענומען זיין ביקס און אַוועק אין די זומפּן כדי צו לויערן אויפן ווילד־חזיר. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געזעסן אין דער פינצטערניש און אין די זומפּן. זיינע האָר און זיינע מלבושים זיינען פייכט געוואָרן ווי אַ שוואָם און די מיקן האָבן אים געביסן ביז בלוט. הערץ האָט געוואַכט און געלויערט. אינ־דערהיים האָט מען געזען אַז עס ווערט שפּעט אין דער נאַכט און הערץ איז נישטאָ. מען האָט אַרויסגעשיקט גויים מיט לאַמטערנעס אים זוכן. גאָר באַגינען אינדערפרי איז הערץ צוריקגעקומען אָן אויסגעווייקטער פון וואַלדיקער פייכטקייט, די הענט און דאָס פּנים צעביסן פון מיקן. אויף זיין שרייענדיק קול האָט ער גערופן, אַז די פויערים זאָלן וואָס גיכער גיין אין וואַלד אַריין אַהין צו די אַלטע דעמבעס. אינמיטן די זומפּן איז געלעגן דאָס ווילד־חזיר אַ דערשאָסנס — אַ גרויסע טונקעלע חיה איז דאָרט געלעגן מיט די פיס אויף אַרויף.

## קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

אויף די מאַקאַטאַווער גע־עג־פּעלדער. וויקטאָ־ריאַ קאַוועצקאַ. די אַפּערעטן־בינע פון טעאַטער „נאָ־וואַשטשי״. ביים פּעטער הערשל. הערץ פישמאַן זוכט מיך אין הינטער־געסלעך. „דער חלום פון אַ וואַלס״. טאַק איין ס׳פיפּטל און לאָמיר זיין גוטע פריינט.

הערץ פישמאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַ דריי חדשים פאַר מיר. ער האָט זיך געפילט אין דער שטאָטיש־גבירישער שטוב ביי די פּריוועסעס ווי אַ פריי וואַלד־פייגעלע אין אַ שטייג. זיינע אויערן וואָס זיינען געוואוינט געווען צו די ווינטן אויפן פעלד און צום רוישן פון וואַלד האָבן גאָר נישט געקאָנט פאַרנעמען דאָס אייביקע געהאַמער פון אייזן אויפן הויף. די עראָטישע פרייד מיטן יונגן ווייבל האָט זיך אויך פאַר אים גיך אויסגעלאָזט — און ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן די פרייערע לופט.

הערץ האָט זיך באַלד דערוואוסט אַז אין מאָקאָטאָוו אין וואַרשע זיינען פאַראַן געיעג־פעלדער. און ער איז גאַנצע שעהן דאָרט אָפּגעזעסן, און אַ פאַרקאָכטער צוגעקוקט צו דעם ווינטיקן וועט־געלויף פון די פערד. ער האָט געקאָנט אויף אויסנווייניק אַלע נעמען פון די זעלטענע פערד־עקזעמפּלאַרן און זיך באַקאָנט מיט די זשאָקעיס. אַזוי אַרום איז ער אַריינגעקומען אין די פערד־שטאַלן אויפן מאָקאָטאָווער געיעג־פעלד און געגלעט די לייבער פון די פערד און געקושט זיי אין די מאָרדעס, און איינגעאָטעמט אין זיך זייער אָטעם. ר׳ שלמהלע אינדערהיים האָט מכלומרשט געזאָלט לערנען מיט הערצן „שיעור״. ר׳ שלמהלע אָבער, האָט הערצן קיינמאָל נישט אָנגעזען אויף די אויגן, און ער איז גאָר צופרידן געווען וואָס אים קומט נישט אויס צו האַלטן אין שפּאַן אַזאַ פאַרשייט פריצל. ר׳ שלמהלע האָט נישט געליטן הערצס נאָענטקייט און דאָס געשריי פון זיין דיבור. עס האָט פאַר אים געשמעקט מיט איבּדרויסן און מיט גוי.

הערץ פישמאַן האָט נאָך ביז אַהער קיינמאָל נישט געהאַט געזען קיין

טעאַטער. הגם ער האָט געוואוסט אַז גוישע פּריצים שפּאַנען אין זייערע קאַטשן און פאָרן קיין וואַרשע אין טעאַטער אַריין. דאָס וואַרשעווער אָפּערעטן־טעאַטער „נאָוואָשטשי" איז געווען באַרימט איבער פּוילן מיט דער רייכער און גראַציעזער עלעגאַנץ פון זיין אויסשטאַטונג, מיט דער שפּעדיקער שפּילעוודיקייט פון דער אויפפירונג און מיט דעם שקאַצישן חן פון זיינע שוישפּילער און סוברעטקעס. אין טעאַטער „נאָוואָשטשי" האָט דאַן געלויכטן אַ סוברעטישער שטערן מיטן נאָמען וויקטאָריאַ קאָ־ווּעצקאַ. אַ שוישפּילערין וואָס האָט אויף דער בינע געהאַט אַלע חנען און רייצן פון אַ טעאַטראַלישער לילית. זי האָט גענומען די הערצער מיט איר שיקסעשן זאַפטיקן קול, מיט איר טאַנצן און באַוועגונגען וואָס האָבן אויפן דיסקרעטסטן אופן אויסגעדריקט סיי עראָטישע גלוסטיקייטן, סיי די לופטיקע ליניעס פון באַוועגונג. צווישן דעם טעאַטער־עולם אין וואַרשע זיינען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס וועגן דער קאָוועצקאַ און וועגן איר רייך און רוישיק לעבן. ס'האָט געהייסן: די זין פון די רייכסטע מאַ־גנאַטן אין וואַרשע ליגן איר צופוסנס און לעכצן נאָך אירס אַ שמייכל — און דער וועג צו די אינטימקייטן פון איר בודואַר איז אויסגעפּלאַסטערט מיט גאָלד און בריליאַנטן.

כמעט אָוונט ביי אָוונט איז הערץ פישמאַן געזעסן אין טעאַטער „נאָוואָשטשי" און געקוקט אויף דער קאָוועצקאַ. אין די שפּעדיקע ליכ־טיקייטן פון דער בינע און אין די פאַנטאַסטישע עשרותן פון די דעקאָ־ראַציעס — צווישן דעם שוועבנדיקן געטאַנץ פון האַלב־נאַקעטע פרויען און עלעגאַנטע מענער, אונטער זיסע וויגנדיקע קלאַנגען פון לייכטער מוזיק — האָט די דאָזיקע באַגערטסטע פרוי אין וואַרשע זיך געוויזן אין איר גאַנצן פאַרשייטן כישוף. זי האָט געפירט אירע ליבעס און אינטריגעס פאַר אַלעמענס אויגן. זי האָט זיי געפירט אין די אילוזיעס פון בינע־שפּיל און אונטער די ווייכע קלאַנגען פון דער אָפּערעטן־מוזיק. מען האָט דעמאָלט געשפּילט אין וואַרשע „די לוסטיקע אלמנה" פון לעהאַר און „דעם חלום פון אַ וואַלס" פון שטרויס. אין די דאָזיקע אָפּערעטקעס האָט די קאָוועצקאַ אַרויסגעוויזן אַלע אירע פאַרפירערישקייטן. זי האָט גע־זונגען מיט דער זיסקייט פון אַלע גלוסטונגען. גאַנץ וואַרשע האָט גע־זונגען קאָוועצקאַס לידלעך און די קאַטאַרינקעס האָבן זיי געשפּילט אויף אַלע הייף.

הערץ פישמאַן איז יעדע נאַכט אַהיים געקומען פון טעאַטער אַ צעט־חושטער און אַ לוסטיקער. יעשינער לופט האָט ווידער אָנגעהויבן צו רויטלען זיין פנים וואָס האָט אָנגעהויבן בלאַס צו ווערן אין וואַרשע, — און הגם זי איז נישט געקומען פון די פעלדער, איז זי אָבער געקומען פון די גאַיעג־פעלדער אין מאַקאָטאָוו, פון די לייבער פון די גאַיעג־פערד און פון די פאַרפירערישע שפּעדיקייטן פון טעאַטער „באָוואָשטשי״. אברהם פּריוועס — הגם ער האָט נישט געוואוסט פון קיין גאַיעג־פערד און פון קיין קאָוועצקאַ, און זיין שענסטער עולם־הזה זיינען געווען די בערג מיט אייזן אויף די הייף פון די פּריוועסעס — איז ער פונדעסטוועגן געווען גאָר אַ קלוגער ייד און האָט באַמערקט אַז דער נייער איידעם זיצט נישט אין די אָוונטן אין חסידים־שטיבל און שמועסט חסידות. וואו הערץ פאַר־ברענגט זיינע אָוונטן האָט ער זיך אייגנטלעך נישט גוט געקאָנט פאָר־שטעלן. וויפל וויקטאָריאַ קאָוועצקאַ זאָל נישט זיין געווען פּאָפּולער אין וואַרשע, פאָרט האָט איר נאָמען נישט דערגרייכט צו די אויערן פון די „גרויסע״ ברידער פּריוועס. אברהם פּריוועס האָט וואויל געזען אַז עס זיינען נישט קיין וואָזשנע דרכים אויף וועלכע דער איידעם גייט. לאַנג צו טראַכטן האָט ער נישט געהאַט קיין צייט. אונטן אין דער אייזן־קראָם האָט געברענט דער מסחר. פונדעסטוועגן האָט ער אַמאָל געפּרעגט ביי ר׳ שלמהלען צי הערץ קוקט אַמאָל אַריין אין דער גמרא. ר׳ שלמהלע האָט מורא געהאַט צו דערציילן אַז אַפילו בייטאָג זעט ער הערצן זעלטן־ווען אויף די אויגן — און האָט בלויז אַ צי געטאָן מיט דער פּלייצע. אברהם פּריוועסן האָט מען נישט באַדאַרפט אַריינשטעקן קיין פינגער אין מויל. ער האָט אַ ברום געטאָן מיט אַ בייזער אומגעדולדיקייט און ווייטער אָנ־געהויבן צו טראַכטן וועגן שאַרפן מסחר אין דער קראָם. דאָך אָבער, אַמאָל שפּעט אויפדערנאַכט ווען הערץ איז אַהיים געקומען פון טעאַטער, האָט אברהם פּריוועס אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער שלאָף־שטוב און אַ פרעג געטאָן אויף אינדערגעשווינד:

— ווי קומט דאָס אַ יונגערמאַן אַלע נאַכט אַהיים אַזוי שפּעט? פון שטיבל מן־הסתם, האַ?

— איך בין געווען ביים פּעטער הערשל, — האָט הערץ אָפּגעטאָקט אַ ליגן אויף דער מינוט.

דער פּעטער הערשל איז געווען דער מוטערס אַ ברודער. אַ וואַרשע־

ווער בעל־הלוואה, אַ חשוך־בנים און גערעדט אַ קאַפּעטשקע ליטוויש. הערץ האָט אים, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל נישט אָנגעקוקט אויף די אויגן. ער האָט נישט געקאָנט אויסשטיין זיין צעצויגן ליטוויש לשון און דעם ריח פון זיין אויסגעזעסענער קאַפּאָטע.

אין עטלעכע נעכט אַרום האָט אברהם פריוועס ווידער אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ פון דער שלאָף־שטוב:

— ביים פעטער הערשל מן־הסתּם? — האָט ער געפרעגט מיט אַ בייז און ביטרע שמייכעלע.

— ביים פעטער הערשל, — האָט הערץ געענטפערט און האָט אָפּ־געטאָקט דעם גוטן ליגן.

אברהם פריוועס האָט פאַרהאַקט די טיר פון שלאָף־שטוב.

פרייטיק צונאַכטס צום עסן האָט אברהם פריוועס הויך אָנגעהויבן צו דערציילן אַז זיין ברודער משהל פריוועס האָט הצלחה צו איידעמס. אַט האָט ער איצט באַקומען אַן איידעם (דאָס מיינט מען מיך) וואָס קוקט אויס צו זיין גאָר אַ חסידישער יונגערמאַן און זיצט כסדר ביי דער גמרא און לערנט —

עס איז געווען אַ ביטערער שטאָך אין דער זייט פון הערץ פּיש־מאַנען — וואָרעם בשעת אברהם פריוועס האָט דערציילט די מעשה האָט ער שאַרף געקוקט אויף הערצן. הערץ האָט פּונקט דעמאָלט געטונקט די וואַרעמע שבתדיקע חלה אין דער פיש־יויך. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן פונעם טעלער און אָנגעקוקט דעם שווער. גלייך אַ ווילד לאַשעקל האָט הערץ נישט האָלט געהאַט אַז מען טוט אים אָן דעם מינדסטן שפּאָן און מען זאָגט אים מוסר־ווערטער וואָס זיינען אים אויף אַ מינוט אומ־אָנגענעם. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין מוסר און קיין שטראָף־רייד. ער האָט ליב געהאַט די פרייהייט און דאָס פרייע זאַרגלאָזע געמיט. די מינדסטע זעלישע שטערונג האָט זיך אויף אים געלייגט ווי אַ פינצטערער וואָלקן. הערץ האָט נישט האָלט געהאַט די פינצטערע וואָלקנס אינעם געמיט.

די ערשטע רעאַקציע ביי הערצן איז געווען אַ שטויס צו טאָן דעם יעניקן וואָס פאַרנעמט זיך אים אָנצוטאָן אַ כאָמוט אויפן האַלדז. מיטן שווער אברהם פריוועס איז אים געווען נישט לייכט אָנצוהויבן — האָט ער רעאַ־גירט מיטן געפיל פון אַן אוממיטלבאַרן מענטש. זיין גאַנצן כעס האָט

ער אויסגעלאָזט צו דעם אָביעקט מיט וועלכן מען האָט אים געוואָלט געבן א קלאַפּ, ד. ה. צו מיר. געקומען עפּעס אַ כניאַק, אַ באַנק־קוועטשער און טוט אים, הערצן, אָן צרות. און ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אויב ער וועט מיך טרעפן ערגעץ אין אַ הינטער־געסל וועט ער מיר געבן מיט זיין שטעקן איבער דער פּלייצע.

אין הינטער־געסלעך האָט ער מיך נישט געטראָפן. דערפאַר האָט ער מיך יעדן שבת באַגעגנט אין שטיבל ביי די פּריוועסעס. ער האָט אויף מיר געגלאָצט מיט אַ פּאָר בייזע פייערדיקע אויגן און נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט מיט מיר זיך אָפּצורעכענען. אַמאָל האָט זיך אָבער געמאַכט, מיר זיינען געזעסן אין שטיבלביידע צוזאַמען אויף דער זעלביקער באַנק. אויך מיינע אויערן זיינען געווען פול מיט די מעלאָדיעס פון דער „לוס־טיקער אלמנה" און דעם „חלום פון אַ וואַלס". — מעלאָדיעס וואָס אַלע וואַרשעווער קאַטאַרינקעס האָבן געשפּילט איבער די הייף. גאַנץ צופעליק האָב איך אַ ברום געטאָן עטלעכע טאַקטן פון די דאָזיקע מעלאָדיעס.

הערץ פישמאַן האָט זיך צו מיר אַ דריי־אויס געגעבן. צי ער האָט מיך חושד געווען אַז איך בין אויך געווען אין טעאַטער „באָוואַשטשי" און געזען און געהערט די וויקטאָריאַ קאַוועצקאַ, ווייס איך נישט. גענוג — די קאַוועצקאַס מעלאָדיע אין מיין מויל האָט אין אים, אין זיין פּשוט אוממיטלבאַר געמיט, מאָמענטאַל איבערגעביטן זיינע באַציאונגען צו מיר. עס איז אים אויסגעקומען אַז איך בין עפּעס ווי אַ שטיקל שותף צו זיין האַרץ. איי וואָס איך בין אַ כניאַק און אַברהם פּריוועס מוסרט אים מיט מיר — כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער.

ער האָט אין דער שטיל אויסגעשטרעקט צו מיר זיין האַנט און גע־זאָגט כמעט אַ שרייענדיקער:

— ווי איך זע ביסטו פון אונזערע ברידער. פון אָן אייגענעם מענטש מעג מען האָבן צרות. שאַט נישט. טאָק איין ס׳פּיפּטל (גיב מיר די האַנט) און לאָמיר זיין גוטע פריינד.

איך האָב אים צוריק געדריקט די האַנט, און מיר זיינען געוואָרן חברים און די אינטימסטע פריינד אויפן גאַנצן לעבן.

## קאַפּיטל דרייסיק

ר׳ ישעיה פריוועסעס בן־זקונימל. ווידער ר׳ יעקב ענגלמאַן. עס בלאָזן גרויסע ווינטן אין גלאַזנאָוו און ס׳איז נישט מיגלעך צו גיין מיט אַ שירם. אין איטשע מאירס אויגן באַקומט דער גזשיבאָוו אַלע זיבן חנען. איטשע מאיר שיט מיט בריוולעך נאָך ר׳ ישעיה פּרי־וועס מאַכט זיך נישט הערן. די שיסל אויפן גזשיבאָוו איז באַזעצט. איטשע מאיר לאָזט זיך שווימען אויף די נאַלעווקעס. גוט־יום־טוב־ביטן. מרימל פאַרבליפּט די פּריוועסעס. צירעלע קוקט אָן אלעזרן מיטן גאַל־דענעם לאָרניאָן. איטשע מאיר ווייזט די ברידער ווער עס איז עלטער.

די מרגליותעס פון ראַדאָמישלע. איינגעטונקען אין צוקער פון דור דורות. מיטן ריזשינער אין דער גאָלדענער קאַטש. די מרגליותעס קומען אויף דער חתונה און וואָרשע גלייבט נישט אירע אויגן. צוקער־פאַבריקן און דוד המלך. איטשע מאיר פּריוועס נעמט אויס די טויז אייכל.

דאָס בן־זקונימל פון ר׳ ישעיה פריוועס האָט געהייסן איטשע מאיר. איטשע מאיר איז פאַרבליבן דאָס צעפּיעשטשעטע און צעבאַלעוועטע בן־זקונימל ביזן טויט אַריין. ער איז געווען דער קלענסטער פון די ברידער, מיט אַ רויטלעך בערדל און מיט לעבעדיקערע באַוועגונגען ווי אַלע זיינע ברידער. פאַרן בן־זקונימל האָט שוין ר׳ ישעיהן אויסגעפּעלט פּאַסיקע מחותנים אין פּוילן. שידוכים פון ראַסיי זיינען אים ניט געווען צום האַרצן. האָט ער זיך אויף טשעקאַוועסט משדך געווען מיט ר׳ יעקב ענגעלמאַן. הגם ר׳ יעקב ענגלמאַן און גלאַזנאַוו זיינען אים אויך נישט געווען צום האַרצן. קודם־כל האָט ר׳ ישעיה נישט גורס געווען קיין פּריצים. ער האָט נישט געוואָלט נאָך אַ צירעלע צווישן די שנורן. צוויטנס, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ר׳ יעקב ענגלמאַן איז עפּעס אַזוינס ווי זיינס אַ קאָנקורענט צווישן די הויכע סמעטענעס אין פּוילן — און אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך גבירים וואָס לויפן גראָד זיך משדך צו זיין מיט ר׳ יעקב ענגעלמאַנען. דערצו האָט ער, ר׳ ישעיה, אין האַרצן געהאַט אַ גרויסן חשד אַז ר׳ יעקב ענגלמאַן קאָן בעסער לערנען פון אים. ר׳ ישעיה פריוועס האָט נישט סובל געווען אַז מען טרעט אים אויפן היגער־אויג.

נאָר וואָס טוט מען נישט פאַר אַ בן־זקונימל. ר׳ ישעיה האָט פאַרגעסן אַלע קריוודעס און אַוועקגעגעבן איטשע מאירן אויף קעסט קיין גלאַזנאַוו.

איטשע מאיר פריוועס איז געבוירן געוואָרן אויפן גזשיבאַוו און צווישן אייזן. ער האָט געגלויבט אויף זיכער, אַז פליישׁ מאַכט מען אין די יאַטקעס און ברויט און זעמל וואַקסן ביי די בעקער אין די אויוונס.

מיטאַמאָל איז ער אַריינגעקומען צווישן פערדלעך און לאַשעקלעך, צווישן אַ געקוואַקעריי פון הינער אינעם דאָרפישן אינדרויסן, — און צווישן אַ געסיקעריי פון סטאַדעס מיט גענדז. אמת, גלאַזנאָוו איז פול געווען מיט בתי־מדרשים, מקוואות און חדרים. אָבער — איינמאָל איז איטשע מאיר נישט געוואוינט געווען, אַז אומעטום זאָלן אַרעמעלייט אַריינשטעקן די נעז ווי אין גלאַזנאָוו, קריכן צוזאַמען מיט ר׳יעקבן אין מקווה און פול מאַכן זיינע סאַליעס. ביי די פּריוועסעס אין וואַרשע איז איטשע מאיר געוואוינט געווען צו דיסטאַנס צווישן גבירים און קבצנים. דער עיקר — ווען ס׳איז געקומען דער שפּעטער האַרבסט אין גלאַזנאָוו. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע רעגנס און די ווינטן. עס איז נישט מעגלעך געווען צו גיין מיט אַ שירעם, מחמת אַרום גלאַזנאָווער „הויף״ האָבן די ווינטן ממש געטראָגן אין דער לופטן. און דאָן שפּעטער אין ווינטער. גלאַזנאָוו האָט געפינקלט אין ווייסע הויך־אָנגעשיטע שנייען, דער דאָרפישער פראָסט האָט געברענט דעם אָטעם און געביסן די אויערן — דאָ האָט איטשע מאיר נישט איין מאָל געטראַכט, אַז ר׳ ישעיה פּריוועס איז גערעכט געווען וואָס ער האָט זיך נישט געוואָלט משדך זיין מיט פּריצים און אָוועקגעבן זיינע קינדער אויף קעסט צו די פּוסטע פעלדער. ווען ער האָט אָנגעקוקט גלאַזנאָוו אין אַזאַ ווי֯סטן מעמד און געזען די אָנגעפּעלצטע גויים און די אָנגעפּעלצטע יידן, און געזען די פאַרפרוירענע בערד און די פאַרפרוירענע אָטעמס — האָט וואַרשע און די גרויסע קור־פּעס אייזן אין ר׳ ישעיהס הייף אויפן גזשיבאָוו באַקומען אין איטשע מאירס אויגן אַלע ז׳יבן חנען. ער האָט דערפאַר געהייסן דעם יונגן ווייבל אַז זי זאָל אים דערלאַנגען אַ גלעזל קאָכעדיקן טיי מיט אַ סך אתרוג־איינגעמאַכטס.

די איינציקע טרייסט אין דער גלאַזנאָווער וויסטעניש איז פאַר איטשע מאירן געווען דאָס יונגע ווייבל. ר׳ יעקבס טעכטער זיינען געווען געראָטענע און געוויקסיקע.

איטשע מאיר איז געווען אַן אומגעדולדיקער און ער האָט פאַר־פליצט ר׳ ישעיהן מיט בריוולעך, באשר בכן, אַז ער קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן אין אַזאַ העק, און ער רייסט זיך קיין וואַרשע. ער האָט ר׳ ישעיהן דערמאָנט, אַז ער איז דאָך דאָס בן־זקונימל און דאָס יונגע ווייבל ריכט זיך שוין צום צווייטן מאָל אין קימפּעט אַריין און עס וועט אים

אויסקומען צו פוילן אין די וויסטע פעלדער. קיין מסחר צו מאַכן אין גלאַזנאָוו זעט ער נישט וואו. ער, איטשע מאיר, טויג זיך נישט צו קיין ביימער. ער האָט ליב אייזן — און ער וואָלט אויך קאַפּאַבל געווען אַ פּרואוו צו טאָן אויף דער גרויסער הצלחה פון די פּריוועסס. מען זעט דאָך באַשיימפּערלעך אַז דער רבונו־של־עולם האָט ליב זיי אַלצדינג צו געבן מיט דער פולער האַנט. די אַלע בריוולעך זיינען געשריבן געוואָרן אויף לשון־קודש. וואו עס האָט איטשע מאירן אויסגעפעלט אַ וואָרט האָט ער אין מיטן דעם לשון־קודש אַריינגעשטעלט אַ יידיש צי גאַר אַ פּויליש וואָרט. אַלצדינג כדי צו רירן ר׳ ישעיהן דאָס האַרץ. איטשע מאיר האָט אויך געלאָזט גריסן זיין מוטער שבעלע און אויך פאַר איר זיך באַקלאָגט אויף גלאַזנאָווער גלות און אַז דאָס ווייב און די קינדערלעך ווערן אים געפּרוירן אין די גלאַזנאָווער קעלטן. די ברידער האָט ער זייער קאָלט און זייער זעלטן געלאָזט גריסן. ער האָט זיי חושד געווען אַז עס איז זייער מלאכה צו האַלטן אים פונדערוויטנס פון דער גאָלדענער שיסל אויפן גזשיבאָוו. ר׳ ישעיה פּריוועס איז אָבער נישט געווען דער ייד וואָס מען זאָל אים אַזוי לייכט ווייך מאַכן דאָס האַרץ. פאַרקערט: וואָס מער ער האָט געזען אַז דאָס בן־זקונימל רייסט זיך קיין וואַרשע, האָט ער אים אַלץ לענגער געלאָזט זיצן אין גלאַזנאָוו ביי ר׳ יעקבן אויף קעסט.

נאָר אויף אַלצדינג אין דער וועלט קומט אָן עק. ר׳ יעקבס טעכטער זיינען געווען געבענטשט מיט פּרוכטבאַרע טראַכטן. די וויגן אין גלאַזנאָוו האָבן זיך געמערט און געמערט. איטשע מאיר האָט זיך פאָרט דערוואָרט אַז עס זאָל נעמען אַ סוף צו די פינצטערע פעלדער, און מען האָט אים ענדלעך אַריבערגענומען קיין וואַרשע.

איטשע מאיר איז אַרויפגעקומען אויפן גזשיבאָוו שוין מיט אַ היפּש רעשטל קינדערלעך און מיט אַ שנאה אויף דערפער, אויף לעבעדיקע געגנדז און הינער. ער האָט נישט געקאָנט אָנקוקן קיין פערד. ער האָט שוין געהאַט אַ פולע נאָז מיט די דאָזיקע זאַכן. דערפאַר האָט אין אים געברענט אַ גלוסטונג צו מסחר און צו אייזן. ער האָט געוואָלט אויס־שפּרייטן זיינע הענט און אָנהויבן דעם גרויסן שווים אין וואַרשעווער גע־שעפטן. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ר׳ ישעיהס פּחד אַז סע קומט אַריין אונטער זיין דאַך אַ צווייטע צירעלע, איז געווען אָן אומזיסטער. מרימל איז געווען אַ שטילע און באַשיידענע, געוואוינט פון איר מוטער

מינדל נאָר צו לעבן פאַר דעם מאַן און פאַר די קינדערלעך. דערצו איז זי געקומען פון גלאַזנאָוו אין די הויכע חדשים און זיך פונאויפסנייַ געריכט אין קימפעט אַרײַן. זי האָט גאָרנישט געהאַט קיין צייט און קיין קאָפּ צו דער הויך־פּאָליטיק פון ר׳ ישעיהס שנורן. צירעלע פּריוועס האָט איר אַ שאַרפן אָנקוק געגעבן מיטן גאָלדענעם לאָרניאָן און באַשלאָסן אַז מרימל איז סך־הכל אַ דאָרפיש גענדזעלע. זי האָט צו מרימלען אַפילו אַ שמייכל געטאָן און גאָר זיך גענומען זאָרגן וועגן מרימלס קימפּעט.

איטשע מאיר איז אַ צעיאָכמערטער אַרײַנגעקומען אין דער גרויסער אייזן־קראָם פון ר׳ ישעיהן. דער זויערער פאַרדומפּעצטער ריח פון אייזן און זשאַווער איז אים געווען זיס ביז גאָר, נאָכדעם ווי עס האָבן אים עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געשמעקט אין דער נאָז אַרײַן פעלדער אוןביימער. עס האָט אים אויפגעקאָכט אין די געבליטן. ער האָט געזען אַז קיין גרויס אָרט כדי צו קענען שווימען אין דער דאָזיקער קראָם וועט ער שוין נישט באַווייזן צו פאַרנעמען. דאָ שפּרייט שוין אויס די פולע הענט זיין ברודער אברהם פּריוועס. דערימאָך האָט ער זיך מיישב געווען — מעשה בן־זקונימל — אַז וויבאַלד זיין ווייב מרימל וועט נאָר אויפשטיין פון דער קימפּעט וועט ער גאָר ווײַזן דעם גזשיבאָוו די גרויסע פייג און וועט זיך אָוועקציען אין ר׳ ישעיהס הייזער אַרײַן אויף די נאַלעווקעס. קודם וועט ער זיין דער איינציקער פּריוועס אויף די נאַלעווקעס. זאָלן נאַ־לעווקער יידן וויסן אַז זיי האָבן צווישן זיך ר׳ ישעיהס בן־זקונימל. וואָ־רעם אויפן גזשיבאָוו איז ער נישט מער ווי איינער צווישן זעקס. במשך די עטלעכע יאָר וואָס ער איז פאַרפינצטערט געוואָרן אין גלאַזנאָוו האָבן דערוויל די פינף ברידער נאָך העכער אויפגעהויבן די קעפּ. איטשע מאיר האָט געוואָלט אַז מען זאָל אים אַרויסזען. נאָר אים אַליין. נישט בחינם האָט ער זיך געהאַלטן פאַר דעם ציטריקן בן־זקונימל. הגם ר׳ ישעיהס טבע איז גאָרנישט געווען צו ציטערן איבער זיינע קינדער.

פונדעסטוועגן האָט איטשע מאיר אויסגעפירט. אַלע יום־טוב האָט ר׳ ישעיה פּריוועס אַליין בראש פון די פינף ברידער געמוזט קומען צופוס צו איטשע מאירן אויף די נאַלעווקעס. קומען „גוט־יום־טוב־ביטן״. אַ פאַמיליע צערעמאָניע וואָס איז מיט גרויס פּאָמפּע אָפּגעהיטן געוואָרן ביי די פּריוועסעס. איטשע מאיר פּריוועס האָט, וואָס שייך אָט־אָ דעם כיבוד, געוואָלט מיט שפּע אַריבעריאָגן אַלע ברידער. וויפל מרימל האָט צוגעגרייט,

געבאַקן און געקאָכט לכבוד דעם דאָזיקן כיבוד האָט אַלץ איטשע מאיר געשריען אַז עס איז צו וויניק און צו פראָווינצעריש, און אַז צירעלע פריוועס מאַכט עס מיט מער רחבות און מיט מער גבירישער שפע. פאַר אַלע יום־טוב איז איטשע מאיר שעהן־לאַנג אָפגעזעסן אין ווייַן־קעלער ביי ר׳ לייבוש בערלינער אויף די נאַלעווקעס. ער האָט דאָרט געניִשטערט צווישן די פאַרבלאָטיקטע פלאַשן מיט טייערן און אַלטן אונגער־וויין און געשריגן אַז מען זאָל אים נישט זשאַלעווען דעם בייטל און געבן פון דעם טייערסטן און פון דעם בעסטן. טאָמער האָט ר׳ לייבוש פאַרבאַהאַלטן אין דער קעלער־בלאָטע אַ זעלטענעם טאָקייער זאָל ער אים למען־השם אַרויסגעבן. אַחוץ דעם האָט ער געקויפט די טייערסטע ענגלישע בירן און פאָרטערס, געגאַנגען אין דער גרעסטער און פריצישסטער דעליקאַטעסן־קראָם אין וואַרשע און געהייסן זיך איינפאַקן די זעלטענסטע און פיקאַנטסטע געזאַלצענע פיש און הערינג. ווען די הויזגעזינטן פריוועס מיט ר׳ ישעיהן בראש זיינען אין אַ יום־טוב אַרויפגעקומען צו איטשע מאירן אויף די נאַלעווקעס, האָט זיי מקבל־פנים געווען אַ טיש מיט שפע וואָס האָט פאַרבליפט אַפילו די פריוועסעס. מען האָט שפעטער דערציילט ביי אַלע פריוועסעס פונעם מלכותדיקן כיבוד ביי איטשע מאירן. ר׳ ישעיה האָט געהאַט אַ הנאה דערפון ווי דאָס בן־זקונימל האָט פאַרשאַפט קנאה און בייז בלוט די ברידער. צירעלע פריוועס האָט נאָך יעדן יום־טוב־כיבוד ביי איטשע מאירן אַ סך געקוקט אויפן גאָלדענעם לאָרניאָן און געטראַכט, אַז סך־הכל איז מרימל גאָרנישט אַזאַ גענדזעלע און מען דאַרף צו איר זיין וויניקער צוגעלאָזן.

דאָס איז געווען בלויז אין יום־טוב. אינדערוואָכן האָט זיך איטשע מאיר פאַרנומען צו גיין אויף דער גרויסער גליטש און געוואָלט אַז זיינע ברידער צווישן די אייזן־קופּעס אויפן גזשיבאָוו זאָלן באַקומען פון אים צו הערן. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפן האַזאַרד און אויפן געיעג נאָך די גרויסע גליקן אויף די נאַלעווקעס. פון איטשע מאירס גליקן האָט זיך יעדעס מאָל אויסגעלאָזט דער גרויסער טייך. ס׳איז געוואָרן אַ „לאָך״ ביי איטשע מאירן אין דער קעשענע. ר׳ ישעיה פריוועס האָט געמוזט צושיטן זעק מיט קערבלעך כדי דאָס בן־זקונימל צו האַלטן אין כבוד און אין דעם כבוד פון דער משפחה פריוועס. אַזוי האָט זיך דאָס רעדל געדרייט

ביז איטשע מאירס עלטסטע טאָכטער פראַניע איז אויסגעוואַקסן צו אַ כלה־מיידל און מען האָט באַדאַרפט מיט איר צו טאָן אַ שידוך.

אויך דאָ האָט איטשע מאיר פריוועס געוואָלט ווייזן די ברידער ווער עס איז עלטער און ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער פוילן. ער האָט גע־וואָלט נישט אַנדערש סיידן ווי דעם גרויסן קנאַק און דאָס טעלערל פון הימל. אומעטום וואו עס איז נאָר געווען אַ סמעטענע אין פוילן האָבן שוין די ברידער דאָרט געהאַט אַריינגעשטעקט אַ לעפל. ער האָט אויפ־געהויבן זיינע אויגן קיין ראָסיי. ער האָט גריילעך געוואוסט אַז זיין פאָ־טער ר׳ ישעיהן האַרצט נישט צו רוסישע שידוכים. דאָס האָט איטשע מאירן גערייצט דווקא צו טאָן אויף רוסיש. דער ערשטער משקל־הראשון איז געווען צו טאָן אַ שידוך מיט די האָרנשטיינס פון ראַדאָמישלע. האָבן שוין אָבער דאָרט די אַנדערע פריוועסעס געהאַט אַריינגעשטעקט אַ פוס. איטשע מאיר האָט נישט געוואָלט זיין איינער צווישן אַלע.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אויך דאָ האָט איטשע מאיר אַלעמען פאַרבליפט. צירעלע האָט איר אייגענעם מאַן אלעזרן אָנגעקוקט מיטן גאָלדענעם לאָרניאָן.

פאַר דער וועלט האָט עס געהייסן אַז די האָרנשטיינס זיינען די אייגנטלעכע גילדענע פאָן אין ראַדאָמישלע. איטשע מאיר האָט מיט גרויס פאָמפע אַנטדעקט אַ נייע אַמעריקע. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ס׳איז פאַראַן אין ראַדאָמישלע אַ גבירישע משפחה, מרגליות — הגם זיי זיינען מיט די האָרנשטיינס לייבלעכע שוואָגערס — פונדעסטוועגן ווייסט גאַנץ ראָסיי אַז דער גאַנצער יחוס פון די האָרנשטיינס איז נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן די מרגליותעס פאַר שוואָגערס. איטשע מאיר האָט אויסגעפונען דעם סאָד פאַר בראָד, אַז סך־הכל איז ר׳ נפתלי האָרנשטיין — דער ר׳ ישעיה פריוועס פון די האָרנשטיינס — געווען אין זיינע יונגע יאָרן בלויז אַ „מענטש״ ביי די מרגליותעס אין די צוקער־פאַבריקן. ערשט פאָמעלעכל, פאַמעלעכל האָט זיך ר׳ נפתלי אַרויפגעכאַפּט אויפן אויבנאָן, און אַרויף אויפן פערדל נאָכדעם ווי עס איז אים מיט גרויס מי און מאַטערניש גע־ראָטן זיך משדך צו זיין מיט די מרגליותעס. דערפאַר זיינען די מרגליותעס אויסגעטונקען אין צוקער פון דור דורות, קיינער ווייסט צומאָל נישט פון ווי לאַנג. אַחוץ דעם זיינען זיי אויסגעטונקען מיט יחוס און זיינען אייניקלעך פון דוד המלך. אַ כבוד פון וועלכן די האָרנשטיינס קענען

צומאָל נישט חלומען. דערצו זיינען די מרגליותעס סאַדיגורער חסידים. עס רעדט זיך אַזוי סאַדיגורער חסידים. וואָרום סאַדיגורער חסידים זיינען די האַרנשטיינס אויך, נאָר זיי, די מרגליותעס, זיינען געווען פון יענע גבירישע מקורבים וועלכע דער ריזשינער האָט זיי אַריינגענומען צו זיך אין דער גאָלדענער קאָטש, — בעת די האַרנשטיינס זיינען געשטאַנען פון דרויסן און גאָר באַשפּריצט געוואָרן מיט בלאָטע ווען די קאָטש איז אַוועקגעפאָרן נאָשפּיץ. וואָס ווייסן וואַרשעווער יידן! מען דאַרף נאָר טאָן אַ פאָר צו קיין ראַדאָמישלע וועט מען שוין באַקומען צו הערן ווער די מרגליותעס זיינען.

ווען איטשע מאיר איז אַרויפגעגאַנגען צו ר׳ ישעיהן און אים אָנגעהויבן אויסצומאָלן דאָס חשיבות פון די מרגליותעס, האָט עס ר׳ ישעיהן נאָך ווייניקער געהאַרצט קיין ראָסיי. איטשע מאיר האָט אָבער געוואוסט, אַז אַזאַ שאָס ווי ער וועט איצט באַווייזן צו טאָן איבער פוילן וועט אים אַ צווייטן מאָל נישט קומען אונטער דער האַנט. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און באַשטאַנען אויף דאָס זיינ׳קע. דער שידוך מיט די מרגליותעס איז געטאָן געוואָרן נאָך גרויס מי און מאַטערניש. אויף דער חתונה האָט איטשע מאיר געוויזן ווער ער איז און וואָס ער קאָן. אַזעלכעס האָבן אַפילו די פּריוועסעס נאָך נישט געהאַט געזען. פון ראַדאָמישלע זיינען געקומען אַלע האַרנשטיינס. און דער עיקר, די מרגליותעס. אַזעלכע גבירים ווי די מרגליותעס האָט נאָך וואַרשע נישט געזען. גאָר דאַרע אויסגעבלייכטע גבירים מיט שאַרפע שפּיציקע גאָמבעלעך, מיט קליינע שוואַרצע בערדעלעך, און מיט קולעכלעך וואָס האָבן גערעדט ווייך און זינגענדיק און מיט אַ טיפן וואָלינערישן דיאַלעקט. יעדע נון איז ביי זיי אַרויסגעקומען עפּעס ווי צוגעטשעפּעט מיט אַ יוד. זיי האָבן אַלע געטראָגן שטייפע קעלנערלעך און קורצע געהאַקטע קאַפּאָטקעלעך. אַפילו זייערע זיידענע קאַפּאָטעס זיינען געווען קורצע און געהאַקטע. די וואַרשעווער האָבן געקוקט און נישט געגלויבט זייערע אויגן. אָבער איטשע מאיר האָט געשוויצט און געווען אויפן זיבעטן הימל. דער שידוך מיט די מרגליותעס האָט טאַקע אַלעמען אַריינגעטראָפן אין פינטל. איטשע מאירס ערשטער איידעם האָט אויך געהייסן אַן אויסטערלישן נאָמען וואָס האָט בפירוש געשמעקט מיט סאַדיגורע, מיט צוקערפאַבריקן און מיט דוד המלך. ער האָט געהייסן גור אריה. פוילן האָט נאָך אַזאַ נאָמען נישט

געהערט. איטשע מאיר האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען גור אריה, כדי קיינער זאָל אויף אַ רגע נישט פאַרגעסן ווער עס איז עלטער. אויך גור אריה איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער מיט אַ שפּיציקער גאָמבע און מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, פּונקט ווי אַלע מרגליותעס. ער האָט אויך געהאַט אַ ווייך זינגענדיק קול, גערעדט וואַלינעריש און אויסגעמישט זיינע נונען מיט יודן.

אין דעם ערשטן שבת נאָך דער חתונה איז איטשע מאיר מיטן איידעם גור אריה געקומען צו פוס פון די נאַלעווקעס כדי צו דאַווענען אין שטיבל פון די פּריוועסעס אויפן גזשיבאָוו. ער האָט זיך געוואָלט באַווייזן. ביים לייענען האָט מען כסדר געשמועסט פון די מרגליותעס און פון סאַדיגורע. איינער פון די מקורבים ביי די פּריוועסעס, דוכט זיך חיים פּיסעצנער, האָט זיך אָנגערופן, אַז סך־הכל פאַרט קיין גער אַ גרעסערער עולם חסידים ווי קיין סאַדיגורע. גור אריה — הגם נאָך גאָר אַ פּנים־חדשות — האָט אַ געשריי געטאָן אויף זיין ווייכן וואַלינערישן יידיש: קיין סאַדיגורע פאָרן אָבער די מרגליותעס! און כדי צו ווייזן אַז ער מיינט דערמיט נישט קיין וויצן האָט ער גלייך דעם שקאָצישן ייד אַראָפּגעלאָזט אַ הילכיקן פּאַטש. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און געוואָרן פאַרבליפט ווי אַזאַ דאַרער רוסישער יונגערמאַן, מיט אַ שטייף קעלנערל און אין אַ קורץ געהאַקט זיידן קאַפּאָטקעלע, זאָל האָבן אין זיך אַזוי פיל חסידישע שאַרפקייט. איטשע מאיר האָט פונדערווייטנס כלומרשט אַ מוסרדיקן געשריי געטאָן: גור אַריה! נאָר ער האָט דערביי צופרידן געשמייכלט, — וואָרעם איצט האָבן אַלע באַשיימפּערלעך געזען אַז ער האָט מיט די מרגליותעס אויסגענומען די טויז אייכל.

## קאַפּיטל איין און דרייסיק

ר׳ ישעיה פּריוועסעס בת־יחידקע. שדכנים ברענגען מזמרת הארץ. ר׳ ישעיה פּריוועס גייט אַרויס פון זיין געוויינטלעכן דרך. ר׳ מאיר מענדלסאָן. אָנגעשטאָפּט מיט געלט און מיט תורה. סע וואַקסט אַ יינגעלע אַן עילוי. ר׳ ישעיה הערט ווי דאַכעלע הוסט. וואָס רעדט איר, ר׳ מאירשי, די פראַנקפורטער רויט־שילדס שיקן שדכנים.

ר׳ ישעיה פּריוועס האָט געהאַט בלויז איין און איינציקע טאָכטער. דאַכעלע. זי איז געווען אַ דאַרע, אַן אויסגעגרינטע, אַ קרענקלעכע און אַ הוסטערקע. מען האָט זיך מיט איר כסדר געדאָקטערט און מיט איר אַרומגעפאָרן וואו עס איז נאָר פאַראַן געווען אַ וואַרעם־באָד. שבעלע פריוועס האָט איבער איר געציטערט ווי איבער אַ שוואַך צעברעכלעך חפץ, און מען האָט זי פאַרפּיעשטשעט ווי ווייט מען קאָן נאָר אַ שוואַכע גבירישע בת־יחידקע פאַרפּיעשטשען. אַפילו דער שטרענגער אַנגע־כמורעטער ר׳ ישעיה האָט לגבי דאַכעלען אַרויסגעוויזן שוואַכקייטן פון צערטלעכקייט. אַזוי ווי דאַכעלע האָט נישט גענומען קיין אַנטייל אין דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די ברידער, האָבן זיך דאָ די ברידער גאָר באַמיט איר אַרויסצואווייזן צערטלעכקייט. מען האָט געוואוסט, אַז צערט־לעכקייט פאַר דאַכעלען איז אויך צערטלעכקייט פאַר ר׳ ישעיה פריוועסן. און אויך דאָ האָבן די ברידער געקעמפט צווישן זיך ווער עס וועט וואָ־רעמער אָנקלאַפּן אין דער טיר וואָס פירט צו ר׳ ישעיהס סענטימענטן.

נאָך גרויס מי און ציטערניש איז ענדלעך דאַכעלע אויסגעוואַקסן צו אַ כלה־מיידל. שדכנים האָבן צעעפנט זייערע שירעמס און געפלויגן איבער פוילן. מען האָט זיך איבערגעיאָגט צו ברענגען פון דעם שענסטן און בעסטן זמרת־הארץ. אַ ווערטעלע אויסצורעדן, ר׳ ישעיה פריוועסעס בת־יחידקעלע! איין האָפערדיקער שדכן האָט זיך אַפילו איינגעשטעלט צו פאָרן קיין פראַנקפורט אַם מיין צו די פרומע ראָטשילדס, און אויסצוזוכן דאָרט פאַר דאַכעלען אַ חתן.

אויף אַלעם און אויף אַלצדינג האָט ר׳ ישעיה פריוועס געדרייט מיט דער נאָז.

נאָר דאָ — און טאַקע לכבוד זיין בת־יחידקעלע — איז ר׳ ישעיה פריוועס אַרויסגעגאַנגען פון זיין געוויינטלעכן דרך.

אין וואַרשע האָט געוואוינט אַ ייד אַ גביר מיטן נאָמען ר׳ מאיר מענדלסאָן. מעסטן אים אין עשירות מיט ר׳ ישעיה פריוועסן וואָלטן יידן געלאַכט אין די פויסטן אַריין. שדכנים האָבן זיך אויף אים גאָרנישט אומגעקוקט. צומאָל ר׳ ישעיה פריוועסן נישט געפּרוּווט אָנצושלאָגן מיט ר׳ מאיר מענדלסאָן. ווען אויף גרעסערע גבירים פון ר׳ מאירן טוט ר׳ ישעיה אַ מאַך מיט דער האַנט — איז וואָס איז דאָ שייך ר׳ מאיר מענדלסאָן. אומעטום זיינען אָבער פאַראַן יידן וואָס האַלטן זיך נישט אָפּ צו גיין אויף גליטשן. איינעם אַ פּשוטן נישט־באַקאַנטן שדכן איז עס גאָר איינגעפאַלן צו קומען צו ר׳ ישעיהן מיט דעם דאָזיקן נישט־גלייבלעכן שידוך.

אמת, דער שדכן איז נישט געקומען מיט ליידיקע הענט. ער האָט טאַקע דערציילט פון ר׳ מאירס הייזער אין וואַרשע, און אַז מען זאָגט אַז ר׳ מאיר איז באַהאַלטענערהייט אָנגעשטאָפּט מיט געלט, נאָר ער וויל נישט אויפרייסן די אויגן און ער האַלט פון „הצנע לכת״. די דאָזיקע מידה ר׳ מאירס שטאַמט חס ושלום נישט פון קאַרגשאַפט, — וואָרעם דער ייד האַלט אַ סך פון מתן־בסתר. מען קאָן זיך פּרוּוון נאָכפרעגן אויף די נאַלעווקעס. נייערט אָט־אָ די טבע ר׳ מאירס קומט גאָר פון דער גמרא. דער ייד איז אָנגעשטאָפּט מיט תורה. ער האָט זי אויך נישט ליב אַרומצוטראָגן אין די גאַסן. די גמרא האָט נישט ליב אַז מען שלעפּט זיך מיט איר אַרום איבער אַלע מערק. אויך תורה איז ביי ר׳ מאיר מענדלסאָנען נישט קיין נאָווינע. ר׳ מאיר קומט אַרויס פון דור דורות רבנים. זיין לייבלעכער זיידע איז געווען נישט קיין קלענערער ווי דער באַרימטער וואַרשעווער רב, דער „חמדת שלמה״.

דאָס איז נאָך נישט אַלצדינג. ביי אָט־אָ דעם ר׳ מאיר מענדלסאָנען אין שטוב — און אויך אין דער שטיל. ר׳ מאיר האָט נישט האַלט אַז סע זאָל קלינגען — וואַקסט אַ יינגעלע אַן עלוי. הערשעלע מיטן נאָמען. אַן אַנדערער וואָלט מיט אַזאַ יינגעלע איינגערייסן וואַרשע און אַרומגעפאָרן צו אַלע גאונים אין פּוילן כדי צו וויזן דעם טייערן חפץ. ר׳ מאיר מענדלסאָן איז אין אַלצדינג אַ „הצנע לכת״. עילויים זיינען ביי אים נישט קיין נאָווינע. ער נעמט זיך דערמיט נישט איבער. ער איז געוואוינט צו עילויים. ער איז גאָר מקפּיד אויף מידות טובות און אויף יידישער איידלקייט. אויך

אין דעם דאָזיקן פּרט איז הערשעלע אַ כלי־מפּואר. סע שאַדט נישט, — ר׳ ישעיה פּריוועס מעג אויף טשעקאָוועסן ·שיקן אַ פּרואווער און אַ קוק טאָן.

אַזוי האָט דערציילט דער שדכן און געקוקט אויף ר׳ ישעיהן. מער רימען ר׳ מאירן האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ ישעיה פּריוועס האָט נישט ליב ווען מען רימט צופיל אַן אַנדערן גביר. סיידן די פרומע ראָטשילדס פון פראַנקפורט. און דאָס אויך מיט אַ מאָס. ר׳ ישעיה האָט געשוויגן. עס האָט משמעות אויסגעקוקט ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט. און ער האָט טאַקע געטראַכט. פון דער צווייטער שטוב האָט ער געהערט דאַכעלען רעדן, און באַלד דערויף אַ טיפן הוילן הוסט פון אַ שוואַכער לונג.

דער שדכן האָט נישט געגלייבט זיינע אויערן ווען ער האָט פּלוצעם דערהערט פון ר׳ ישעיהן אַז נישט בלויז ער וועט שיקן אַ פּרואווער, נייערט ער וועט אַליין מיטגיין אויף די נאַלעווקעס צו ר׳ מאירן פּרואוון דעם חתן.

דער שדכן איז קוים אַראָפּגעלאָפן פון ר׳ ישעיהס טרעפּ אויפן גזשי־באָוו. הענדום־פּענדום איז ער אַהינגעלאָפן צו ר׳ מאיר מענדלסאָנען אויף די נאַלעווקעס. ער איז געלאָפן מיט אַן אויפגעהויבענעם שירעם. יידן אויף דער גאַס האָבן געמיינט אַז עס ברענט. צו ר׳ מאירן איז ער אַרויפגעקומען אָן אָטעם. שוין ביי דער טיר האָט ער דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון ר׳ ישעיה פּריוועסן. דער שדכן האָט געמיינט, אַז ר׳ מאיר מענדלסאָן וועט ווייניקסטנס פאַלן אין חלשות.

ר׳ מאיר מענדלסאָן איז אָבער געווען אַ ייד אַ רואיקער, אַ האַרטער, אַ „הצנע לכת״. ער איז פון גאַרנישט נתפּעל געוואָרן. ער האָט זיך רק געפרעגט, און אויך באַלד ביי דער טיר:

— וויפל האָט ר׳ ישעיה מסלק צו זיין נדן? און טאַקע באַלד אויפן טיש.

דער שדכן האָט שיער נישט אַרויסגעלאָזט דעם שירעם פון דער האַנט. אים איז פּלוצעם ביטער געוואָרן אין מויל פון גרויס איבער־ראַשונג.

— וואָס רעדט איר ר׳ מאירשי, — האָט דער שדכן געבעבעט. ער

האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס לשון. — ר׳ ישעיהס בת־יחידקע. די פראַנקפורטער ראָטשילדס שיקן שדכנים.

— וואָס גייען מיך אָן די ראָטשילדס, — האָט ר׳ מאיר געזאָגט אַ האַרטער און אַ פינצטערער. איך קאָן נאָר די גמרא און אַן ערלעכן מסחר. איך מוז אַלצדינג וויסן, און אַלצדינג מוז פאַרשריבן ווערן בכתב. איך האָב נישט ליב קיין דיך־תורות. איבעריקנס זאָל ר׳ ישעיה שיקן אַ פרואווער.

דער דאָזיקער גאַנצער שמועס איז געשען ביי ר׳ מאירס טיר אויף די נאַלעווקעס. דער שדכן איז צוריקגעגאַנגען צו ר׳ ישעיהן. וואָס ר׳ מאיר מענדלסאָן האָט געזאָגט וועגן נדן, האָט ער זעלבסטפאַרשטענדלעך זיך געהיט ר׳ ישעיהן צו דערציילן. ער האָט בלויז גערעדט פון אַ פרואווער.

## קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

ר׳ ישעיה פּריוועס פאָרט מיט אַ קאָטש אויף די נאַלעווקעס. ר׳ מאיר מענדלסאָנס ספרים־חדר. דעם חמדת־שלמהס טיש. די נאַלעווקער יידן צאָלן שווער דירה־געלט. דער ייד מיטן ספּאָדיק וויל הערשעלען אַריינזאָגן אין דער ענג. חשבון־הנפש ביי ר׳ ישעיה פּריוועסן. אין דער קאָטש און צוריקוועגס.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ר' ישעיה פּריוועסעס פּריצישע קאַטש פאַרפאַרן אויף די נאַלעווקעס פאַרן הויז פון ר' מאיר מענדלסאָן. עס איז געווען אַן אַלט אָפּגעריסן הויז אָנגעשפּיקעוועט מיט קרעמלעך און „שטע־לעכלעך". תמיד האָט דאָרט געזשומעט ווי אויף אַ יאַריד. אַפילו די טרעפּ אַרויף צו ר' מאירס דירה זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט יידן און ווייבער וואָס האָבן געשריגן, געטומלט און געמסחרט. אויף די נאַלעווקעס איז מען גאָרנישט געוואוינט געווען אַז אַ פּריצישע קאַטש זאָל פאַרפאַרן פאַר דעם דאָזיקן יידישן אָפּגעלאָזענעם הויף. יידן האָבן זיך געשטעלט אין קופּקעלעך אַרום דער קאַטש, זיך געחידושט און געקוקט ווער האָט דאָס דאָ געקאָנט קומען צו פאָרן.

דער ערשטער איז אַרויסגעקראָכן פון דער קאַטש אַ פאַרשלומפּער־טער ייד מיט אַ גרויסן שירעם אין דער האַנט. דאָס חידוש האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט. יידן האָבן זיך נענטער און דרייסטער צוגעשטופּט צו דער קאַטש צו זען ווער עס איז געקומען. דער צווייטער איז שוואַער און אומגעלומפּערט אַרויסגעקראָכן פון דער קאַטש אַן אַלטער איינגעבויגענער ייד מיט אַ צעריסענער אַלפּאַגענער זשופּיצע און מיט אַן אויסגעקראָכענעם רבנישן ספּאָדעק. נאַלעווקער יידן האָבן גאָר אויפגעריסן די אויגן ווען נאָך די צוויי יידן איז פון דער קאַטש אַרויסגעגאַנגען נישט קיין אַנדערער ווי ר' ישעיה פּריוועס בכבודו ובעצמו.

— ר' ישעיה פּריוועס! — האָבן געפּליסטערט די קופּקעלעך נאַ־לעווקער יידן וואָס זיינען געשטאַנען אַרום דער קאַטש.

דאָס וואונדער איז נאָך גרעסער געוואָרן ווען די צוויי פאַרשלומ־פערטע יידן צוזאַמען מיט ר׳ ישעיהן האָבן זיך פאַרנומען אַרויפצוגיין אויף די שמוציקע אויסגעקרימטע טרעפ וואָס פירן אַרויף צו ר׳ מאיר מענדלסאָן אין דירה. הגם אין טרעפן־הויז איז געווען אַ געשטופעניש און אַ געטומל פון פאַרמסחרטע יידן, האָבן אין דער מינוט אַלע דערקענט ר׳ ישעיהן. ס׳איז געוואָרן אַ ביסל שטילער. מען האָט זיך אָפּגערוקט אין דער זייט כדי צו מאַכן פּלאַץ.

די טיר האָט געעפנט ר׳ מאיר מענדלסאָן אַליין. ער האָט אַ קאַלטער און אַ פינצטערער געזאָגט:

— ברוך־הבא יידן, — און זיי אַריינגעבעטן צו זיך אין זיין גרויסן און געראַומען ספרים־חדר.

ר׳ מאיר מענדלסאָנס ספרים־שטוב האָט גיכער אויסגעקוקט ווי אַ בית־דין־שטוב ביי אַ רב איידער ווי אַ שטוב פון אַ גביר. די ווענט זיינען געווען ביז צום סופיט אַרומגעשטעלט מיט ספרים־אַלמערס. די לופט אין שטוב — וואו מען האָט זעלטן געעפנט אַ פענצטער — איז געווען פול מיטן דעמפיקן ריח פון ספרים און איינבונד. אַחוץ זיינע אייגענע ספרים האָט ר׳ מאיר מענדלסאָן געהאַט גענומען בירושה אַ סך ספרים פון „חמדת שלמה״. און זיי האָבן אויך פול געמאַכט זיינע אַלמערס. אין דער שטוב זיינען נאָך געשטאַנען אַ סך ירושה־חפצים פון „חמדת שלמה״. היינו: זיין גרויסע און טיפע רבנישע לעדערנע שטול וואָס איז שוין געווען אַ צעריסענע און אַן אַרומגעבונדענע מיט שטריקלעך, כדי זי זאָל נישט צעפאַלן. עס איז געשטאַנען דעם חמדת־שלמהס קופערנער „כיור״ פון וועלכן ר׳ מאיר מענדלסאָן האָט זיך געוואַשן. אַ גרויסער, לאַנגער און נאַקעטער הילצערנער טיש אָנגעלייגט מיט ספרים. אויך דעם חמדת־שלמהס טיש. אַן איין און איינציק שופלעדל פון דעם דאָזיקן טיש האָט ר׳ מאיר מענדלסאָן באַנוצט פאַר די חשבונות פון זיינע וואַרשעווער הייזער. ער האָט געהאַט דאָרט ליגן אַן אויסגעשריבענעם צעטל פון זיינע לאָקאַטאָרן. ווער פון זיי ס׳האָט באַצאָלט און ווער ס׳איז אים שולדיק דירה־געלט. וויפל ר׳ מאיר מענדלסאָן זאָל נישט זיין געווען קיין שטרענגער מאַנער און געשלעפּט זיינע שלעכטע לאָקאַטאָרן צו דין־תורות, האָט מען פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט געהערט אַז ר׳ מאיר זאָל איבערגעבן אַ ייד צום גויישן משפט, צי חלילה אַרויסשטעלן אַ ייד מיט די בעבעכעס. אויפן

סופיט פון ר' מאירס שטוב האָט געהאַנגען אַן אַלטער פאַרשטויבטער און גרין־פאַרשימלטער מעשענער הענגלייכטער מיט אַ סך רערן און אויסגעהאַמערטע הערשעלעך, — אַ הענגלייכטער אין וועלכן עס האָט געשטעקט נישט מער ווי איין האַלב־אויסגעברענט ליכט.

אין דער דאָזיקער שטוב אַריין האָט ר' מאיר אַריינגעפירט ר' ישעיה פריוועסן, דעם פאַרשלומפּערטן ייד מיטן ספּאַדיק און דעם שדכן. די יידן האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם טיש פון „חמדת־שלמה“. זיי האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו שווייגן. דער ערשטער האָט זיך אָנגערופן ר' מאיר און געפרעגט ביי ר' ישעיהן צי די לאָקאָטאָרן אויפן גזשיבאָוו צאָלן לייכט דירה־געלט. דאָ אויף די נאַלעווקעס קומט עס אים, ר' מאירן, אָן קריעת־ים־סוף ביז ער מאָנט איין די חובות. צי די נאַלעווקער יידן האָבן נישט צו צאָלן צי זיי ווילן נישט צאָלן — קוקט ער זיי נישט אַריין אין די קעשענעס. אַ סך האָבן נישט און אַ סך ווילן נישט. פּאַרצייטישע יידן זיינען גיכער בזהר געווען צו באַצאָלן זייערע חובות. היינטיקע יידן נעמען עס לייכטער, הגם עס איז נישט על־פּי דין. נאָך דעם דאָזיקן קורצן שמועס האָט ר' מאיר מענדלסאָן אַ געשריי געטאָן ווי אין דער לופטן אַריין:

— זאָל זיין טיי!

מן־הסתם האָט עמעצער הינטער די ווענט געהערט ר' מאירס באַפעל — מחמת באַלד האָט עפּעס אַ בלאַסער חסידישער יונגערמאַן — זעט זיך אויס אַ „מענטש“ ביי ר' מאירן — אַריינגעבראַנגט אַ גרויסע זילבערנע טאַץ אויף וועלכער עס זיינען געשטאַנען עטלעכע קאַכעדיקע גלעזער טיי, אַ בייכיקע זילבערנע צוקער־ביקס גראַווירט מיט אַ פּסוק פון חומש. זעט זיך אויס, אַז סוכות האַלט ר' מאיר אין איר זיין אתרוג, — ווי אויך אַ טיפער גלעזערנער טעלער מיט אתרוג־איינגעמאַכטס.

קוים וואָס דער חסידישער יונגערמאַן האָט באַוויזן אַוועקצושטעלן די זילבערנע טאַץ מיטן טיי צווישן די אָנגעלייגטע ספרים אויפן טיש, ר' מאיר מענדלסאָן האָט אייגנהענטיק אַרומגעשטעלט די גלעזער טיי פאַר די געסט. ער האָט דער ערשטער הויך געמאַכט אַ ברכה, און אָנגעהויבן זופּן די קאַכעדיקע טיי. נאָך די ערשטע שלוק טיי האָט ער זיך אויפגע־הויבן פון טיש, און אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב.

ביים טיש האָט געהערשט אַ שווייגעניש. דער פאַרשלומפּערטער ייד

מיטן ספּאַדיק האָט אויפגעעפנט אַ ספר פון די ספרים אויפן טיש און זיך טיף איינגעבויגן איבער די בלעטער.

באַלד איז ר׳ מאיר מענדלסאָן צוריקגעקומען. ער האָט געפירט ביי דער האַנט אַ ווינציק און בלאַס יינגעלע. דאָס יינגעלע האָט אַ שעמעוודיקער פאַר די פרעמדע יידן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן די אויגן אויפן דיל.

— דאָס איז מיין הערשעלע, האָט ר׳ מאיר געזאָגט קאַלט און האַרט. איר ווילט דאָך אים פּרואוון ר׳ ישעיה. נו.

דער ייד מיטן ספּאַדעק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם אויפגעעפנטן ספר. ער האָט עס צוגעמאַכט און אַ קוק געטאָן אויף ר׳ ישעיה פריוועס.

נו, האָט ר׳ ישעיה געזאָגט.

הערשעלע איז צוגעגאַנגען צום טיש. דער ייד מיטן ספּאַדיק האָט אים געפרעגט וואָס ער לערנט. הערשעלע האָט מיט אַ שטיל קול אָנגערופן אַ סוגיה. דער ייד האָט באַלד געפרעגט אַ קשיה. הערשעלע האָט זיך פאַרטראַכט און שטיל געענטפערט. דער ייד מיטן ספּאַדיק האָט נישט אָפּגעלאָזט. ביים טיש פון „חמדת שלמה״ האָט זיך צעפלאַקערט אַ היציקע פּלפּול־שלאַכט. דער ייד מיטן ספּאַדיק האָט זיך אַלץ שאַרפער צעשריגן אויף זיין לומדיש קול, פּלוצעם זיך אַ הייב־אויף געטאָן פון דער שטול, געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט פאַר דער אייגענער באָרד. ער האָט זיך מיט אַלע פיילן פון דער תורה געוואָרפן אויפן קליינעם הכנעהדיקן יינגעלע און אים געוואָלט אַרייניאָגן אין דער ענג ווי אַ יעגער זיין ווילד. דאָס יינגעלע האָט זיך אַ רואיקער און מיט אַ שטיל קול פאַרטיידיקט, און זיך נישט געלאָזט פונעם ייד מיטן ספּאַדיק.

ר׳ מאיר מענדלסאָן איז געזעסן אַ האַרטער און אַ פינצטערער און צוגעקוקט צום געפּעכט. אויך ר׳ ישעיה פריוועס האָט צוגעקוקט אַ שווייגעדיקער. ער האָט אין זיין לעבן געזען אַ סך עילויים. זיי זיינען געווען האָפערדיקע און שאַרפע. אין פּלפּול־געפּעכט פלעגן זיי שפּרינגען אין די אויגן אַריין ווי אויפגערייצטע הענער. עס איז אים, ר׳ ישעיה פריוועסן, גראַד געפעלן געוואָרן די געלאַסנקייט און די הכנעה מיט וועלכער אָט דאָס בלאַסע יינגעלע פאַרטיידיקט זיך קעגן די האַסטיקע און פאַרביטערטע אָנגריפן פונעם לומדישן פרואווער. ר׳ ישעיה פריוועס האָט זיך דערמאָנט אָן זיין בת־יחידה דאַכעלע מיט וועלכער מען מוז זיך אומגיין צאַרט און

שטיל ווי מיט אַ צעברעכלעך חפץ, — דאַן די אייביקע קאָמפּליצירטע הויף־פּאָליטיק וועלכע ער האָט איינגעפירט אין זיין הויז. דער אייביקער קאַמף צווישן זיינע זין וועגן זיינע, ר׳ ישעיהס, געגנאָדן. אַ קאַמף וואָס האָט אינערלעך אים אָפּגעפרעמדט פון זיינע קינדער, און אָפּגעפרעמדט די קינדער פון אים. ר׳ ישעיה האָט מיטאַמאָל דערפילט אַז אין זיין האַרץ איז קאַלט ווי אין אַ וויסטעניש. קאַלט, אָן יעדער ליבשאַפט. און ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן דאַכעלען — און נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דעם געפּעכט צווישן דעם ייד מיטן ספּאָדיק און קליינעם בלאָסן יינגעלע.

ווען ר׳ מאיר מענדלסאָן האָט געזען, אַז דער ייד האָט שוין אויסגעשאָסן אַלע זיינע פיילן און הערשעלע איז געבליבן אויפן פּלאַץ, און אַז דער ייד אַליין האָט זיך באַרואיקט און צום סוף געגעבן הערשעלען אַ האַרציקן קניפּ אין בעקל — האָט זיך ר׳ מאיר אַ פאַרכמורעטער אויפגעהויבן פון זיין שטול, אָנגענומען הערשעלען ביי דער האַנט און אים צוריק אַרויסגעפירט פון דער ספרים־שטוב. ביים חמדת־שלמהס טיש האָט ווידער געהערשט אַ שווייגעניש. דער ייד מיטן ספּאָדיק האָט גענומען אַ לעפעלע אתרוג־איינגעמאַכטס. ר׳ ישעיה פריוועס מיט זיינע יידן האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע שטולן און זיך גענומען אַוועקצוגיין.

אין דער קאַטש אויף צוריקוועגס האָט ר׳ ישעיה פריוועס לאַנג געשוויגן. מ׳האָט געזען, אַז דער ייד איז טיף פאַרטראַכט. ערשט פאַרן גזשיבאָוו האָט ער פלוצעם אַ זאָג־געטאָן צום שדכן אַז ער זאָל צוריקגיין צו ר׳ מאיר מענדלסאָנען און אים זאָגן, אַז ער, ר׳ ישעיה, וויל זיך מיט אים משדך זיין.

## קאַפּיטל דריי און ז'רייסיק

ברחל בתך הקטנה. ר' מאיר מענדלסאָן האָט נישט האָלד זיך צו לאָדענען. ביים שדכן ווערט צוגע־נומען דאָס לשון בעת ער זעט דאָס עשרות וואָס שבעלע פּריוועס טראָגט אויף זיך אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. גייט צו ר' מאירן און זאָגט אים אַז איך באַשטיי. חתן־מתנות, על פּי דין. ר' מאיר שיקט כסדר שליחים צו ר' ישעיהן. מען מאַכט דאַכעלעס אויסשטייער און וואָרשע דערציילט חידושים. ר' מאיר מענדלסאָן איז אַפילו אַ האַרטער ייד, נאָר ניש־קשה, ער האָט זיך אויף וואָס איינצורעדן. בלעקערצנדיקע גויים שטייען מיט צלמים אין די הענט אויף די מויערן פון אַ באַלויכ־טענער תפלה — זיי סטראַשען וואַרשעווער יידן. ר' מאיר לאָזט ליגן דעם פינפהונדערטער.

דער שדכן איז אַ האַפּערדיקער אַהינגעגאַנגען צו ר׳ מאיר מענדלסאָנען אויף די נאַלעווקעס. ער איז זיכער געווען אַז אַט כאַפּט ר׳ מאיר די אַטלעסענע זשופּיצע און לויפט אויף תנאים. ווי גרויס איז געווען זיין איבערראַשונג ווען ער האָט געזען ווי ר׳ מאיר נעמט אויף דעם שידוך אַ קאַלטער און אַ פינצטערער, און הויבט אָן צו שטעלן באַדינגונגען וועלכע האָבן ביי דעם שדכן ממש אָפּגענומען הענט און פיס. ר׳ מאיר האָט ווידער געזאָגט, אַז ער האָט נישט ליב קיין שפּעטערע דין־תורות. דע־רימאַך וויל ער, אַז אַלצדינג זאָל באַדריבנע פאַרשריבן ווערן אויף אַ כתב, ברחל בתך הקטנה. אַלצדינג זאָל זיין בולט און קלאָר. מחמת אַזוי פירט זיך ביי יידן. קודם כל וויל ער, אַז ר׳ ישעיה פריוועס זאָל באַלד תיכף ומיד פאַר די תנאים מסלק זיין דעם גאַנצן נדן ביי אַ דריטן ייד אַ שליש, אַרויסנעמען צוויי שלישיתן און יעדער פון די מחותנים וועט דאָס קוויטל אַוועקלייגן ביי זיך אין דער אייזערנער שאַפע. אַזוי איז מען זיך נוהג ביי יידן. צווייטנס, מוז פאַרשריבן ווערן איטלעכעס פיצל פון די מתנות סיי מצד החתן און סיי מצד הכלה. דער חתן מוז באַקומען אַ גילדערנעם זייגער מיט אַ קייט, און למען־השם פון זהב־טהור. די תכשיטים פאַר דער כלה, אַפילו די קליידער, די קאַפּאָטעס, די שלאַף־רעק און דאָס בעט־געוואַנט וואָס חתן־כלה וועלן באַקומען צום אויסשטייער מוזן פאַרשריבן ווערן בכתב. עס איז אַלצדינג אַזוי על־פּי־דין. ער, ר׳ מאיר מענדלסאָן, האָט נישט ליב קיין סכסוכים און צו לאַדענען זיך שפּעטער ביי דין־תורות.

דער שדכן איז צוריקגעגאַנגען צו ר׳ ישעיהן מיט אַן אַראָפּגעלאָזע־

נעם קאָפּ. ער איז זיכער געווען, אַז ר׳ ישעיה פּריוועס וועט אים אַראָפּ־וואַרפן פון אַלע טרעפּ. דאָס גרויסע שדכנות־געלט וועלכעס ער האָט גע־האָפט צו באַקומען, האָט ער געזען ווי עס פליט אַוועק אויף אַלע ווינטן. ווען דער שדכן איז אַרויפגעקומען צו ר׳ ישעיהן האָט ער געטראָפן די גבירטע שבעלע ביי ר׳ ישעיהן אין חדר. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין שוואַרצן זיידנס און אויפן האַלדז האָט זי געהאַט אַ גרויסע און ליכטיקע שנור מיט פּערל. דאָס עשרות וואָס שבעלע האָט אויף זיך געטראָגן אין אַ פּראָסטן מיטוואָך האָט גאָר ביים שדכן צוגענומען דאָס לשון. ר׳ ישעיה פּריוועס האָט אים געפרעגט וואָס ר׳ מאיר מענדלסאָן האָט געזאָגט. דער שדכן האָט מיט גרויס שרעק קוים אַרויסגעבעבעט ר׳ מאירס באַדינגונגען און געקוקט דאָ אויף דער טיר, דאָ אויף די גרויסע שנור פּערל אויף שבעלעס האַלדז.

שבעלע פּריוועס איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט:

— וואָס הייסט צי מיר וועלן געבן דעם חתן אַ גאָלדענעם זייגער און מאַכן בעטגעוואַנט פאַר אונזער דאָכעלען? וואָס מיינט מיט זיך ר׳ מאיר מענדלסאָן?

ר׳ ישעיה פּריוועס האָט געשוויגן. סיי דער שדכן סיי שבעלע פּרי־וועס האָבן אויף אים געקוקט. דער שדכן האָט פעסטער געהאַלטן דעם שירעם אין דער האַנט און געטראַכט וועגן אַנטלויפן.

— גייט צו ר׳ מאירן און זאָגט אים אַז איך באַשטיי, — האָט ר׳ ישעיה פּריוועס ענדלעך געזאָגט אַ שטילער און אַ פינצטערער.

דער שדכן האָט געגלייבט אַז ער הערט נישט ריכטיק, און אַז ער געפינט זיך אין היגערפלעט. אויך שבעלע פּריוועס איז געוואָרן אַ צע־טומלטע. זי האָט זיך געריבן די אויגן און געקוקט אויף ר׳ ישעיהן. זי האָט אים נישט דערקענט.

נאָך גרויס מי און מאַטערניש און נאָך גרויסע פּעדאַנטישע שוועריקייטן מצד ר׳ מאיר מענדלסאָן איז ענדלעך געקומען צו תנאים. ר׳ ישעיה האָט דעם חתן באַשיט מיט מתנות, אים צוגעשיקט אַ גרויסן גאָלדענעם זייגער מיט אַ שווערער גאָלדענער קייט וואָס האָט זיך געבאָמבלט אויף הערשעלעס וועסטל ווי אַ גאַנצער גאָלדענער אוצר. ער האָט אים צוגע־שיקט אַ גרויסע און זייער קאָמפּליצירטע מנורה אויף חנוכה־ליכט־בענטשן, אַ מנורה פון ווייסן בלאַנקנדיקן זילבער. זי איז געווען אַ הויכע, אַ צעוואַק־

סענע אין איר ווייסער איידעלער שפּע ווי אַ צעוואַקסענער פרומער בוים. ער האָט אים צוגעשיקט אַ גאָלדן טאַבאַק־פּושקעלע רייך גראַווירט און באַזעצט מיט בלויען עמאַל. אַ טאַבאַק־פּושקעלע וואָס ר׳ ישעיה פּריוועס האָט ספּעציעל פאַר דאַכעלעס חתן מיטגעבראַכט פון די רייכסטע אַנטיקן־קראָמען אין אויסלאַנד. ער האָט אים געשענקט אַ שטריימל וואָס איז געווען שוואַרץ ווי די איידלסטע נאַכט און אין וועלכן ס׳האָבן דאָ און דאָרט געציטערט איינצלנע זילבערנע פעדעם, ווי שטילע אָנזאָגן פון ליכט אין דער דאָזיקער נאַכט. ר׳ מאיר מענדלסאָן איז פון גאָרנישט נתפעל געוואָרן. ביי יעדער מתנה האָט ער אַ האַרטער און אַ פינצטערער נאָכגעקוקט אין דעם כתב וואָס ער האָט געמאַכט מיט ר׳ ישעיהן, אַלע מאָל געשטעלט נייע באַדינגונגען און אויסגעפונען אַז ר׳ ישעיה קומט נישט נאָך זיינע התחייבותן. איינמאָל האָט ער אַפילו געשיקט אַ יידענע צו שבעלע פּריוועס געוואויר צו ווערן ווי עס האַלט מיט די מלבושים פאַר דער כלה, — און ווידער אויסגעפונען אַז עס געהער זיך על־פּי־דין. ער האָט כסדר געסטראַשעט מיט אָפּלאָזן דעם שידוך.

ר׳ ישעיה פלעגט יעדעס מאָל טיף פאַרשוויגן ווערן ווען ער האָט פאַרנומען ר׳ מאיר מענדלסאָנס פּרעטענסיעס. זיך פאַרטראַכט, און גע־הייסן זאָגן ר׳ מאירן אַז ער באַשטייט און וועט אַלצדינג נאָכגעבן וואָס ר׳ מאיר וויל. ר׳ ישעיה פּריוועס איז נאָך האַרטער געוואָרן לגבי די זעקס זין, די הויף־פּאָליטיק אַרום ר׳ ישעיהן און זיין חסד איז שטייפער און פאַרביסענער געוואָרן נאָכדעם ווי דאַכעלע איז געוואָרן אַ כלה.

וואָס נענטער עס האָט צוגערוקט דער זמן חתונה, זיינען אָפטער געקומען ר׳ מאיר מענדלסאָנס שליחים צו ר׳ ישעיה פּריוועס און אים אַלע מאָל געבראַכט ר׳ מאירס קאָמפּליצירטע אויסטייטשונגען פון כתב. אינצווישן האָבן די גרעסטע וואַרשעווער שניידערינס געבראַכט פאַר דאַכעלען צו פּאַסן די שפּע פון סאַמעטענע און זיידענע קליידער, ווי אויך קליידער פון טייערן פראַנצויזישן בראָקאַט וואָס שבעלע פּריוועס האָט מיטגעבראַכט פון אויסלאַנד. אַלערליי קרינאָלינעס, מאָרגן־קליידער און אָונט־קליידער. דאָס חופּה־קלייד פון ווייסן שווערן בראָקאַט, און דאָס טיף־שוואַרצע זיידענע קלייד צום „שול־פירן“. ביי יעדן פּאַסן איז געשטאַנען צירעלע פּריוועס און זיך געשפּאַרט מיט די שניידערינס וועגן דער מינד־סטער קליינקייט, — און אַלע מאָל צוריקגעגעבן די טייערע מלבושים

אויף צו פאַרריכטן. ס׳איז אַפילו פאַר די גרעסטע וואַרשעווער שניידערינס נישט לייכט געווען נאָכצוקומען צירעלעס ראַפינירטן געשמאַק און אירע אויסגעזוכטסטע פאָדערונגען. דאַכעלע איז גאַנצע שעהן געשטאַנען אַ האַלב־אויסגעטועטע צווישן די הענט פון די שניידערינס. זי איז נאָך בלאַסער און מידער געוואָרן פון דעם לאַנגן אָנמעסטן, און אירע פּלייצעס — שפּיציקער און מאָגערער. שבעלע האָט איצטער אָפטער געזען דאָס נאַקעטע לייב פון איר בת־יחידקע, און געזען ווי איידל און צעברעכלעך זי איז. און זי האָט איר פּלוצעם געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ, און אין האַרצן געטראַכט אַז ר׳ ישעיה איז גערעכט געווען וואָס ער האָט פאַר דאַכעלען אויסגעקליבן אַ שטילן און איידעלן מאַן, נישט געקוקט דערויף וואָס ר׳ מאיר מענדלסאָן הערט נישט אויף צו באַשטיין אויף כלערליי אויסטערלישע פּרעטענסיעס און סטראַשעט מיט אָפּלאָזן דעם שידוך. די לויבענישן אויף דאַכעלעס חתן האָבן יידן איר צוגעטראָגן אויף גאָלדענע טעלערלעך. אויך ר׳ ישעיה פּריוועס אַליין האָט איר געזאָגט גוטע ווער־טער אויפן חתן, הגם עס איז גאָרנישט געווען זיין טבע עמעצן צו רימען. איבערהויפּט נאָכדעם ווי ער האָט דעם חתן גענומען אויף אַ שבת קיין גער און ער האָט מיט אים פאַרברענגט צוזאַמען עטלעכע טעג, האָט ר׳ ישעיה פּריוועס געזאָגט צו שבעלען — און געזאָגט מיט אַ וואַרעם קול צו וועלכן זי איז כלל נישט געווען צוגעוואוינט — אַז דאָס ייִנגל הערשעלע וואַקסט אַ תכשיט און ער ווערט אים פאַמעלעך איינגעבאַקן אין האַרצן מער ווי אַן אייגן קינד. פאַר דאַכעלען האָט מען גאָרנישט געקאָנט אויס־קלייבן קיין בעסערן חתן. ר׳ מאיר מענדלסאָן איז אַפילו אַ האַרטער ייד, נאָר נישקשה, ער האָט זיך אויף וואָס איינצורעדן.

עס איז דערגאַנגען גאָר נאָענט צו זמן־חתונה. אין וואַרשע האָט מען דערציילט לעגענדעס פון דאַכעלעס אויסשטייער און ווי אַזוי ר׳ ישעיה פּריוועס גרייט צו די חתונה פאַר זיין בת־יחידה. ר׳ מאיר מענדלסאָן האָט כסדר געשיקט שליחים און זיך געטשעפּעט אַז ר׳ ישעיה איז נישט מקיים וואָס ער האָט אונטערגעשריבן אין כתב. און געסטראַשעט. נאָך אין חופּה־טאָג האָט ר׳ מאיר מענדלסאָן נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט דעם „חושן משפּט" און פאַרשיידענע „שאלות ותשובותן". הערשעלע האָט געפאַסט. אויף ר׳ מאירס פּנים האָט זיך נישט געוויזן די מינדסטע גע־רירטקייט. ער איז געווען האַרט און פינצטער. ס׳איז אָנגעקומען דער

בין־השמשות. חתן־בחורים זיינען געקומען צו הערשעלען. מען האָט אָנ־געצונדן צוויי ליכט אויפן חמדת שלמהס טיש און מען האָט אַרויפגעשטעלט לעקעך און בראָנפן. דער שוואַכער הערשעלע, וואָס האָט נאָך נישט גע־האַט טועם געווען נאָכן חופה־תענית האָט געזאָגט פאַר די בחורים אַ לאַנג און זייער שאַרף פשטל.

ס'איז געקומען די ידיעה פון ר' ישעיה פריוועסן אַז די כלה איז שוין אויף דער סאַליע און מען וואַרט אויפן חתן. דאָס ווייבערישע הויז־געזינט פון ר' מאיר מענדלסאָן זיינען שוין אַלע געווען אויף דער סאַליע. די קלעזמאָרים האָבן דאָרט געהאַלטן אין סאַמע מיטן שפּילן. ר' מאיר האָט זיך אַ קאַלטער און אַ רואיקער אָנגעטאָן דעם פּאַלטן אויף דער אַטלעסענער קאַפּאָטע, און מיטן חתן און מיט עטלעכע מקורבים זיינע, ווי אויך מיט דעם בלאַסן חסידישן יונגנמאַן זיין „מענטש", זיך גענומען אין וועג אַריין. מען האָט נישט גענומען קיין דראָזשקע. ר' מאיר האָט נישט געהאַלטן פון דראָזשקעס ווען מען קאָן ניש־קשה גיין צופוס.

אויף די וואַרשעווער גאַסן האָבן שוין געברענט לאָמפּן, און די יידן האָבן געשפּאַנט צום גזשיבאָוו צו. אין מיטן וועג האָבן זיי געמוזט אַדורכגיין לעבן אַ גרויסער קאַטוילישער תיפלה וועלכע איז געווען שטאַרק באַלויכטן מיט אַ סך לאָמפּן. די שטיינערנע הייליקע אויף די ווענט און אין די נישן פון דער תיפלה זיינען געשטאַנען ווי אַלטע בלעקערצנדיקע גויים מיט שווערע צלמים אין די הענט און ווי געסטראָשעט וואָרשע און געסטראָשעט יידן וואָס האָבן זיך געטומלט איז דער גאַס. פּלוצעם האָט דער חסידישער יונגערמאַן, ר' מאירס „מענטש", אַ ווילדן געשריי געטאָן ווי עס וואָלט אים עמעצער אַ שטאָך געטאָן מיט אַ מעסער.

— גיט אַ קוק, ר' מאירשי, — האָט דער יונגערמאַן געשריגן, — איר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פינף־הונדערטער.

ר' מאיר מענדלסאָן האָט זיך אַ רואיקער אויסגעדרייט. ר' מאירס „מענטש" האָט זיך געוואָלט אַראָפּבייגן און אויפהייבן דאָס טייערע פּאַ־פּירל וואָס איז געלעגן אויפן טראָטואַר אינעם שאַרפן ליכט פון די תיפלה־לאָמפּן.

— בויג זיך נישט אַראָפּ, מען טאָר זיך נישט בוקן צו קיין עבודה־זרה, — האָט ר' מאיר אויפן שטרענגן קול באַפוילן, — קומט אויף דער סאַליע.

און ער האָט — ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען — איבערגעלאָזט דעם פינף־הונדערט־רובלדיקן אונטער די באַלויכטענע טויערן פון דער קאָ־טוילישער תיפלה.

אין דער סאָליע האָט אים מקבל־פנים געווען דאָס געשפּיל פון קלעזמאָרים. ר׳ ישעיה פריוועס אָנגעטאָן אין בגדי־שבת איז אים אַקעגנ־געקומען. ר׳ מאיר מענדלסאָן האָט זיך נישט געאײַלט אויסצוטאָן דעם פּאַלטן, און אַרויסגענומען דאָס כתב און עס אַ פינצטערער געוויזן ר׳ ישעיהן און געזאָגט, אַז אין אַ געוויסן פּרט איז ר׳ ישעיה נאָך נישט נאָכגעקומען זײַנע התחייבותן. אויב ער וועט עס אויפן אָרט נישט טאָן ד״ה נאָך פאַר דער חופּה, נעמט ער הערשעלען און גייט מיט אים צוריק אויף די נאַלעווקעס. ר׳ ישעיה קאָן דאָ הייסן אויסלעשן די לאָמפּן און צוריקגיין אויפן גזשיבאָוו. אויס שידוך.

ר׳ ישעיה אין די זײַדענע בגדי־שבת האָט אויך פינצטער אַ קוק געטאָן אויף ר׳ מאירן, און אויפן אָרט געטאָן אַזוי ווי ר׳ מאיר האָט פאַרלאַנגט.

## קאַפּיטל פיר און דרייסיק

נחת פון הערשעלען. דאַכעלע טוט אָפּ אינדער־געשווינד איר מוטער־פליכט. דאַכעלעס טויט. דער רבונו של עולם באַווייזט ר׳ ישעיה פריוועסן אַן אייזערנע פויסט. הערשעלע אַליין אין שלאָף־שטוב. ר׳ ישעיה פריוועס און הערשעלע. ר׳ מאיר מענדלסאָן טוט ווידער אַ פינצטערן קוק אויף ר׳ ישעיהן. מען זוכט פאַר הערשעלען אַ כלה. ליבעלע, שבעלע פריוועס צעווײנט זיך ביטער.

ערשט נאָך דער חתונה האָט ר׳ מאיר אויפגעהערט צו שיקן שליחים צו ר׳ ישעיהן, און ר׳ ישעיה האָט געקאָנט אָנהייבן געניסן דעם נחת פון דעם געראָטענעם איידעם. הערשעלע איז געזעסן יומם־ולילה און האָט געלערנט. אין ר׳ ישעיהס גבירישע אָנגעכמורעטע סאַליעס האָט זיך כסדר געהערט דער זינג־זאָנג פון דער גמרא. ס׳האָט עפּעס אויסגעקוקט, ווי אין הערשעלעס לעבן האָט זיך גאָרנישט געביטן. ער האָט גאָרנישט באַמערקט אַז ער איז אַריינגעקומען אין אַן אַנדערער אַטמאָספערע און אין אַ כסדר געשפּאַנטע און קאָמפּליצירטע פאַמיליע־פּאָליטיק. ער איז געבליבן דער פּשוטער שטילער יונגערמאַן, צוגעבונדן צו דער גמרא. ר׳ ישעיה פריוועס איז עלטער געוואָרן. אויך אים האָט אָנגעהויבן וואַרעמער צו ווערן אין האַרצן ווען ער האָט געזען דאָס פּשוטע און איידעלע נפש אין זיין נאָענטקייט. יעדער מענטש — אַפילו די עגאָטישסטע נאַטור — האָט, זעט זיך אויס, אַ באַדערפעניש צו האָבן דאָס געפיל פון אַן אומ־מיטלבאַרער געמיינשאַפט מיט אַ מענטשלעך וועזן וואָס איז פּשוט. דאָ האָט אויך מיטגעשפּילט ר׳ ישעיהס ליבשאַפט צו דער איינציקער קרענק־לעכער טאָכטער, און ער האָט די דאָזיקע ליבשאַפט איבערגעטראָגן אויף דעם הכנעהדיקן הערשעלען.

באַלד נאָך דער חתונה איז דאָבעלע פאַרגאַנגען אין טראָגן. אין ר׳ ישעיהן און אין שבעלע פריוועס איז צוליב דעם נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דאָס געפיל פון שרעק און ליבשאַפט. דאָבעלע איז בלאַסער און קרענקלעכער געוואָרן אין דעם אויפבלי פון מוטערשאַפט אין איר לייב.

זי איז געלעגן געוואָרן מיט אַ טאָכטער. צום צווייטן יאָר האָט דאַכעלע ווידער געהאַט אַ טאָכטער. זי האָט זיך ווי צוגעאײַלט מיטן פאַרגיין אין טראָגן, מחמת זי איז כסדר געוואָרן בלאַסער און קראַנקער און גלייך זי וואָלט אויף אינדערגעשווינד געוואָלט אָפּטאָן איר מוטער־פליכט. אין אירע אויגן האָט געלויערט דער שטילער רעזיגנירנדיקער טויט פון אַ שווינדזיכטיקן. זי האָט געהאַט כסדר טעכטער. אויף קיין זין, זעט אויס, האָבן אירע כוחות נישט געסטאַיעט.

נאָך דער פינפטער טאָכטער זיינען אירע כוחות אויסגעגאַנגען און זי איז געשטאָרבן.

עס איז געווען דער ערשטער גרויסער טרויער אין ר׳ ישעיה פריי־וועסעס הויז נאָך די לאַנגע יאָרן פון גאָלדענער שפע, כבוד, מאַכט און ברייטע גבירישע תּתונות. דער רבונו־של־עולם וואָס האָט אויסגעקוקט צו באַהאַנדלען ר׳ ישעיהן ווי אַ צערטלעך בן־יחידל און נישט לאָזן קרומען אַ האָר אים אויפן קאָפּ, האָט אים דאָ מיט אַ ברייטער האַנט געוויזן די טיפסטע לייד וואָס עס קאָן טרעפן אַ מענטש אַפילו אויף דער גאָלדענער שטול פון גליק. די פינף יתומות נאָך כמעט אין די וויגן. דער שטילער אומבאַהאָלפענער יונגער אלמן וואָס האָט זיך אַליין עפּעס נישט געקאָנט אויסגעפינען אין דער טראַגישער סיטואַציע. ער איז נאָך קיינמאָל נישט געשטאַנען פנים־לפנים מיטן שיקזאָל, און האָט אַלץ נישט געקאָנט ריכ־טיק זיך פאָרשטעלן ווער עס האָט אים אַרויסגענומען דאַכעלען פון דער שלאָף־שטוב. דאָס אַלצדינג האָט נאָך טיפער און פולער געמאַכט ר׳ ישעיהס האַרץ מיט מענטשלעכן צער און דאָס גרויסע אומגליק געהאַלטן אַ לעבעדיקס פאַר זיינע אויגן. אויך ער האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן פון דער ליבשאַפט צו דאַכעלען. די איינציקע אוממיטלבאַרע ליבשאַפט צו עמעצן וואָס האָט געטאָטשעט אין זיין עגאָטיש געמיט. די איינציקע טרעגער פון דעם דאָזיקן ליבשאַפט־געפיל אין ר׳ ישעיהן זיינען געווען דער הכנעהדיקער הערשעלע און די פינף פאַריתומטע פייגעלעך. און ער האָט באַשלאָסן נישט אָפּצולאָזן פון זיך אַט־אָ דעם שטילן אײדעלן יונגנ־מאַן, און אין אים צו זען סיי דעם זכרון פון דער געשטאָרבענער טאָכטער און סיי דעם אָביעקט פון זיין איינציקער פאָטערלעכער ליבשאַפט.

ר׳ מאיר מענדלסאָן אויף די נאַלעווקעס האָט זיך געריכט אַז אים וועט איצט אויסקומען צו האָבן גרויסע און שווערע דין־תורות מיט ר׳ ישעיהן. און ער האָט זיך גאָר פונאויפסניי גענומען איבערצוקוקן דעם „חושן־משפט״. ער איז שטאַרק איבערראַשט געוואָרן ווען ר׳ ישעיה האָט אים געזאָגט אַז ער האָט בדעה צו קוקן אויף די פינף יתומות, ווי אויך אויף הערשעלען אַליין, ווי אויף זיינע געליבטסטע קינדער. ער איז גרייט אַלצדינג צו טאָן און צו זאָרגן פאַר זיי גליין ווי זיי וואָלטן אַלע צוזאַמען געווען די טאָכטער דאַכעלע.

ר׳ מאיר מענדלסאָן האָט פינצטער אָנגעקוקט ר׳ ישעיהן און ער האָט פלוצעם אים געפרעגט ווי עס האַלט מיט דירה־געלט אויפן גזשיבאָוו, וואָרעם אויף די נאַלעווקעס גייט עס צו גאָר שווערלעך. די יידן אין זיינע הייזער דאַרט פאַרגעסן טיילמאָל וואָס עס געהער זיך על־פי־דין. אַ פאָר חדשים נאָך דאַכעלעס טויט איז ר׳ מאיר מענדלסאָן אַרויפגעקומען צו ר׳ ישעיה פריוועסן, אים שטרענג און האַרט אָנגעקוקט און אים ענדלעך געזאָגט אַז על־פי־דין טאָר הערשעלע ווייטער נישט זיצן אָן אַ ווייב, און ער האָט בדעה מיט אים אַ שידוך צו טאָן.

דאָ האָט ר׳ ישעיה פריוועס אַרויסגעוויזן אַלע שטאַרקייטן פון זיין כאַראַקטער אין אַ פּאָזיטיוו און רירנדיק געשטאַלט.

ער האָט באַפוילן די שדכנים אַז מען זאָל אויסזוכן פאַר הערשעלען אַ שידוך פון דעם שענסטן און איידלסטן יחוס אין פוילן. און דווקא אַ בתולה. נדן וועט דאָ אויפשיטן ער אַליין, ר׳ ישעיה פריוועס. שדכנים האָבן מער נישט באַדאַרפט און זיי זיינען זיך צעפלויגן איבער פוילן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט געברענגט פאַר הערשעלען אַ כלה, אַ טאָכטער פון איינעם פון די גדולישע פוילישע רבנים, ר׳ אביגדור פון קויל. ר׳ אביגדור איז שוין דאַן געווען אַ נפטר און די יתומה ליבעלע האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי איר געשוועסטערקינד דעם נייעם קוילער רב. ר׳ ישעיה האָט געשיקט שבעלען אויף צו „באַשויען״ די כלה. דאָס מיידל איז וואוילגעפעלן געוואָרן. צום יאָר, איידער ר׳ מאיר מענדלסאָן האָט נאָך באַוויזן צו קומען צו ר׳ ישעיהן און אים אויפצומישן דעם שולחן־ערוך, האָט מען אין וואַרשע געפּראַוועט הערשעלעס חתונה. שבעלע פריוועס האָט זיך ביטער צעוויינט ווען זי האָט הערשעלען געזען מיט

אַ פרעמדער כלה שטיין אונטער דער חופה. אָבער ר׳ ישעיה האָט טיף געשוויגן און געשענקט דאָס גרויסע דרשה־געשאַנק, צום יאָר איז ליבעלע געלעגן געוואָרן מיט אַ יינגעלע און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן אביגדור נאָכן אַלטן קוילער רב. ר׳ ישעיה פריוועס האָט געהאַט סנדקאות, און באַלד נאָכן ברית פאַרשריבן אַ נדן פאַר הערשעלעס ניי־געבוירן יינגעלע.

## קאַפּיטל פינף און דרייסיק

ד״ר מאַקסימיליאַן הערץ. ביים גערער רבין און ביי די פּריוועסעס. די קנאה אויף ד״ר הערצן צווישן וואַרשעווער דאָקטוירים. רכילותן. ד״ר הערץ שטייט פאַרן גערער רבין אין אַ צעריסענער יאַרמלקע. אומעטום אויף אַ באַזונדערן אופן. „אויף אַ רפואה שלמה״. הכנעהדיק לגבי ר׳ ישעיהן און פאַרשייט לגבי די זין. ד״ר הערץ זאָרגט זיך פאַרן געזונט פון די פּרי־וועסעס. צו די ווייבלעך און צו די איידעמס. ד״ר הערצס באַציאונג צו אָרימע יידן. ביי ד״ר הערצן אויף די טרעפּ. ער הייסט זיך ווייזן די צונג און נעמט אַ האַרטן זעקסער.

ד״ר מאַקסימיליאַן הערץ האָט געוואוינט סאַמע אינמיטן פון יידישן געדיכטעניש אויף די קרולעווסקע גאַס האַרט לעבן גזשיבאָוו. זיין נאָמען האָט הויך געקלונגען איבער קרוין־פוילן. עס איז נישט קיין וואונדער: ד״ר הערץ איז געווען דער הויף־דאָקטאָר ביים רבין אין גער און דער הויף־דאָקטאָר ביי די פּריוועסעס. טאָמער האָט אין יענע צוויי געהויבענע רעזידענצן עמעצן אַ פינגער יויי געטאָן — צי חס־ושלום מען איז שווער קראַנק געוואָרן — האָט מען נאָר געוואוסט איין דאָקטאָר. דאָקטאָר הערץ. אַחוץ אַ געוואַלטיקער מומחה, וואָס ווען ער טוט נאָר אַ קוק אויפן חולה ווייסט ער מער פון אַלע דאָקטוירים, האָט מען אים, ד״ר הערצן, געהאַלטן אויך פאַר אַ געוואַלטיקן בעל־מוצלח. אַ גרויסער גוטער־ייד האָט אים אַמאָל מיטגעגעבן אַ ברכה אויף זיין פּראַקטיק. אַלע חולאתן אַנטלויפן וואו דער פעפער וואַקסט ווען ד״ר הערץ גיט זיך נאָר אַ ריר צו צו זיי מיט אַ פינגער.

צווישן וואַרשעווער דאָקטוירים איז די קנאה אויף ד״ר הערצן געווען אויסערגעוויינטלעך. דאָקטוירים האָבן אויף אים דערציילט אַלערליי מעשיות, נעמלעך: אַז איין אויג האָט ער אַ גלעזערנס און אויפן אַנדערן איז ער קורצזיכטיק און ער זעט בכלל נישט וואָס עס טוט זיך אויפן פּאַציענטס פּנים. דערצו איז ער היפּש טויבלעך. אויב ער שטעקט צו זיין אויער צו אַ קראַנקן איז עס נישט מער ווי הוילער האָקוס־פּאָקוס. ער הערט דאָרט ווי די וואַנט. די אַלע מעשיות האָבן אויף דאָס מינדסטע נישט געמינערט ד״ר הערצס געוואַלטיקע פּאָפּולאַריטעט צווישן חסידים אין

פוילן. גערער חסידים האָבן געזען ווי ביי דער מינדסטער קלייניקייט אין גערער הויף קומט ד״ר הערץ צופאָרן מיט גרויסן פּאַראַד, פאַרמאַכט זיך מיטן גערער רבין, און באַרגט זיך אויס ביי אַ משמש אַ צעריסענע יאַרמלקע כדי מיטן רבין נישט צו רעדן בגילוי־ראש. נאָך ד״ר הערצס אוועקפאָרן הייסט דער רבי אויף דאָס שטרענגסטע אָפּהיטן אַלע פאַר־שריפטן פון ד״ר הערץ און נעמען אַלע זיינע פילן און רעצעפּטן. בכלל טאָמער קומט אַ חסיד צום גערער רבין און איז זיך מזכיר וועגן אַ שווערער קראַנקייט ביי זיך צי ביי זיין הויזגעזינט, פרעגט אים דער רבי צי ער איז שוין געווען ביים ד״ר הערץ אין וואַרשע און וואָס ד״ר הערץ האָט געזאָגט, מחמת ד״ר הערץ איז אַ גרויסער מומחה און דערצו אַ געוואַלטיקער בעל־מוצלח.

דאָס צווייטע הויז וואָס האָט דער פּאָפּולאַריטעט פון ד״ר הערץ צו־געגעבן דאָס גרויסע אָנזען, זיינען געווען די פריוועסעס. אויב אין גערער הויף האָט מען דעם ד״ר הערץ צוגעגעבן די גלאָריע פון הצלחה און רבישקייט, האָט ער פון די פריוועסעס אַרויסגעטראָגן איבער פוילן דעם גרויסן רום פון וועלטלעכקייט. מען האָט געוואוסט, אַז די פריוועסעס זיינען געקניפּט און געבונדן מיט אויסלענדישע וואַרעם־בעדער און מיט ווינער און בערלינער פּראָפעסאָרן — אויב זיי רופן ביי יעדער קלייניקייט און ביי יעדער גרויסיקייט דעם ד״ר הערץ, מן־הסתם ווייסן זיי וואָס זיי טוען. ד״ר הערץ האָט דורך די פריוועסעס עפּעס אַזוינס ווי באַקומען די סמיכה פון דער גרויסער וועלט אין אויסלאַנד.

ד״ר הערץ אַליין האָט אין דיביידע קעניגרייכן פון זיין פּאָפּולאַ־ריטעט, אין גער און ביי די פריוועסעס, זיך איינגעאָרדנט אומעטום אויף אַ באַזונדערן אופן. קיין גער איז ער געקומען מיט גרויסער הכנעה. פאַרן רבין איז ער געשטאַנען אין דער אויסגעבאָרגטער יאַרמלקע און געמאַכט דעם איינדרוק אַז אייגנטלעך ווייסט דער רבי מער וועגן קראַנקע און קראַנקייטן ווי ער, ד״ר הערץ אַליין. צום ווייבערשן טייל פון גערער הויף האָט ער גערעדט אויף אַ ברייט־קלינגענדיקן וואַרשעווער יידיש און האָט צו זיינע רעצעפּטן שטענדיק מינדלעך צוגעגעבן אַ פרומע ברכה „אויף אַ רפואה שלימה". ער האָט זיי אַלעמען גערופן רביצין און אָפּגעגעבן גרויס כבוד. ביי די פריוועסעס האָט ער בלויז צו ר׳ ישעיהן אַליין זיך באַ־צויגן מיט הכנעה און אים מיט פיל ווירדע גערופן ר׳ ישעיה. ביי די

זין אָבער האָט זיך הערצס באַציאונג אינגאַנצן איבערגעביטן. צי האָט ער ר׳ ישעיהן געוואָלט ווייזן אַז ער ווייסט אָפּצושאַצן די דיסטאַנץ צווישן אים און זיינע זין און דערמיט ר׳ ישעיהן אונטערצוחנפענען — גענוג אַז צו ר׳ ישעיהס זין, אַפילו צו אלעזר פריוועסן אַליין, האָט ער זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער האָפּערדיקייט. ער האָט זיי אַלעמען געזאָגט „דו״ ווי זיי וואָלטן געווען חדר־יינגלעך, הגם ער האָט אויפן שטאַרקסטן אופן אַרויסגעוויזן גרויס זאָרג וועגן דער מינדסטער קליינינקייט וואָס שייך זייער געזונט. צו די פריוועסעס איז ער געקומען אויף וויזיטן הגם מען האָט נאָך נישט באַוויזן אים צו רופן. ער איז געקומען אויפן בלויזן הערן, אַז עמעצער ביי זיי איז נישט מיט אַלעמען. ד״ר מאַקסימיליאַן הערץ האָט געוואוסט, אַז וויפל ער זאָל נישט אָנשרייען אויף די פריוועסעס מיט זיין ברייטלעכן וואַרשעווער יידיש, וועט קיין שום אַנדערער וואַרשעווער דאָקטאָר נישט פאַרנעמען זיין אָרט ביי זיי. ער איז געווען זיכער. הינטער זיינע פלייצעס איז געשטאַנען דער גרערער הויף און ר׳ ישעיה פריוועס.

צו דעם ווייבערישן געשלעכט ביי די פריוועסעס — אַחוץ צו ר׳ ישעיהס שנורן — האָט ער זיך באַצויגן מיט דער זעלביקער רחבותדיקער האָפערדיקייט און האָט זיי אַלעמען געזאָגט „דו״ — נאָר ער האָט מיט זיי גערעדט אויף אַן אַלטן שליאַכטישן פויליש. די מיידלעך ביי די פריוועסעס, אַפילו די כלה־מיידלעך, האָט ער געקנייפּט אין די באַקן. די חתונה־געהאַטע ווייבלעך האָט ער נישט געקנייפּט, אָבער אַחוץ דעם האָט ער זיך צו זיי באַצויגן מיט דער זעלביקער פאַרשייטקייט. די איידעמס, וואָס האָבן אַריין־חתונה־געהאַט צו די פריוועסעס, האָט ער אויך געזאָגט „דו״, הגם זיי זיינען געווען פון ווילד־פרעמדע משפחות. זיי זיינען געוואָרן זיינע פּאַציענטן און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו זאָרגן פאַר זייער געזונט אַזוי ווי פאַר אַלע פריוועסעס. ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעהאַלטן מיט זיי צו טרייבן צווײדייטיקע קאַטאָוועסלעך אויפן חשבון פון זייערע ווייבער. מיט די איידעמס האָט ער גערעדט האַלב אויף יידיש און האַלב אויף פויליש. סע האָט זיך געוואָנדן אָן דעם גוטן געמיט.

צו אָרעמע יידן האָט ער געהאַט אַ באַציאונג פון טיפסטן ביטול און ער האָט נישט געוואָלט האָבן מיט זיי קיין מחזקות. זיי זיינען אים געווען צו לאַסט. דאָס געזונט פון אַן אָרעמאַן איז ביי אים ווערט געווען אַזוי פיל וויפל אַ שמעק טאַבאַק. דער איינציקער אָרעמאַן, וועלכער האָט ביי

אים געהאַט אַ שטיקל אָנזען, איז געווען לייבקע זאַקאַן. אָרעמע יידן האָט ער בכלל געזאָגט „דו" און דערמיט געוואָלט ווייזן זייער מינדערווער־טיקייט. דער קלאַנג פון ד"ר מאַקסימיליאַן הערצס נאָמען האָט אָבער נישקשהדיק אָפּגעקלונגען אויך אין די אויערן ביי די אָרעמע יידן אין פוילן. און זיי זיינען צו אים געלאָפן. אַריינגעלאָזט צו זיך אין וואַרט־צימער האָט ער זיי נישט. זיי האָבן פול געמאַכט דאָס טרעפּן־הויז פון זיין גבירישער דירה אויף דער קרולעווסקע האַרט לעבן גזשיבאָוו. נאָכ־דעם ווי ד"ר הערץ האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די חשובע פּאַציענטן און ער האָט זיך פאַרנומען אַוועקצופאָרן אויף זיין קאַטש צו די שטאָטישע וויזיטן, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן די אָרעמע יידן, וואָס האָבן פול געמאַכט זיינע טרעפּן. ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם פּאַלטן און דעם קאַפּעליוש אויף אַוועקצוגיין. אין געאיילעניש האָט ער גענומען אין דער האַנט אַריין עטלעכע בויגן פּאַפּיר און אַ בלייפעדער און אַרויסגעגאַנגען אין טרעפּן־הויז.

אַלע אָרעמע יידן אויף די טרעפּ האָבן מיטאַמאָל אַ כאַפּ אַראָפּ גע־טאָן די היטלען.

— וואָס מאַכט איר, יידעלעך? — האָט ד"ר מאַקסימיליאַן הערץ אַ געשריי געטאָן אויף יידיש אָבער מיט רחבותדיקן פּריצישן ביטול, — די בייכעלעך טוען אייך וויי? ווייזט נאָר אויף טשיקאַוועס די צונגען און איך וועל אייך פאַרשרייבן רעצעפּטלעך.

די אָרעמע יידן אויף די טרעפּ האָבן אַלע צוזאַמען אַרויסגעשטעקט די צונגען.

ד"ר הערץ אין פּאַלטן און אין קאַפּעליוש איז אַרומגעגאַנגען צווישן די יידן מיט די אַרויסגעשטעקטע צונגען, אַ קוק געטאָן אויף אַ צונג און פאַרשריבן אַ רעצעפּט. ביי די דאָזיקע יידן האָט ער נישט קיין סך גע־נומען, נישט מער ווי אַ האַרטן זעקסער פון אַ פּאַציענט.

## קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

דער זיידע ברוך האָלט ביים שטאַרבן. די לאַנד־שאַפטן האָבן געביטן זייער אויסזען. די באָבע חיה וויינט. דער זיידע ברוך אויפן טויטנבעט. דער פּאַראַ־ליזירטער גוף דערפילט ליבשאַפט און גיט פון זיך אַרויס זיינע לעצטע טרערן.

מען רופט אַריין יידן צום זיידן ברוך. סע האַלט ביי יציאת־נשמה. מען צינדט אָן ליכט און מען זאָגט קאַפּיטלעך תהילים. ברוך דיין אמת. דער זיידע ברוך ליגט אויף דער ערד צוגעדעקט מיט אַ שוואַר־צער אַטלעסענער קאַפּאָטע. איך פאַרגראָב מיין פּנים אין אַ קישן און וויין זיך ביטער פאַנאַנדער.

אַ האַלב יאָר נאָך מיין חתונה — איך בין גראָד געזעסן אין מיין צימער און געשריבן — האָט מיר חנהלע אַריינגעברענגט אַ דעפּעשע. די דעפּעשע איז געווען פון לאָדזש. איך האָב זי אויפגעריסן. אין איר זיינען געשטאַנען בלויז צוועלעכע ווערטער: „קום גלייך צופאָרן. דער זיידע ברוך האַלט ביים שטאַרבן."

דאָס וואָרט „שטאַרבן" אין שייכות מיט די נאָענטע פון מיין משפחה און מיין יוגנט־היים, איז מיר אויסגעקומען אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן. אוודאי האָב איך געוואוסט, אַז מענטשן שטאַרבן, הגם איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען קיין טויטן. עס איז פאַר מיר געווען הוילע טעאָריע אַז אַ מענטש ווערט מיטאַמאָל אויס לעבעדיק און מען לייגט אים אַריין אין דער ערד. אַ טעאָריע. אָבער אַז עמעצער פון די לעבעדיקע מענטשן וואָס רינגלען מיך אַרום און וועלכע זיינען געווען אַ טייל פון מיין יוגנט — און דערצו דער זיידע ברוך — זאָלן האַלטן ביי ווערן אַ טויטער. וואָס הייסט עס? ווי אַזוי איז עס מעגלעך?

איך בין באַלד אָוועקגעפאָרן קיין לאָדזש. חנהלע איז מיטגעפאָרן. ס'איז געווען פורים־צייט. אויף די פעלדער זיינען נאָך געלעגן די שנייען. די וועלדער זיינען געשטאַנען קאַלטע און באַשנייטע. איך האָב אַרויסגעקוקט דורך די וואַגאָן־פענצטער. מיר איז אויסגעקומען, אַז די סוף־ווינטער לאַנדשאַפטן האָבן זיך ווי פאַרענדערט. אין זייער גראָען און פייכטן אומעט האָבן זיי עפּעס אַזוינס ווי פון דעם טרויעריקן און מערקווירדיק־אומהיימלעכן געפיל, וואָס פאַרבינדט איצט מיין האַרץ מיטן שטאַרבנ־

דיקן זיידע ברוך. קומענדיק קיין לאָדזש און זעענדיק די גראָע הייזער, די פאַררויכערטע הימלען און דעם אומאויפהערלעכן געטומל — האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז איך דערקען זיי נישט. אויך זיי האָבן אויסגע־דריקט די פרעמדע אומהיימלעכע דערוואַרטונג אין מיר. לאָדזש, אירע מויערן און איר געטומלעניש האָט דעריבער אין זיך געהאַט עפּעס פון אַן אילוזיע...

אויף די טרעפּ פון אונזער הויז אויף פּיעטריקאָווער 88 האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך אין מיר אָפּ.

איך האָב געטאָן נישט מער ווי איין קלונג ביי דער טיר.

די טיר פון אונזער דירה — די דירה פון וועלכער איך האָב געהאַט אַזוי פיל קינדהייטלעכע און זיסע דערינערונגען — האָט זיך געעפנט. איך האָב געטראָפן פרעמדע מענטשן אין שטוב, און ווי קיינער וואָלט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט. אין אַ ווינקל ווי אַ דערשלאָגענע יתומה איז געזעסן די באָבע חיה און האָט געוויינט. סע האָט זיך געטראָגן דער ריח פון רעצעפּטן. איך בין אַריינגעגאַנגען אין זיידע ברוכס שלאָף־שטוב.

מיין פאָטער האָט דעם זיידן ברוך געזאָגט, אַז איך בין געקומען. הגם דער זיידע ברוך איז געלעגן אַ געליימטער אויפן גאַנצן גוף, פונ־דעסטוועגן זיינען זיינע חושים נאָך געווען ביים פולן באַוואוסטזיין. מיין פאָטער האָט געזאָגט אַז ער מאַכט אַ באַוועגונג, אַז איך זאָל צוגיין צום בעט.

דעם זיידע ברוך האָב איך קוים דערקענט. ער איז געווען געל ווי וואַקס און אומבאַהאָלפן געגלאָצט מיט אַ פּאָר שטאַרע גלעזערנע אויגן. די רויטע באָרד איז אים גראָ געוואָרן. אַ האַלבע צונג איז אים אַרויסגע־האַנגען פון די האַלב־געעפנטע ליפּן. דער אָטעם איז געווען אַ שווערער און אַ כאָרכלדיקער. זיינע טויטע גלעזערנע אויגן האָבן מיך דערזען און זיי האָבן זיך באַמיט צו שמייכלען. נאָר דער שמייכל האָט זיך אַדורכגעריסן דורך זייער שטאַרקייט ווי אַ גרימאַסע. ער האָט עפּעס געמאַכט מיט די האַלב־אָפענע ליפּן און די צונג האָט אַדורכגעלאָזט אַן אומהיימלעך געכאָרכל. מיין פאָטער וואָס איז געשטאַנען לעבן בעט און איז געווען דער איינציקער וואָס האָט אים פאַרשטאַנען, האָט מיר געזאָגט, אַז דער זיידע ברוך פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל מיך צו אים אַראָפּבויגן.

איך האָב מיך צו אים אַראָפּגעבויגן, — און די גרימאַסע אין די גלעזערנע פאַרשטאַרטע אויגן איז געוואָרן נאָך בולטער.

דער זיידע ברוך איז געווען צופרידן.

דאַן האָט עס ווידער פון צווישן דער אַרויסגעהאָנגענער צונג געטאָן אַ כאָרכל. אַ פינגער פון דער געלער אויסגעדאַרטער האַנט, וואָס איז געלעגן ווי אַ שוין־געשטאָרבענע אויף דער קאָלדרע, האָט זיך געטאָן אַ ריר. מיין פאָטער האָט נישט פאַרשטאַנען און געפרעגט דעם זיידן ברוך וואָס ער וויל. דער כאָרכל פון אונטער דער אַרויסגעהאָנגענער צונג איז אַרויסגעקומען אַ שטאַרקערער, דער פינגער אויף דער טויטער האַנט האָט געציטערט, די גרימאַסע אין די גלעזערנע אויגן האָט זיך אויסגע־שפּיצט צו מיר.

מיין פאָטער האָט געפּרוּווט טרעפן. די שמיעה ביים זיידן ברוך האָט געמוזט זיין אַ שאַרפע מחמת ער האָט אַלצדינג געהערט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו כאָרכלען.

דאַן האָט מיין פאָטער גענומען מיין האַנט און זי צוגעפירט צו די שטאַרע האַלב־געעפנטע ליפּן פונעם קראַנקן. די גרימאַסע האָט זיך ווי אַ צופרידענע באַרואיקט. דער זיידע ברוך האָט געציטערט מיט זיינע ליפּן אויף מיין האַנט. די טויטע גלעזערנע אויגן זיינען אים פּלוצעם פאַרשלייערט געוואָרן מיט אַ הויך פון טרערן. דער האַלב־טויטער פּאַ־ראַליזירטער גוף האָט אין זיך דאָס לעצטע מאָל דערפילט ליבשאַפט, און ער האָט פון זיך אַרויסגעגעבן זיינע לעצטע טרערן.

---

צומאָרגנס האָט מען אויפאינדערגעשווינד אָנגעהויבן אַריינצורופן יידן צום זיידן ברוך. עס האָט זיך אָנגעהויבן די גסיסה. ס׳זיינען אויך געקומען פרעמדע יידן ווי צום דאַווענען. עפּעס גאָר אַ פרעמדער ייד, וועלכן קיינער האָט נישט געקאַנט, האָט מיטאַמאָל איבערגענומען מיט גרויס מרה־שחורהדיקער האַפערדיקייט די קאָמאַנדע אין אונזער שטוב. ער האָט מיט גרויס געבייזער און אויף לשון־קודש אַרויסגעטריבן די וויינענדיקע ווייבער פון זיידן ברוכס שלאָף־שטוב און געהייסן אָנצינדן ליכט. אַלע האָבן אים געפאָלגט. די יידן האָבן זיך אָנגעטאָן די גאַרטלען. טייל האָבן זיך אַרומגעבונדן מיט שנופּ־טיכלעך און אָנגעהויבן צו זאָגן די קאַפּיט־לעך תהילים וואָס מען זאָגט ביי אַ גוסס און וועלכע שמעקן באַשיימפּער־

לעך מיט יציאת־נשמה און מיט קבורה. די ליכט האָבן טריבע געפלאַקערט אינמיטן דעם שטילן יידישן געברום. זיי האָבן געפלאַקערט ווי קליינע אומגעדולדיקע נשמהלעך, וואָס וואַרטן, אַז דעם זיידן ברוכס נשמה זאָל זיך שוין ענדלעך אַרויסקלייבן פון גוף. דער זיידע ברוך איז אָבער לאַנג געלעגן אַ גוסס. די גלעזערנע אויגן שטאַר, ווי זיי וואָלטן געקוקט אויף די יידן און אויף די ליכט, און ווי זיינע אויערן וואָלטן פאַרנומען דאָס געברום פון די טויט־קאַפּיטלען פון תהילים. ער האָט געכאַרכלט מיטן האַלדז, געגלאָצט און געכאַרכלט ביז ער האָט באַקומען שוים אויף די ליפּן און די אויגן האָבן זיך אים פאַמעלעך פאַרגלייזט. ער איז שטיל געוואָרן אינמיטן דעם געברום פון די יידן.

ווען דער זיידע ברוך איז שוין געלעגן אַ טויטער, האָבן די יידן מיטאַמאָל אויפגעהערט זייער געזאַג. עס האָט זיך דערהערט אַ יאָמערלעך געשריי פון די ווייבער. דער פרעמדער ייד האָט שטרענג אַ קאָמאַנדעווע געטאָן מען זאָל אים דערלאַנגען אַ פעדער.

ער האָט די פעדער צוגעלייגט צו דער נאָז פון טויטן זיידע ברוך וואָס איז געוואָרן פון רגע צו רגע געלער און געלער. דער ייד האָט אַ זאָג געטאָן:

— ברוך דיין אמת.

די ווייבער זיינען אַרויס מיט אַ ביטער געוואַלד ווי גזלנים וואָלטן זיך אַריינגעריסן צו אונז אין שטוב.

מען האָט דעם זיידע ברוך צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצע אַטלעסענע קאַפּאָטע. די ליכט האָבן געפלאַקערט בייזע און צופרידענע וואָס ענדלעך האָט דער זיידע ברוך אָפּגעגעבן די נשמה.

באַלד זיינען געקומען אַנדערע יידן און מען האָט דעם זיידן ברוך „אָפּגעהויבן". מען האָט אים אַנידערגעלייגט אויפן האַרטן דיל, אים אונטערגעלעגט זיבן צעפּוילטע שטרוי, און אים פונדאָסניי צוגעדעקט מיט דער אַטלעסענער קאַפּאָטע. צוויי שבתדיקע לייכטער וואָס דער זיידע ברוך האָט נאָך געקראָגן דרשה־געשאַנק און וועלכע איך געדענק פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן — זיי האָבן תמיד וואַרעם היימיש געלויכטן אויף אונזער וויס־געדעקטן שבתדיקן טיש — זיינען אויך ווי דערשראָקענע און פאַריתומטע געשטאַנען אויפן הוילן דיל דעם זיידן ברוך צוקאָפּנס. צוויי סטעאַרין־ליכט האָבן אין זיי געברענט אינמיטן דער פרו־

מער אָפּגעשראָקענער טאָג־ליכטיקייט אין זיידן ברוכס שלאָף־שטוב. דער זיידע ברוך איז געלעגן גאָר אַ שטילער אונטער דער שוואַרצער אַטלעס־סענער קאַפּאָטע מיט די פיס צו דער טיר ווי ער וואָלט געוואַרט מען זאָל אים רופן צו קבורה. דאָס געוויין פון די ווייבער האָט פּאַמעלעכל אויפגעהערט. אַ ייד האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן צוגעדעקטן זיידע ברוך און אָנגעהויבן צו לערנען משניות.

דער זיידע ברוך מיט זיינע וואונדערלעכע מעשיות, וואָס האָט געשריגן אויף די פּויערים, און מיט מיר געגאַנגען שפּאַצירן צווישן די סטאַראָפּאָליער טאָפּאָלן און צווישן וואַרעמע סטאַדעס שאָף איז איצט אַ בר־מינן...

נאָכדעם ווי די ווייבער האָבן זיך באַרואיקט און ס'איז שוין געווען עפּעס ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז דער זיידע ברוך איז געשטאָרבן, — האָב איך מיך פאַרמאַכט אין אַ חדר. כ'האָב מיך אַנידערגעלייגט אויף אַ סאָפע, פאַרגראָבן מיין פּנים אין אַ קישן און זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט. ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך מיך באַגעגנט מיטן טויט. איך האָב געוואוסט, אַז פון איצטער אָן וועט ער קומען אויף מיין וועג וואָס אָפטער. און איך האָב געוואוסט, אַז מיטן זיידע ברוכס אַוועקגיין זיינען אונטערגעשניטן געוואָרן מיינע קינדער־יאָרן.

## קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

איך וויל זען מיינס אַ וואָרט געדרוקט. אַלערליי העמונגען. טיפּע סימפּאַטיעס פאַרן „בונד״. אין וואַרשע וואוינט י. ל. פּרץ. די יידישע וועלט מאָדערניזירט זיך. לייב וואַלנערמאַן מאַכט די גרויסע רעוואָלוציע. אַ פּרוס בלאַט-צייטונג. אין גער הויבט מען אָן צו האָבן חוש פאַר דער נייער צייט. דער „קליינער מענדעלע״. ביי מיין שווער אויפן גזשיבאָוו. יידן מיט קאַפּעליושלעך. מענדעלעס באַציאונגען צו מיר.

דער שופלאַד מיינער אין וואַרשע איז כסדר פולער געוואָרן מיט מיינע שריפטן. איך האָב ענדלעך געוואָלט זען מיינס אַ וואָרט געדרוקט. אויך אין דעם דאָזיקן פרט בין איך געווען אַ ציטערדיק בן־יחידל און עס האָט מיר געפעלט די אינערלעכע איניציאַטיוו צו נעמען מיין גורל אין דער האַנט אַריין און צו וואַגן. איך בין תמיד געוואוינט געווען אַז מען זאָל מיך פאַרזאָרגן און אַז אַנדערע מענטשן זאָלן אַלצדינג טאָן פאַר מיר. אַזאַ דערציאונג באַשאַפט אינעם מענטש אַ סך העמונגען. העמונגען פון וועלכע איך בין היינט נאָך נישט פריי. הגם מיינע יאָרן נויגן זיך שוין צו ענד און ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות זיינען שוין די טראַגישקייטן פון לעבן אַדורכגעגאַנגען איבער מיין קאָפּ ווי אַ שטורעם־ווינט.

איך האָב געהאַט די טיפסטע סימפּאַטיעס פאַרן „בונד”. אין וואַרשע איז געווען דער „בונד”. איך האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי מען קניפּט אָן באַציאונגען. אין וואַרשע איז געווען די יידישע ליטעראַטור. עטלעכע גאַסן ווייט פון מיר האָט געוואוינט י. ל. פּרץ צו וועלכן איך האָב אין מיינע רעיונות אַרויפגעקוקט ווי צו אַ גרויסע לעגענדאַרישע פּערזענ־לעכקייט. מיין פאָטער האָט מיך דערצויגן אין גרויס פּיעטעט פאַר פּרצן. אין מיין שופלאַד זיינען געלעגן כתבים. איך האָב געוואוסט, אַז מענטשן ברענגען אַרויף צו פּרצן זייערע כתבים. די מומע איטקע האָט אָפט דער־ציילט ווי אַזוי שלום אַש, אַ בית־המדרש־בחור פון קוטנע, האָט זיך מיט־אַמאָל מישב געווען און געפאָרן קיין וואַרשע צו פּרצן אים צו ווייזן זיינע כתבים. פּרץ האָט זיך באַלד אויף אים דערקענט און אים צוגעהאָלפן

צו ווערן אַ באַרימטער יידישער שרייבער. אַט וואוין איך גאָר נאָענט פון פרצן. מיין קאָפּ איז פול מיט שרייבערישע פלענער. מיין שופלאָד ווערט פולער און פולער מיט מיינע שאַפונגען, און אַרויפגיין אויף טשע־קאָוועסט צו פרצן און אים פרעגן זיין מיינונג וועגן מיין שרייבן, פעלט מיר די איניציאַטיוו און דער מוט. וואָס הייסט גיין צו פרצן? עס איז מיר אויסגעקומען ווילד און אוממעגלעך ווי צו פּרוּוון אַ גאַנג צו דער ליכ־טיקער לבנה.

מיטאַמאָל האָט זיך געמאַכט אַ צופאַל.

אין די חסידישע קרייזן אין פוילן אין וועלכע איך האָב געלעבט, איז דער געדאַנק וועגן אַרויסגעבן אַן אייגענע אָרטאָדאָקסישע צייטונג געווען אויסטערליש פרעמד. אַזאַ געדאַנק האָט געשמעקט מיט השכלה און מיט אַפּיקורסישע נייקייטן. די חסידישע באַפעלקערונג אין פוילן — נישט געקוקט אויף דער אויפלעבונג פון מאָדערנע און רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען אין די אַנדערע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט אין פוילן — האָט פונדעסטוועגן כסדר האַרטנעקיק געלעבט אין אירע הונ־דערטער־יאָריקע טראַדיציעס. מען האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן אויף אַ האָר. קיין שום קאָמפּראָמיסן. די חסידישע וועלט איז גיכער איינגעגאַנ־גען דערויף אַז מען זאָל פאַרלאָזן אירע רייען און זי זאָל פאַרלירן טיילן פון איר יוגנט, איידער אויף דאָס מינדסטע אַרויסצוגיין פון די גייסטיקע מויערן פון איר לעבנס־שטייגער. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין פוילן האָט אָנגעהויבן דאָס גאַנצע יידישע לעבן צו רעוואָלוציאָניזירן. ער האָט געטראָגן די ראַדיקאַלסטע און פרייהייטלעכסטע לאָזונגען. די יידישע לי־טעראַטור און די יידישע פּרעסע האָבן אויף אַ פּיאָנערישן אופן מיט דעם גרעסטן אידעאַליזם פאַנאַנדערגעטראָגן די ראַדיקאַלע לאָ־זונגען. די אַלטע פעסטונג פון דעם פרומען פּוילישן יידנטום האָט פאַ־מעלעך אָנגעהויבן דערשיטערט צו ווערן אונטער די קלעפּ פון דער נייער שעפערישער צייט אין יידישן לעבן. דער אַלטער דור האָט אָבער נאָך האַרטנעקיקער אַרונטערגעלאָזט די פענצטער און נישט געוואָלט הערן.

אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן אין דער שטאָט בענדין, לייב וואָל־נערמאַן מיטן נאָמען, האָט מיטאַמאָל געפּרוּווט אויף אייגענער אַחריות צו מאַכן די גרויסע רעוואָלוציע אין דער פאַרמויערטער חסידישער וועלט און גענומען אַרויסגעבן אַ פרום וואָכנבלאַט. דער יונגערמאַן איז

נישט געווען קיין גרויסער שרייבער, און ער האָט זיך גיכער געגומען אַלס מוסטער דעם אַלטן משכילישן „המגיד״. דער עיקר האָבן אים, זעט אויס, אימפּאָנירט נחום סאָקאָלאָווס טאָג־טעגלעכע פּאָליטישע אַרטיקלען א. נ. „דברי הימים״. לאַנגע מאמרים האַלב מליצה און האַלב ישיבה־בחורישע פינגער־קוועטשעריי. דער בענדינער רעוואָלוציאָנער האָט זיך פאַרנומען צו גיין אין די דאָזיקע וועגן און פּרוּאוון צו געבן פאַר חסידים אַ פרומען און כשרן נחום סאָקאָלאָוו. סאָקאָלאָוו איז דאַן געשטאַנען אויף די הויכענישן פון זיין פּאָפּולאַריטעט. יידן הצפירה־לייענער האָבן פון אים געלעקט די פינגער.

וואַלנערמאַן האָט דערוויַיל באַוויזן אַרויסצוגעבן סך־הכל נישט מער ווי איין נומער. דער נומער האָט געהייסן אַ זיבן־גאָרנדיקן נאָמען „הקול קול יעקב״, און ער האָט אים מיט די אייגענע הענט פול געמאַכט מיט „חכמת הפּאָליטיקע״ און מיט אַנדערע שרייבעכצן. עס האָבן אויך דאָרט נישט געפעלט קיין שירים געבויט אויף „יתדות״ און „משקלים״. עס איז גענוג געווען בלויז דער שאָטן פון אַ פרומער צייטונג צווישן פּוילישע חסידים — אַז עס זאָל שמעקן מיט געוואַלטיקער רעוואָלוציע.

פון אַלע רבישע הייף אין פוילן, האָט מען אין גערער הויף גיכער געהאַט אַן אָפן אויער פאַר די צייטן וואָס קומען אָן. דער סאָציאַליזם און דער ציוניזם האָבן אָנגעהויבן צו רייסן שטיקער פון דער חסידישער יוגנט. דער ציוניזם האָט זיך אַפילו אויך געהאַט אָנגעטאָן אַ פרומען טלית און אונטערן נאָמען „מזרחי״ אויף אַ לעגאַלן אופן אָנגעהויבן צו ווערבירן מיטגלידער צווישן די פרומע פּוילישע יידן. סע האָבן זיך שוין אַפילו געפונען רבנים, וואָס זיינען עפנטלעך צוגעשטאַנען צום „מזרחי״ און אַזוי אַרום אָנגעהויבן אויפצורייסן די פרומע יידישע מאַסע אין פוילן פון אינעווייניק. אין די רבישע הייף האָט מען דעם מינדסטן קאָמפּראָמיס נישט געוואָלט אָנערקענען, און אַפילו דעם „מזרחי״ געשטעמפּלט פאַר אַפּיקור־סישע מסיתים ומדיחים. און מען האָט באַפוילן זיי צו רודפן. אין די שטעטלעך וואו מען האָט חושד געווען די רבנים אַז זיי זיינען געכאַפּט אויף „מזרחי״ האָבן זיי חסידים געיאָגט עד־חרמה. מען האָט זיי געטריבן פון די רבישע הייף אַלס הונדערט־פּראָצענטיקע אַפּיקורסים.

אין גער איז מען געווען איינגעהאַלטענער. דער גערער רבי וואָס האָט אָנגעהויבן צו „פּירן״ נאָכן „שפת אמת״ איז פריער געווען אַ סוחר

און גראַד געשטאַנען אין געשעפטלעכע באַציאונגען מיט גרויסע רוסי־שע אַסעקוראַנץ־געזעלשאַפטן, ער איז געווען אַ גרינדער פון אַ לאָטעריע, און דער עיקר איז ער געווען איינער פון די גרעסטע ביבליאָגראַפן פון דער אַלטער רבנישער ליטעראַטור. ער איז געשטאַנען אין בריוולעכער קאָרעספּאָנדענץ מיט די גרעסטע ביבליאָטעקן אין דער וועלט און אַליין געפאָרן קיין איטאַליע און דאָרט געגישטערט און געזוכט אין די גניזות פון אַלטע שולן נאָך אַלטע כתב־ידן און רבנישע אַנטיקן. ער האָט זיך גיכער אַנגעשמעקט מיט דער גרויסער וועלט מחוץ דער אָפּגעשלאָסענער וועלט פון פוילישן חסידות. און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז הגם אויף איין זייט מוז מען שטרענגער און פאַנאַטישער באַשיצן דעם אַלטן שטייגער, מוז מען דאָך האָבן אַן אָפּן אויג אויף די צייטן וואָס קומען אָן און מען מוז זיך גרייטן זיי צו באַגעגענען.

דער יינגסטער ברודער פונם גערער רבין — חסידים האָבן אים גע־רופן „דער קליינער מענדעלע״ — איז געווען מיינער אַ שוואָגער. אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָב איך דערציילט אויף וואָסער אופן מיין פרויס שוועסטער היהטשע האָט מיט אים חתונה געהאַט. מענדעלע איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ מענטש מיט אַ סך איידלקייט און אַ סך אינערלעכער אינטעליגענץ. און זייער, זייער אַ קלוגער ייד. ער איז אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך היטלערס דייטשן. מענדעלע האָט אין זיך געהאַט פיל ראַציאָנאַליזם — אָבער אַ ראַציאָנאַליזם אַ פאַרפּלפּולטער — און ער איז געווען פאַרפּיעשטשעט דורך דער אַטמאָספערע פון אַן אייביקער פּיעטעט מיט וועלכער חסידים האָבן אים אַרומגענומען אַלס אַ זון פון אַלטן גערער רבין, דעם „שפת אמת״. ער האָט געהאַט אין זיך אַ באַהאַלטענע פריי־הייטלעכע נייגעריקייט אַריבערצוקוקן איבער דעם „צוים״ און צו הערן וואָס עס זאָגן דאָרט די פרייערע גייסטער. נענטערע מענטשן צו מענדעלען האָבן דערציילט, אַז ער האָט ליב אַמאָל אַ קוק אַריין צו געבן אין ספרי־השכלה און אַפילו אין אַ יידיש ביכל. דאָס האָט אים לחלוטין נישט אָפּ־געהאַלטן צו רודפן מיטן גרעסטן פאַנאַטיזם בחורים פון דער גערער ישיבה וועלכע מען האָט חושד געווען אין טריף־פסול. אייגנהעגטיק האָט ער געמאַכט שטרענגע רעוויזיעס אין זייערע טלומעקלעך. טאָמער האָט מען עפּעס געפונען האָט מען באַלד דעם בחור אַרויסגעוואָרפן פון ישיבה און אויפן צאַרישן שטייגער אַרויסגעריסן דאָס ווילד־גראָז. פון די דאָזיקע

קאָנפיסקאַציעס האָט ער מן־הסתם געהאַט ביכלעך אין זיי אַריינצוקוקן. אָבער אין תוך איז ער געווען אַ זעלטן אידעלער ייד. אַ ייד מיט שאַרפער קלוגשאַפט און אַפילו מיט סימפּאַטישן הומאָר. ער איז געזעסן גאַנצע נעכט און געלערנט, און אויך עוסק געווען אין רבנישער ביבליאָגראַפיע ווי זיין ברודער דער רבי.

זיין שאַרפע קלוגשאַפט האָט נישט געלאָזט טיפער אַריינקוקן אין זיין וועזן. אַז דאָרט איז געווען אַ געשפּאָלטנקייט צווישן אַלטע איינגעזעסענע טראַדיציעס און פּרייזיניקלעכן ראַציאָנאַליזם, און אַז אויך אין „קליינעם מענדעלע" — ביי זיין גאַנצן קנאישן טעמפּעראַמענט — האָבן זיך שוין געוויזן די צייכנס פון דער נייער צייט — דאָס האָט מען געזען אין אַ סך מעשים זיינע און אין די מענטשן פון זיין סביבה. איך האָב עס געהאַט געגנוג צייט צו באַטראַכטן, מחמת מענדעלע פלעגט גאָר אָפט קומען קיין וואַרשע און ער האָט געוואוינט ביי אונזער געמיינזאַמען שווער, ביי משהל פּריוועס אויפן גזשיבאָוו.

ווען מענדעלע איז געקומען קיין וואַרשע, האָט אין משהל פריוועסעס דירה זיך געטאָן ווי אין אַ רבישן בית־המדרש. די שאַרפסטע גערער חסידים זיינען צו אים אַרויפגעקומען. מענדעלע איז געווען דער ליבלינג פון גערער חסידים און אַליין געפּראָוועט ווי אַ האַלבע רביסטווע. עס זיינען אַרויפגעקומען לומדים, בטלנים, און אַפילו ארץ־ישראל־משולחים, יענע באַקאַנטע אומהיימלעכע שוויגנדיקע יידן. יידן הויכע און געוויקסיקע אין שוואַרצע גאָר לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט גרויסע און ברייטע שוואַרצע בערד. יידן וואָס הגם זייערע פיס האָבן נאָך נישט אַרויסגעטרעטן פון דער פּוילישער ערד, פונדעסטוועגן האָבן זיי אומעטום מיט זיך אַרומגע־טראָגן די הייליקע ערפורכטיקייט פון ארץ־ישראל און פון דער פרומער און הייליקער שטאָט ירושלים. מענדעלע האָט זיך מיט זיי געשושקעט. און דאָס האָט נאָך מער געשטאַרקט זייער אומהיימלעכקייט. מענדעלע האָט בכלל ליב געהאַט צו פירן די „וועלט־פּאָליטיק" צווישן פּוילישע חסידים. די משולחים פון ארץ־ישראל־געלטער זיינען געווען באַזונדערע „רעדלעך" אין דער דאָזיקער „וועלט־פּאָליטיק", וואָס האָט זיך געצויגן פון גער ביז ירושלים עיר־הקודש.

צווישן די אַלע שאַרפע גערער חסידים האָבן זיך אויך באַוויזן יידן מיט אונטערגעשאָרענע בערדלעך. און אַפילו יידן מיט קאַפּעליושלעך. דאָס

זיינען געווען יידן, וואָס האָבן אייגנטלעך פּאָרטראַטן די פּרייזיניקע ראַ־ציאָנאַלע זייט אין „קליינעם מענדעלע״. ס׳זיינען געווען מאָדנע יידן. האַל־בע משכּילים, באַהאַלטענע אַפּיקורסים, און אַפילו איינער עפּעס אַ ייד מיט פּ. פּ. ס.ישע סימפּאַטיעס. בונדיסטן וואָלטן געווען צו פאָלקסטימלעך, ס׳האָט געשמעקט פון זיי מיט פּראָסטע באַלמעלאָכישע יידן, ד״ה צו עם־האַרציש זיי זאָלן אימפּאָנירן מענדעלען. דערצו זיינען בונדיסטן געשטאַ־נען אין אָפענעם קאַמף מיט דער יידישער פרומקייט, וועלכע מענדעלע האָט עפנטלעך פאַרטיידיקט מיטן שאַרפסטן פאַנאַטיזם. אויך מיט אָט־אָ די „אונטערגעכאַפּטע״ יידן האָט זיך מענדעלע געשושקעט פונקט ווי ער האָט זיך געשושקעט מיט די טונקעלע און ערפורכטיקע משולחים פון ארץ־ישראל־געלט. די „געכאַפּטע״ יידן קומען אַריין אין זיין סביבה דער־ריבער, ווייל מענדעלע האָט נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט רבישע מסחרים. ער האָט זיך אין גער געעפנט אַ פאַבריק פון סטעאַרין־ליכט. ער האָט גורס געווען נייערט וועלטלעכע מסחרים. צו די וועלטלעכע מסחרים האָט ער באַדאַרפט וועלטלעכע יידן. דורך די דאָזיקע יידן איז ער געוואויר געוואָרן מיט וואָס עס שמעקט „אינדרויסן״.

צו מיר האָט ער געהאַט זייער אַ גוטע באַציאונג. די ערשטע סיבה איז געווען, וואָס איך האָב אים אָפן אַרויסגעוויזן מיין גרעסטע סימפּאַטיע. מענדעלע האָט ליב געהאַט, אַז מען זאָל אים פאַרפּיעשטשען מיט געפילן. אַזוי ווי איך האָב, אַזוי צו זאָגן, אָפּיציעל באַלאַנגט צו דעם „קעגנערישן לאַגער״ פון גער, בעמלעך אַלעקסאַנדער, זיינען תמיד סימפּאַטיעס פון אַ קעגנער די זיסטע פאַר דער אַמביציע. אין דעם דאָזיקן פּרט האָט מענ־דעלע געטראַכט מיט געזעלשאַפטלעכע טערמינען. אין דער אַנגעכמור־רעטער גבירישער שטוב פון משהל פּריוועס און אין דער שווערער אַטמאָס־פערע פון די פּריוועסעס, איז מענדעלעס קומען קיין וואַרשע, ווי אויך דאָס באַווייזן זיך פון אַלטע פאַרשלומפּערטע חסידים צווישן די דאָזיקע ווענט — געווען אַ גרויסע גייסטיקע אָפּפרישונג. עס האָט געשמעקט מיט די יידן פון מיין יוגנט, מיט חסידות און מיט תורה. איך האָב ליב געהאַט מענדעלעס שאַרפע יידישע קלוגשאַפט און זיין רבישע איידלקייט. עס איז מיר אויסערגעוויינטלעך געפעלן געוואָרן צו הערן אין דער נאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, דעם היימישן זינג־זאַנג פון גמרא־לערנען, וואָס האָט זיך שעהנווייז געטראָגן פון מענדעלעס שטוב.

ער האָט מיך אויך געמוזט חושד זיין אין השכלה־נייגונגען און אין ידיעות אין טריף־פסול. אַזוי ווי איך בין נישט געווען קיין גערער חסיד — און דערמיט נישט באַלאַנגט צו די רעקוויזיטן פון זיינע מאַכט־אַמביציעס — האָט ער אַפילו נישט געפּרואווט לגבי מיר אָנצואווענדן זיין רבישן צאַריזם. פאַרקערט: איך האָב מן־הסתם ביי אים געהערט צו דער סביבה פון די יידן מיט די אונטערגעשוירענע בערדלעך, וועלכע האָבן פאַרטראָטן זיין צווייטן פרייזיניקן „איך"

## קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

קאָנסערוואַטיוו און ליבעראַל. לייב וואַלנערמאַן באַקומט אַ „באַפעל" צו קומען צום „קליינעם מענ־דעלע". מען הייסט לייב וואַלנערמאַנען וואַרטן און ער קוקט זיך דערווייל אַרום ביי די פּריוועסעס. מיר טוט אַ פּלאַס אין קאָפּ ווען איך זע דאָס ערשטע מאָל אַ רעדאַקטאָר. דער מלאך־הגואל קוקט אַריין אין מיינע כתבים. אַזאַ גאָלדענעם פויגל האָט ער אומזיסט געזוכט איבער פוילן. מיר וועלן איבערקערן וועלטן. וואַלנער־מאַן גייט אַריין צום „קליינעם מענדעלע" מיט דריי טייז רויט.

דער ערשטער נומער פון בענדינער „הקול" וועלכן די „אונטער־געשוירענע" מקורבים האָבן מיט גרויס האַפערדיקייט אונטערגעטראָגן דעם „קליינעם מענדעלע" האָט פאַר אים מיטאַמאָל אויפגעטאָן נייע פענצטער סיי צום „אינדרויסן", סיי צו נייע מאַכט־אַמביציעס. מענדעלע איז געווען צו קלוג און צו שאַרפזיניק כדי ער זאָל נישט זען, אַז די נייע געזעלשאַפטלעכע כוחות — וואָס רירן אַזוי יוגנטלעך אויף דאָס איינגעפונדעוועטע יידישע לעבן אין פוילן — זיינען מער ווי לאַבוסעוואַטע און אַפּיקורסישע שטיק וועלכע מען דאַרף פשוט איגנאָרירן. אַזוי האָט מען געטראַכט אין דעם אָפּגעשטאַנענסטן רבישן הויף אין פוילן, נעמלעך אין אַלעקסאַנדער. דאָרט האָט מען זיך נישט צוגעגלויבט, אַז עס האָט זיך עפּעס געענדערט. די אַלטע גוטע צייטן וועלן בלייבן עד סוף כל הדורות. מען דאַרף אין יידישן לעבן גאָרנישט טאָן סיידן זיך צו קריגן מיט גערער חסידים וועגן אַ שוחט צי וועגן אַ רב ערגעץ אין אַ שטעטל. אין גער האָט מען זיך אָנגעהויבן פּאַמעלעכל גרייטן. דער ערשטער וואָס האָט זיך גע־גרייט איז געווען דער „קליינער מענדעלע".

ער האָט עס געטאָן אויף אַן אופן ווי עס האָבן זיך אַמאָל נוהג געווען די יעזואיטן: פון איין זייט פאַרשאַרפן דעם פרומאַקישאַן פאַנאַטיזם און פון דער אַנדערער, פרואוון צו מאַכן פשרות און אַריינשטעלן אַ פוס אין דער נייער תקופה. מענדעלע האָט שאַרפער געמאַכט דעם רעזשים אין גער און אין גערער ישיבה. שאַרפער אָנגעהויבן זוכן טריף־פסולן ביי די ישיבה־בחורים און אַרויסוואַרפן די יעניקע וועלכע זיינען אָנגעשטעקט

מיט „אינדרויסן". מען האָט אַפילו אָנגעהויבן מקפיד צו זיין אַז אין גער גופא זאָלן חסידים טראָגן פּיאות. אָבער מחוץ גער האָט מען אַ קאַפּעטשקע אַפּגעלאָזט די לייצעס לויטן גייסט פון דער צייט, נישט געוואָלט אַרויסלאָזן די איניציאַטיוו פון דער האַנט, און אַרויסגעשיקט אַ ברעט אויף די שטורעמדיקע וואַסערן.

לייב וואָלנערמאַן אין פּראָווינצערישן בענדין, דער נגידיש־באַלעבעסלדיקער יונגערמאַן, וואָס האָט פון לכתחילה מער נישט געמיינט סיידן ווי אַ ביסל אויסצולאָדן זיינע שרייבעכישן אויף אַן אייגענער „בלאַט־ציטונג", האָט פּלוצעם באַקומען אַ פאַרטרוילעכן באַפעל צו קומען צום „קליינעם מענדעלע" קיין וואַרשע. וואָלנערמאַן האָט זיינע אויערן נישט בעגלויבט. עס האָט זיך אים קיינמאָל נישט געחלומט אַז זיין ערשטער נומער פון „הקול" וועט אַזוי שאַליק אַפּדונערן אין די העכסטע פענצטער פון דער ידישער פרומקייט אין פוילן. ער האָט טאַקע נישט באַלאַמוטשעט און געקומען קיין וואַרשע. מען האָט אים געהייסן קומען צו משהל פּריוועסן אין דירה און דאָרט וועט ער האָבן ביים „קליינעם מענדעלע" אַן אוידיענץ. דעם פּראָווינצער יונגערמאַן האָט זיך אין קאָפּ געדרייט פון די גרויסע נעמען צו וועלכע ער איז גערופן געוואָרן. ווען ער איז אַרויפגעקומען צו משהל פּריוועסן אין דירה האָט ער געטראָפן חדרים פולע מיט יידן. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. איינער פון די „אונטערגעשוירענע" מקורבים פון מענדעלען האָט באַמערקט דעם פרעמדן יונגנמאַן. עפּעס אַ פּנים־חדשות אין אַ נייעם נגידישן פּאַלטן וואָס קוקט מיט גרויסע חידושדיקע אויגן אויף דעם געטומל פון חסידישע יידן און אויף דעם געשושקעריי אין אַלע ווינקעלעך. ווען דער „אונטערגעשוירענער" האָט געהערט, אַז דאָס איז דער רעדאַקטאָר פון „הקול" איז ער גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די יידן, אַריינגעגאַנגען צו מענדעלען און דערציילט וועגן עס וואָרט.

צי מענדעלע האָטווירקלעך נישט געהאַט קיין צייט, צי עס האָט געהערט צו דער גרויסער דיפּלאָמאַטיע צו ווייזן דעם געזוכטן און אויסגעקוקטן רעדאַקטאָר, אַז ער מעג עס נישקשה האַלטן פאַרן גרעסטן כבוד, וואָס מען האָט אים געהייסן אַהערקומען פון בענדין. געוווג, מען האָט זיך אויף וואָלנערמאַנען נישט אומגעקוקט ווי ער וואָלט גאָר נישט עקזיסטירט. פּאַמעלעכל האָט זיך דער פּראָווינצערישער רעדאַקטאָר אָנגעהויבן

צוצוגעוויינען צו דער לאַגע און זיך צו פילן היימישער אין דער טומלדיקער פרעמדקייט אַרום אים. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצודרייען איבער די חדרים. אַגב איז ער נייגעריק געווען צו זען ווי עס וואוינען די פּריוועסעס. ווייניק האָט ער זיך פון זיי אָנגעהערט אין בענדין.

פאַמעלעכל האָט ער זיך פאַרבלאָנדזשעט צו מיר אין חדר. דערזעענדיק נאָך גאָר אַ יונגעטשקן יונגנמאַן, עפּעס אַזעלכן וואָס באַלאַנגט נישט צום טומל אַרום מענדעלען, האָט ער זיך צו מיר אויסגעשמייכלט. ער האָט מיר אויף זיין ווייכן און דייטשמערישן בענדינער יידיש אַ זאָג געטאָן ווער ער איז.

מיר האָט אַזש אַ פלאַם געטאָן אין קאָפּ. איך האָב געהאַט געלייענט דעם ערשטן נומער „הקול", און דאָס איז דער רעדאַקטאָר בכבודו ובעצמו. פאַר מיר האָט נאָך אַ רעדאַקטאָר געקלונגען מיט אַלע זיבן חנען פון אַן איבערמענטש. און דאָ איז די דאָזיקע הערלעכע חיה — וואָס האָט כסדר פול געמאַכט מיינע געדאַנקען ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין מיין שופלאָד מיט כתבים — מיר נישט דיר נישט זיך אַריינפאַרבלאָנדזשעט פשוט צו מיר אין די הענט. כ'האָב מיט גרויסע אויגן אָנגעקוקט לייב וואָלנערמאַנען. ער האָט פיזיאָנאָמיש נישט געשטימט מיט מיינע פאַרשטעלונגען וועגן אַ רעדאַקטאָר. סך־הכל אַ נגידישער יונגערמאַן מיט אַ געל נאַרישעוואַטע אויסגעפוצט בערדל. נאָר וואָס זאָגט אַ פנים, ווען דער דאָזיקער יונגערמאַן איז פאַרט אַ רעדאַקטאָר.

לייב וואָלנערמאַן האָט זיך צוגעזעצט צו מיין טיש און אָנגעהויבן מיט מיר צו שמועסן. איך האָב כמעט נישט געהערט וואָס ער רעדט, מחמת דער קאָפּ איז מיר געלעגן אין שופלאָד צווישן מיינע שריפטן. איך בין נישט דרייסט געווען אַרויסצוקומען מיטן לשון. איך האָב געוואוסט, אַז קעגנאיבער מיר זיצט דער מלאך־הגואל. נישט אַלע מאָל געשעען געלעגנהייטן און ניסים. טאָמער פאַרפאַס איך חס־ושלום דעם גינסטיקן מאָמענט, בלייב איך און מיינע שריפטן אויף אייביק שוין פאַרלוירענע. איך ווייס נישט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו מיר דער מוט. איך האָב פאַרט אַרויסגעבעבעט פאַר וואָלנערמאַנען וואָס עס ליגט אין מיין שופלאָד.

וואָלנערמאַנס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער האָט מיט גרויס האַפערדיקייט זיך געהייסן ווייזן די סחורה.

די הענט האָבן ביי מיר געציטערט פון גרויס אויפרעגונג. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דער דאָזיקער פרעמדער יונגערמאַן האַלט די וואָגשאָלן אויף וועלכע איך לייג אַרויף מיין לעבן.

איך האָב אַרויסגענומען טיילן פון מיינע שריפטן און זיי אים דער־לאַנגט. לייב וואַלנערמאַן האָט אין זיי אָנגעהויבן צו מישן. ער האָט קיין סך נישט געלייענט. באַלד האָט ער פאַנאַנדערגעשפּרייט די הענט און צו מיר אַרויסגעשריגן אויף זיין וויכן בענדינער יידיש, וואָס האָט אין וואַלנערמאַנס בשמחהדיקייט געקלונגען נאָך דייטשמערישער, אַז אַזאַ גאָלד־פויגל האָט ער אומזיסט געזוכט איבער פוילן. איצט איז ער אים אַריינגעפלויגן גלייך אין די הענט אַריין. איך וויס נישט צי וואַלנערמאַן האָט ווירקלעך געהאַט הנאה פון מיינע שריפטן. זיי זיינען געווען פאַר אים צו מאָדערן סיי אין דער שפּראַך און סיי אין אינהאַלט. וואַלנערמאַן האָט נאָך אינגאַנצן געשטעקט אין דער אַלטער מליצה און אין נחום סאָקאָ־לאָוו. אָבער די לויבענישן, וואָס האָבן זיך געגאָסן איבער מיין קאָפּ מיט דער גאַנצער פּראָווינצערישער איבערגעטריבנקייט פון אַ פּאַרצייטישן משכיל האָבן ביי מיר צוגענומען דעם אָטעם. אויך איך האָב געוואָלט אַרויפפאַלן וואַלנערמאַנען אויפן האַלדז און אים אויסקושן יעדעס בייני־דעלע. ער האָט אין מיינע אויגן באַקומען אַלע טויזנט חנען פון אַ גוטן און ליכטיקן מלאך.

מיר ביידע האָבן נישט געוואוסט ווי די צייט לויפט אַוועק. וואַל־נערמאַן האָט כמעט פאַרגעסן אַז דער „קליינער מענדעלע" לאָזט אים אָנ־מישנע לאַנג וואַרטן כדי אים צו ווייזן גרינגשעצונג און מינדערוויכטיקייט ווי אויך דעם גרויסן חסד וואָס מען האָט אים, דעם בענדינער יונגנמאַן, באַוויזן אים אַהער צו רופן קיין וואַרשע. ביי אַלע זיינע פאַרזיכטיקייטן האָט דאָך וואַלנערמאַן אָנגערופן חסידים „מורדי אור" און פינצטערלינגען און דער עיקר, אַז אין „הקול" איז נישט בנמצא קיין שום מיטאַרבעטער. מיר ביידע, וואַלנערמאַן און איך, הייסט עס, ווען מיר וועלן נאָר נעמען די פען אין דער האַנט וועלן מיר איבערקערן וועלטן און ווייזן ווער עס איז עלטער.

ווען איינער פון די „אונטערגעשוירענע" מקורבים איז ענדלעך אַריינ־געקומען און אַריינגערופן וואַלנערמאַנען צו מענדעלען, האָט זיך וואַל־נערמאַן גאָר אַ האַפּערדיקער אויפגעהויבן פון זיין שטול און זיך נגידיש־

לעך אַ גלעט געטאָן פאַרן געלן בערדל. ער איז אַהער געקומען צו מענדעלען מיט ליידיקע הענט, און אָט האָט ער מיטאַמאָל דריי טייז רויט: אַ מיט־אַרבעטער אין „הקול“, — און דאָס נישט סתם קיין מיטאַרבעטער, נאָר אַן איידעמל פון די פּריוועסעס און אַ לייבלעכער שוואָגער פון מענדעלען גופא. וואָלנערמאַן האָט זייער פּאָרזיכטיק געטראַכט אין זיינע שטילסטע מחשבות אַז ער וועט איצט ווייזן די גערער פינצטערלינגען ווער עס איז עלטער.

## קאַפּיטל ניין און דרייסיק

נחום טאַקאַלאָוו אין גער. די קלעפּ פון רעוואָלו־ציאָנערן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. וואָלנערמאַן נעמט אַרויס די טויז־טרומף, אָבער מענדעלע ווערט קנאַפּ נתפּעל. אַ שרייבער און אַ מאַרשאַליק. וואָלנערמאַן ווערט קינלטער. מען דרוקט מיין ערשטע זאַך נאָר מען וואַרפט מיר אָן אַ פּסעוודאָנים. דער בוימל שווימט אַרויס אויפן וואַסער די פּריוועסעס ווייזן נישט וואָס מיט מיר צו טאָן.

מענדעלע האָט זיך מיט וואָלנערמאַנען פאַרמאַכט אויף אַ לענגערער צייט און מיט אים אָפּגעהאַלטן זייער אַ געהיימנישפולע קאָנפערענץ. אויך מענדעלע האָט ס'ערשטע מאָל געהאַט צו טאָן מיט אַ רעדאַקטאָר, הגם ער האָט נחום סאָקאָלאָוון אַמאָל געהאַט געזען ביי זיין פאָטער דעם אַלטן גערער רבין. אָבער ווען סאָקאָלאָוו איז געווען אין גער איז מענדעלע נאָך געווען גאָר אַ יונג בחורל, און מען האָט בכלל קיינעם נישט צוגעלאָזט צום עקזאָטישן גאַסט וואָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער מלך מלכי המלכים פון אַלע אַפּיקורסים אין פוילן. דער גערער רבי האָט מיט סאָקאָלאָוון גערעדט געציילטע עטלעכע ווערטער ווי אַ גרויסער צדיק רעדט אַמאָל צו אַ דיבוק. צו וואָס סאָקאָלאָוו איז געקומען קיין גער ווייס איך נישט. דוכט זיך, אַז סאָקאָלאָוו איז געווען אַזוי נאַאיוו צו ווען פאַראַגיטירן דעם „שפת אמת" פאַרן ציוניזם. אין גער האָט מען סאָקאָלאָוון אויפגענומען בלויז דערפאַר ווייל בטעות האָט מען סאָקאָלאָוון באַטראַכט פאַר אַ קרוב למלכות. פאַר אַ קרוב למלכות האָט מען אין גער געציטערט פונקט ווי אין די פאַרצייטישסטע יאָרן. דוכט זיך, ביי דער דאָזיקער אויפדיענץ פון סאָקאָלאָוון ביים „שפת אמת" האָט אויך געמוזט ביי זיין דער גרויסער חסידישער קרוב למלכות ר' יואל ווערגמייסטער פון וואַרשע (ווערגן ר' יואלן אין די שפּעטערע קאַפּיטלען). ביי מלכות־זאַכן האָט מען תמיד אין גער געוואָלט האָבן ביי דער האַנט ר' יואל ווערגמייסטערן. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך.

איצט האָבן זיך די צייטן געביטן. די אַרבעטער־רעוואָלוציע האָט אַראָפּגענומען אַ סך פחד פאַרן מלכות אַפילו אין די אויגן פון די פאַר־

צייטישסטע חסידים. די קלעפּ פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָבן זיך געמוזט הערן אַפילו הינטער די פאַרשלאָסנסטע טירן. פאַר מענדעלען איז דאָ געזעסן נישט קיין שום יידישע באַרימטקייט נייערט אַ פּשוטער פּראָווינציעלער יונגערמאַן פון דער שטאָט בענדין. אַ באַלעבאַטישער יונגער־מאַן וואָס האָט בכלל אפשר נישט געהאַט קיין גרעסערע אַמביציע סיידן איינמאָל אַרויסצוגעבן אַ נומער מיט זיינע שרייבענישן, און האָט אַליין נישט געוואוסט אַז אין רעוואָלוציאָנערע תקופות קאָן מען מיט איין צו־פעליקן טריט אַרויסרופן אַ געזעלשאַפטלעכן כוח. וואָלנערמאַנס פּיאָנע־רישע (נישט פאַרדינטע) פאַרדינסטן פאַר דער מאָדערן־אָרגאַניזירטער אָרטאָדאָקסיע אין פוילן און פאַר דער שפּעטערער „אגודה" וועלן נאָך אַמאָל מוזן אָפּגעשאַצט ווערן.

אָבער פאַרט איז פאַר מענדעלען געזעסן אַ רעדאַקטאָר, און דער ערשטער רעדאַקטאָר פון אַן אָרטאָדאָקסישער צייטשריפט אין פוילן, אַזוי צו זאָגן, אַן „הצפירה" אויף אַ פּסחדיק טעלערל. איך האָב שוין אויבן דערציילט, אַז אין גער האָט מען זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן חשבון פון די געשעענישן וואָס קומען אָן און מען האָט אָנגעהויבן צו פירן די פּאָליטיק פון „צוויי הענט" — איינע נאָך מער אַ שטרענגערע און איינע וואָס באַמיט זיך אַרויסצושטעקן אַ פינגער צו די ווינטן פון דער נייער תקופה. וואָל־נערמאַן איז געווען אַ פערדל וואָס מען קען פּרואוון דערויף אַ רייט טאָן. אָבער מען דאַרף עס צוימען, מאַכן צו קליינגעלט און האַלטן עס צו וואָס און אַזוי לאַנג ווי מען באַדאַרף. מיט זיין שאַרפער פּקחות האָט מענדעלע באַלד דערטאַפּט דעם פאַרשוין, די פּראָווינצערישע לעמעשקע וואָס וועט גיין אין יעדן שפּאַן, אַבי נאָר מען זאָל אים לאָזן ביי זיינע רעדאַקטאָרישע אַמביציעס. וואָלנערמאַן איז אויפן אָרט אַרויס מיט זיין טויז־טריומף און דערציילט מענדעלען וואָסער אוצר ער האָט — מיר נישט דיר נישט — געפּאַקט וואָרטנדיק ביז מען וועט אים רופן. ער האָט געמיינט מענדעלען דערמיט צו אימפּאָנירן און צו ווייזן זיין כוח אין זיין בריהשאַפט צו כאַפּן מיטאַרבעטער פאַרן „הקול". אָבער וואָלנערמאַן איז געווען ווייניק מענטשן־קענער, — נאָך דערצו אויף אַזאַ חכמהדיקע און קאָמפּליצירטע פּערזענ־לעכקייט ווי דער „קליינער מענדעלע", — און ער האָט מיט זיין טויז־רויט גאָר נישט געוואָרפן די ריכטיקע קאָרט. מענדעלע איז ווייט נישט

געווען נתפעל פון דער דאָזיקער כשרער מציאה, און דאָס איבער עטלעכע טעמים:

אין די דעמאָלטיקע חסידישע קרייזן אין פוילן האָט קודם־כל „שרייבעריי" — אַפילו כשרע „שרייבעריי" — היפש געשמעקט מיט קאָ־מעדיאַנטישקייט. עפּעס אַזוינס ווי אַרויסשטעלן די אייגענע נאַרישקייטן פאַר אַלע עפנטלעכקייטן. דער דיכטער און דער מאַרשאַליק האָבן נאָך אויסגעזען ווי צוויי צווילינג־ברידער. עס איז מענדעלען לחלוטין נישט אָנגעשטאַנען צום כבוד צו האָבן אַ לייבלעכן שוואָגער אַ „שרייבער". צווייטנס — און דאָס האָט באַלאַנגט צו דער „טאָפּלקייט" פון מענדעלעס וועזן — ער איז געוואוינט געווען צו זיין אי די זון און אי די לבנה צווישן זיין סביבה, און בפרט צווישן דער משפחה פריוועס. דער מינדסטער שטערן וואָלט ביי אים צוגענומען אי רום, אי די צעפּיעשטשעטע אויפמערקזאַמקייט צו אים. מענדעלע האָט נישט געוואָלט האָבן קיין אַנדערע שטערן לעבן זיך. וויפל שרייבעריי איז נישט געלעגן אויף דער ליניע פון זיינע אַמ־ביציעס, און וויפל שרייבעריי איז — לויט אַלע אָנגענומענע טראַדיציעס — נישט קיין איבעריק גרויסער כבוד — פאַרט קאָן עס אַמאָל ברענגען רום און פּאָפּולאַריטעט. מענדעלע האָט נישט האַלט געהאַט מיט די אייגענע הענט זיך צו פאַרשאַפן קאָנקורענטן.

דריטנס — דאָס איז געווען אַ דיפּלאָמאַטישער מאָטיוו — איך בין סך־הכל געווען אַן אַלעקסאַנדערער חסיד. אַלעקסאַנדער איז די שטאַרקסטע קעגנערשאַפט קעגן גער אין פוילן. אַלעקסאַנדער באַמיט זיך אומעטום און איבעראַל אָפּצוטאָן גער אויף טערקיש. מען דאַרף דעם קעגנער קיינמאָל נישט געבן קיין שאַנס. אַפילו דעם ווינציקסטן און נישטיקסטן שאַנס.

ווען וואָלנערמאַן איז נאָך זיין לאַנגער אוידיענץ ביי מענדעלען ענדלעך אַריינגעקומען צו מיר אין חדר זיך צו געזעגענען, — האָב איך געזען אַז ער איז קעלטער געוואָרן צו מיין מיטאַרבעטערשאַפט. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז עס איז באַשלאָסן געוואָרן דעם „הקול" אַרויסצוגעבן אין וואַרשע. ער ווייסט נישט צי אין די ערשטע נומערן וועט ער קאָנען דרוקן מיינע זאַכן. ער האָט מיר געראָטן צוצוגרייטן קלענערע מאמרים און ער וועט זיך מיט אַלע זיינע קרעפטן באַמיען ביי דעם רעדאַקציע־קאָמיטעט — וועלכן מענדעלע האָט אים אָוועקגעשטעלט איבערן קאָפּ כדי אים צו האַלטן

אויפן אויג און אים צו בינדן די הענט — אַז סוף־כל־סוף זאָל איך קענען זיך דרוקן אויף די שפּאַלטן פון „הקול".

---

דער „הקול" האָט טאַקע אָנגעהויבן צו דערשײַנען אין וואַרשע אונטערן זיבן־גאָרנדיקן נאָמען „הקול קול יעקב". איך האָב וואָלנערמאַנען געגעבן אַ קלײנעם העברעאישן עסיי. ס'איז געווען אַ שטימונג־אויפזאַץ אין וועלכן ס'האָבן זיך היפּש פאַרזיכטיק און הינטער זיבן שלײערן אַדורכ־געריסן מײַנע סימפּאַטיעס פאַרן רעוואָלוציאָנערן יידישן אַרבעטער־קלאַס. וואָלנערמאַנען איז זײַער געפעלן געוואָרן דאָס לשון. די באַהאַלטענע טענ־דענצן זײַנען אַבסאָלוט פרעמד געווען זײַן פאַרצײַטיש־משכילישן גע־שמאַק. אָבער ער האָט שטאַרק געקעמפט אין רעדאַקציע אַז מען זאָל עס דרוקן. מענדעלע האָט זיך געקווענקלט. ווי עס זעט זיך אויס, איז אים מײַן אויפזאַץ געפעלן געוואָרן און ער האָט נישט געקאָנט בײַשטײן דעם נסיון. ער האָט מיט אַ שווער הארץ מסכים געווען. — אָבער מיט אַ שאַרפער צאַרישער האַנט אויסגעשטראָכן מײַן פולן נאָמען (יחיאל ישעיה טרונק) פון דער אונטערשריפט און אַלײן פאַר מיר צוגעטראַכט אַ פּסעוודאָנים „טייל". אַ פּסעוודאָנים מיט די איניציאַלן פון מײַן נאָמען. מען האָט בײַ מיר נישט געפרעגט קײן דעה. וואָלנערמאַן האָט מיר אַפילו נישט דער־ציילט פון דער גרויסער אָפּעראַציע. איך האָב מיך ווי עס איז איבער־געבעטן מיטן געשעענעם פאַקט און אָנגעהויבן צו דרוקן אין „הקול" אַ סעריע עסייען אונטערן נאָמען „מתוך פנקסי". איך האָב אַלײן אונטער־געשריבן דעם פּסעוודאָנים וועלכן דער „קלײנער מענדעלע" האָט מיר בגוואַלד אָנגעוואָרפן.

דער סוד איז נישט לאַנג פאַרבליבן אונטערן שטערצל. אַז אַן אײדעם פון די פּריוועסעס קאָן האַלטן אַ פּען אין האַנט און טרעט אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט — לאָמיר זאָגן אַפילו אין דער מאַסקע פון אַ „שפּאַ־צירער" (טייל) — אין יענע צייטן און לויט דעם נאָמען וואָס די משפחה פּריוועס האָט געהאַט צווישן פּוילישע יידן, איז עס געווען אַ גרויסע רע־וואָלוציע. סע האָט זיך נישט געפּאָרט מיט די פאַרשטעלונגען פון דער חסידישער טראַדיציע. דער „קלײנער מענדעלע" האָט געוואוסט פאַר־וואָס ער קווענקלט זיך. מען איז באַלד געוואויר געוואָרן דעם סוד אין בראָד ד"ה ווער עס איז דער „טייל". אין שטיבל בײַ די פּריוועסעס האָבן

די גרויסע פעטערס נישט געוואוסט צי זאָלן זיי ווערן צו מיר נאָך קעלטער, צי אפשר גאָר מיך אַ קאַפּעטשקע מקרב זיין און מיר ענטפערן „גוט שבת״. הערץ פּישמאַן האָט זיך צו מיר מער צוגעבונדן. עס האָט אים נישט געשמעקט וואָס איך שרייב לשון־קודש, נאָר — כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער — עס איז אַ רעוואָלוציע אין דער משפּחה פּריוועס און פון אַ שרייבער טראָגן זיך די ווינטן פון אַ פרייערער וועלט. אין אַלעקסאַנדער ביים רבין האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן אויף מיר קרום. אַיעדע נייקייט איז טריף־פּסול, אַפילו ווען מען דערלאַנגט זי מיט אַ כשרע פלאָמבע פון גער.

## קאַפּיטל פערציק

דער פעטער יאָסל. טראַכטן און טאָן ביי די טרונקס. אברהם גליקסמאַן קעמפט מיטן רבונו של עולם אויף טויט און אויף לעבן. אַשמדאי האָט זיך צעלייגט אין קוטנע ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. יאָסל כאַפּט פּעטש. חיים וואָדניק שווערט ביי אַ פּאָר תפילין אַז ס׳איז לית דין ולית דיין. דער לובלינער שידוך. יידן וואָס לאָזן זיך נישט בלאָזן אין דער קאַשע. דם־שונאים מיט לובלין. די לאַמס אין די פינצטערנישן פון זייערע נאַפּט־סקלאַדעס. לייזער לאַם פּאַטשט טאַ־טערן אין סאַמע באַקן. דער פעטער יאָסל צווישן די לאַמס. אַן אַלעקסאַנדרער חסיד קומט שמועסן חסידות נאָר ער כאַפּט אַן אָפּשניט פון יאָסלס שווער. דער פעטער יאָסל שניידט זיך אויף אַ דרך. יאָסל פּאָרט קיין אַמעריקע קויפן לאָמפּן פאַר לובלינער יידן. יאָסל דערציילט פון ניו־יאָרק און די לאַמס שטעלן לובלין אין טאַטנס טאַטן אַריין. פון די ניו־יאָרקער מאַשינען שפּרינגט אַרויס דער טייוול אינעם געשטאַלט פון אָנקל סעם — און ביים פעטער יאָסל ווערן אָפּ־געריסן הענט און פיס.

דער פעטער יאָסל, דער ייִנגסטער ברודער פון מיין פאָטער, איז נישט בלויז געווען דער ראַדיקאַלסטער פון זיינע ברידער, נייערט אויך דער טעמפּעראַמענטפולסטער און ענערגישסטער. די טרונקס, ווי אַ סך אינ־טעלעקטואַליסטן, האָבן געמאַכט אַ גוואַלטיקן חילוק צווישן דעם טראַכטן און דעם טאָן. זיי האָבן עס קיינמאָל נישט געוואָלט צוזאַמענפּאָרן. זיי האָבן נישט געהאַט דעם מוט צוצופּאַסן די ווירקלעכקייט צו דער אילוזיע פון געדאַנק. די פּרייזיניקע ראַציאָ וואָס האָט אָרגאַניש געשטעקט אין זייער וועזן איז אין דעם גאַנג פון זייער לעבן סוף־כל־סוף פאַרבליבן נישט מער ווי אַ בלוטלאָזער שאָטן אָן ווילן און אָן ממשות. יאָסל איז געווען דער פולשטענדיקער אויסנאַם צווישן די טרונקס. קוים איז אים געפעלן גע־וואָרן דער אַפּיקורסישער וועג פון דער מומע איטקע, האָט ער זיך באַלד דערויף געלאָזט מיט דער פולער פּאַרע. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קאָנפליקטן און קאָנסעקווענצן. ווילן אָן טאָט איז פאַר אים נישט געווען קיין עסק.

אין קוטנע איז אַנטשטאַנען אַ ראַדיקאַלער קרייז פון משכילים גאָר פון אַן אַנדערן שניט ווי אין די צייטן פון וואָלף לייב לערער. דער פירער פון דעם דאָזיקן קרייז איז געווען אַברהם גליקסמאַן (שפּעטער האָט ער מיטגעאַרבעט אין „היינט״). אַ קרייז, וואָס האָט אַלע יידישע פרומקייטן אָנגעזאָגט אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבן. אין קוטנע האָט מען דער־ציילט וועגן זיי מעשיות אַז ביי פרומע יידן האָבן זיך די האָר געשטעלט קאַ־פּויער. היינו: אַז זיי מאַכן ראש־חודש־סעודות פון סאַמע טריפה מילך און חזיר־פליייש. שבת איז די שטוב פון זייערע צוזאַמענקומענישן פול

מיט דעם רויך פון פאַפּיראָסן און ציגאַרן. יום־כפור מאַכן זיי גרויסע סעודות מיט חזיר און מיט יין־נסך. מען לייענט אויפן קול טריף־פּסול מיט ניבול־פּה און מען רעדט אויס על ה׳ ועל משיחו און אויף אַלע גדולי־התורה און גוטע־יידן. חוץ דעם פאַרזינדיקן זיי אַרגיעס מיט שיקסעס און מיט זונות. פּראָסט פּשוט — אַשמדאי האָט זיך צעלייגט אין קוטנע ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן און אברהם גליקסמאַן איז זיין געטרייער משמש. עס האָט נישט לאַנג גענומען און קוטנע האָט געקלונגען דערמיט, אַז מיין פעטער יאָסל, דער יינגסטער זון פון רב, איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי איינער פון די נאָענטסטע ידידים פון אברהם גליקסמאַן, טוט־מיט אַלע אַפּיקורסישע וויסטקייטן און מאַכט אויך צוזאַמען מיט די ליצנותן אויף יידישקייט און פרומקייט. דער זיידע ר׳ משהל האָט זיך תחילת גאָר נישט געוואָלט צוגלויבן, אַז די זאַכן זיינען בכלל מעגלעך, און אַז זיין יאָסל איז גאָר אַ שותף צו די דאָזיקע פּחדימקייטן — און אויב יאָ, פאַר־וואָס לאָזט זיך דאָס פייער פון הימל נישט אַראָפּ אויף קוטנער אַפּיקורסים און זיי האָבן נישט דעם שוואַרצן סוף ווי קורח בשעתו. יאָסל איז אָבער נישט געווען דער מענטש וואָס וועט עפּעס האַלטן בסוד. אין אַ בגילופנ־דיקער שטימונג האָט ער זיך אַרויסגעבאַפּט פאַרן זיידן אַז אַלע חסידים וואָס קומען צו אים אַריין זיינען קנאים און פינצטערלינגען. דער זיידע ר׳ משהל האָט יאָסלען אינמיטן דער בית־דין־שטוב דערלאַנגט צוויי פייערדיקע פּעטש. יאָסל איז געוואָרן נאָך אויפגערעגטער און האָט נאָך עפּעס געדרשנט — נאָר דער זיידע ר׳ משהל האָט עס שוין נישט געהערט. אין אַ צייט אַרום זיינען עטלעכע בית־המדרש־בחורים אַריינגעקומען צום זיידן ר׳ משהל אין דער בית־דין־שטוב און בלאַסע ווי די וואַנט אים דער־ציילט, אַז אַקערשט האָט זיך חיים וואָדניק — איינער פון אברהם גליקס־מאַנס לייט — אָוועקגעשטעלט אינמיטן בית־המדרש האַרט ביים באַלע־מער, די טישן אין בית־המדרש זיינען געווען באַלייגט מיט אויפגעמישטע גמרות, בחורים האָבן געשמאַק געלערנט, חיים וואָדניק האָט גענומען אַ פּאָר תפילין אין דער האַנט אַריין און אויפן הויכן קול אין אַלעמענס אויגן געשוואוירן, אַז די וועלט איז אַ קדמון און ס׳איז לית דינא ולית דיינא. דער זיידע ר׳ משהל האָט זיך געוואָלט רייסן קריעה און געזאָגט אַז אין קוטנע ברענט אַ פייער און יידן, פון קליין ביז גרויס שפּילן אַלע דאָ מיטן לעבן.

אַז דער זיידע ר׳ משהל האָט געזען, אַז מיטן פּעטער יאָסל האַלט עס גאָר ביטער האָט ער באַשלאָסן מיט אים אַ שידוך צו טאָן פון ווייטע מקומות. אַזש פון לובלין. אַבי וואָס ווייטער פון די קוטנער אַפּיקורסים.

מיטן לובלינער שידוך האָט דער זיידע ר׳ משהל געטראָפן פּונקט קאַפּויער ווי ער האָט געוואָלט. דער פּעטער יאָסל איז ערשט אין לובלין אַרויפגעקומען אויפן ריכטיקן וואַסער.

לייזער לאַם, וועלכן דער פּעטער יאָסל האָט באַקומען פאַר אַ שווער, איז געווען פון אַ משפּחה גרויסגעוויקסיקע האַרטע און טעמפּעראַמענט־פולע לובלינער יידן. יידן וואָס האָבן פיינט געהאַט בטלנים און באַנק־קוועטשער ווי די פּעסט. יידן וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט בלאָזן אין דער קאַשע און האָבן נישט געליטן קיין עוולה קעגן זיך. יידן וואָס האָבן געברענט פון געזונטקייט און לײדנשאַפט. אין לובלין האָט מען געזאָגט, אַז ווייבער ווערן מעוברת בלויז ווען די לאַמס קוקן אויף זיי. עס איז נישט קיין וואונדער וואָס די לאַמס האָבן נישט געקאָנט הויזן מיט לובלין און זיי זיינען זיך, די שטאָט לובלין מיט די לאַמס, געווען דם־שונאים. אויך זייער מסחר איז געווען אַ שאַרפער און אַ געזאַלצענער. זיי האָבן געהאַט גרויסע סקלאַדעס מיט נאַפט און הערינג. אויב די לאַמס זיינען נישט געווען אין גאַס אָדער אינדערהיים, זיינען זיי געזעסן אין די פייכטע פינצטערנישן פון זייערע סקלאַדעס. פינצטערנישן, וואָס האָבן עפּעס ווי געברענט פון די ריחות פון זאַלץ און נאַפט. אין די דאָזיקע פינצטערנישן האָט מען זיי גע־הערט שרייען אויף יידיש און אויף פּויליש. ווען די סעדער אַרום לובלין האָבן אָנגעהויבן צו ווערן האַרבסטיק און די נעכט לענגער, זיינען זיי, די לאַמס, געפאָרן קיין באַקו אין די נאַפט־גרובנס כדי צו קויפן נאַפט אויפן ווינטער — הגם קיין ייד האָט דאָרט אין באַקו נישט געטאָרט שטעלן קיין פוס — געכוסעט דאָרט מיט מלכות, געגעסן וואָס סע האָט זיך געלאָזט, און געפּאַטשט טאַטערן אין סאַמע באַקו טאָמער האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז עמעצער קוקט אויף זיי קרום. זיי האָבן געלאַכט פון אַלע וואוילע יונגען. פון אַ לאַמס אַ פּאַטש האָט אַפילו דער שטאַרקסטער גוי געזען די עלטער־באָבע. די לאַמס זיינען געווען גרעסער און ברייט־ביניקער פון אַלע לובלינער גויים און באַוויזן אויפצוהויבן אַ פאַס מיט נאַפט גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ פלעשעלע בראָנפן. נישקשה, די לאַמס האָבן זיך אָנגעזען אין לובלין. און הגם לובלינער יידן זיינען געווען מיט

זיי אויף מעסערס, האָבן פונדעסטוועגן אַלע יידישע שטובן אין לובלין געלויכטן פון לאָמס נאַפט.

אין אַט אַזאַ שטוב איז מיטאַמאָל אַריינגעקומען דער פעטער יאָסל. אַ שטוב וואו מען האָט קוים געזען אַ סידורל, און דאָס אַ צעפליקטס און אין וועלכן עס האָבן געפעלט גאַנצע בלעטלעך. די טליתים אין וועלכע די לאָמס האָבן געדאַוונט זיינען געווען צעריסן. די רצועות פון זייערע תפילין — אויסגעדריפעט און צעריבן, מחמת די שטאַרקע עראָטישע גופים פון די לאָמס האָבן נישט געליטן קיין פענטעס. זיי האָבן אָפּגעגעבן דעם רבונו־של־עולם זייער דאַוונען ווי זיי וואָלטן אים דערמיט געטאָן די גרעסטע טובה און ער זאָל מער זיי נישט דולן קיין קאָפּ און לאָזן צורו. וואָרעם זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט. דער טעמפּעראַמענט האָט כסדר געברענט אין זייערע הענט. אַפילו די ווייבער ביי די לאָמס האָבן גע־ברענט פון טאָט און זיי זיינען באַגלייך מיט די מאַנספּאַרשוינען געזעסן אין די בייסיקע פינצטערנישן פון די סקלאַדעס און געגישטערט מיט זייע־רע הענט אין די געזאַלצענע יזיכן פון די הערינג־פעסער און געגאָסן נאַפט. אין דער שטוביקער באַלעבאַטישקייט האָט מען זיך פאַרלאָזט אויף די דינסטן. און מען האָט זיך געקאָנט אויף זיי פאַרלאָזן. די דינסטן האָבן געוואוסט, אַז פאַר דער מינדסטער קלייניקייט וועט מען כאַפּן פייערדיקע פעטש פון דער באַלעבאָסטע מיט אירע טעכטער, אָדער אויסגעקנייפּט ווערן אויף בלוי פון די הונגעריקע און תמיד ליידנשאַפטלעכע מאַנס־בילן.

יאָסל איז מיטאַמאָל אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דעם געזונטן האָווע־רישן אימפעט פון די לאָמס ווי צווישן די רעדער פון אַ גרויסער רעשיקער פאַבריק. ס'איז דאָ נישט פאַראַן קיין אָפּשטעלעניש. מען מוז זיך מיט־דרייען. יאָסלען האָט דער דאָזיקער אימפעט פון אַ בלוטפולער ליידנשאַפט־לעכער ווירקלעכקייט אויסער־געוויינטלעך אימפּאָנירט נאָך די איידעלע טאַטלאָזע אינטעלעקטואַליזמען פון די טרונקס. דער זיידע ר׳ משהל האָט אַפילו אָנגעזאָגט די אַלעקסאַנדערער חסידים אין לובלין אַז זיי זאָלן האַלטן אויף יאָסלען אַן אויג און זען אַז ער זאָל זיצן ביי דער גמרא און אין שטיבל. נאָר דער זיידע ר׳ משהל האָט נישט געקאָנט די לאָמס. דער ערשטער אַלעקסאַנדערער חסיד וואָס איז אַרויפגעקומען צו יאָסלען און מיט אים געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס וועגן איידעלע ענינים, האָט אויפן

אָרט געכאַפּט אַן אָפּשניט פון יאָסלס שווער אַז ער זאָל קיינעם נישט דרייען קיין ספּאָדיק און אַז אים, לייזער לאַמען, נעמט בכלל אַן דאָס גרויסע חלשות צו קוקן אויף אויסגעבלאָסטע בטלנים און אויף מערידין־יידן. דער ייד האָט זיך אַ דערשראָקענער אָפּגעטראָגן, און געשריבן דעם זיידן ר׳ משהל, אַז יאָסלען איז שווער צו קריגן אין שטיבל אַריין. לייזער לאַם האָט יאָסלען אַריינגענומען אין זיינע סקלאַדעס און מירצעשעם ווען עס וועלן אָנקומען די גרויסע רעגנס וועט ער אים מיטנעמען קיין באַקו און וויזן ווי ער פּאַטשט טאַטערן. יאָסל האָט געקוואַלן און זיך דווקא געוואָלט חברן מיט לאַמס מקורבים, וואָס זיינען געווען פּונקט אַזעלכע ברענענדיקע יידן ווי לאַם, האָבן גאָר קנאַפּ געהאַלטן פון יידישקייט. גיכער זיך צו־געהאָרכט צו די איינשעפּטשענישן פון יצר־הרע און נישט איינמאָל אויף טשעקאָוועסט אַ פּאָר געטאָן קיין וואַרשע כדי צו בייטן די מערכה און טועם צו זיין די וואַרשעווער שיקסעס.

ס׳זיינען פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע יאָר. דער פעטער יאָסל איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער פאַרקאָכט אינעם מסחר מיט נאַפט און אין די התנהגותן פון די לאַמס אין גאַס און אין שטוב. דער שווער לייזער לאַם האָט אים ענדלעך אַ שאַרפן קלאַפּ געטאָן אויף דער פּלייצע און געזאָגט, אַז הגם ער, יאָסל, שטאַמט פון כניאַקעס, פונדעסטוועגן שניידט ער זיך אויף אַ דרך. דער פעטער יאָסל האָט שטאַרק געהאַלטן פון לאַמס קאָמפּלימענטן. מיט־אַמאָל האָט ער געלייענט אין אַ ציייטונג אַז אין אַמעריקע האָט מען דער־פונדן נייע נאַפט־לאָמפּן, וואָס ברענען העלער און ליכטיקער ווי אַנדערע נאַפט־לאָמפּן. דער פעטער יאָסל האָט נישט לאַנג געבריייעט און געזאָגט דעם שווער אַז אַט כאַפּט ער זיך אַריבער קיין אַמעריקע אַ קוק צו טאָן צי מען קאָן מאַכן מסחר מיט די דאָזיקע נייע דערפינדענישן און זיי ברענגען קיין לובלין. זאָל ביי לובלינער יידן אויך אַמאָל ווערן ליכטיק ווי אין אַמעריקע. דער שווער האָט געזאָגט, אַז די לובלינער זיינען עס אַפילו נישט ווערט און זיי זיינען נישט קראַנק צו זיצן וואו עס איז טונקעלער, נאָר פונדעסטוועגן כאַפּט זיי דער וואָטנמאַכער בעת עס גייט וועגן אַ קערבל. דער פעטער יאָסל האָט זיך אָנגעהויבן מכין צו זיין צו דער גרויסער נסיעה איבערן אַטלאַנטישן ים. ווען דער זיידע ר׳ משהל אין קוטנע האָט דערהערט אַז יאָסל קלייבט זיך קיין אַמעריקע האָט ער אים געשריבן אַ בריוו, אַז ער, דער זיידע ר׳ משהל הייסט עס, איז בשום

אופן נישט מסכים אויף דער נסיעה. קיין שום ערנטלעכער ייד פאָרט נישט אַהין אין קאָלאָמבוסעס מדינה, סיידן שניידער־יונגען און אַנזעצער. ווען דעם זיידן ר׳ משהלס בריוו איז אָנגעקומען קיין לובלין איז שוין יאָסל געזעסן אויף דער שיף און געשווימען איבערן אַטלאַנטיק. ניו־יאָרק האָט יאָסלען אויסערגעוויינטלעך אימפּאָנירט. ער האָט געזען, אַז דער גאַנצער טעמפּעראַמענט פון די לאַמס איז נישט מער ווי אַ קליינער פונק פון דעם גרויסן פלאַם, וואָס פלאַקערט אין ניו־יאָרק. ער האָט געקויפט די נייע מאַשינען צו מאַכן ליכטיקערע נאַפט־לאָמפּן און מיט זיי צוריק געפאָרן קיין לובלין. במשך די עטלעכע וואָכן וואָס ער האָט נאָך געלעבט נאָך דער אַמעריקאַנער נסיעה, האָט אים נישט אויפגעהערט צו הוזשען אין קאָפּ דאָס אייביקע געהאַוועניש אין ניו־יאָרק, די וואָלקנקראַצער, צו וועלכע מען מוז אויפרייסן די קעפּ כדי זיי אָנצוקוקן, און דאָס טייוולאַנישע געלויף פון די עלעוויי־טעדס אין דער הויך איבער די גאַסן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו דערציילן און די לאַמס האָבן געהאָרכט און געקוואָלן און געשאָלטן לובלין אין טאָטנס טאָטן אַריין. יאָסל האָט זיך גענומען אויפצושטעלן די אַמעריקאַנער מאַשינען און צו ווייזן לובלינער יידן וואָס הייסט זיצן אין דער ליכטיקייט. ער האָט נישט געוואָלט באַנוצן קיין לובלינער מעכאַניקער, וואָרעם ער האָט געזאָגט אַז מ׳ט די אַמעריקאַנער מאַשינען ווייסט ער זיך בעסער אומצוגיין ווי אַלע לובלינער כניאָקעס. איך ווייס נישט וואָסער טייוול האָט עס געשטעקט אין די ניו־יאָרקער מאַשינען, מחמת בעת יאָסל האָט זיך ביי זיי געפּאָרעט האָבן זיי עקספּלאָדירט מיט אַזאַ געוואַלד אַז לובלין האָט טאַקע געציטערט, אָבער דערביי זיינען ביים פעטער יאָסל אָפּגעריסן געוואָרן ביידע הענט און ביידע פיס, און ער איז געשטאָרבן אין גרויסע מאַטערנישן און יסורים.

נאָר איך וויל נישט פאָראויסלויפן די געשעענישן.

# קאַפּיטל איין און פערציק

די הימלישע טאָכטער „השכלה ודעת". „דיינע שריפטן האָבן געפונען חן און חסד אין די אויגן פון פּרצן". טרונק! איך קריג פון פעטער יאָסל דעם אמתן גאָב. דער פעטער יאָסל קומט קיין ווארשע מיט מיר אַרויפצוגיין צו פּרצן. אַן אויטאָביאָגראַפישער ראָ־מאַן אויף העברעאיש.

דער פעטער יאָסל האָט טאַקע נישט געוואָלט אַריינשמעקן אין אַלעק־סאַנדערער שטיבל, דערפאַר האָט ער מיטגענומען פון קוטנע אַלע התלהבותן זיינע פאַר השכלה און ליטעראַטור. אין די פרייערע מינוטן האָט ער אַליין אַמאָל געפּרואווט אַ שרייב טאָן אַ העברעאישן שיר מיט לויבענישן פאַר דער ליכטיקייט פון דער הימלישער טאַכטער „השכלה ודעת״ און מיט די שאַרפסטע פיילן קעגן אַלע פינצטערע מורדים אין דער ליכטיקייט. לובלינער משכילים האָבן גלייך דערשפּירט דעם אָנגעקומענעם חבר וואָס באַלאַנגט צו זיי מיט לב ונפש, הגם ער איז אַן אייניקל פון די גרעס־טע פּוילישע רבנים און גוטע־יידן. דער דאָזיקער רענעגאַט האָט דער־פאַר זיי נאָך שטאַרקער אימפּאָנירט. אין לובלינער משכילישע קרייזן האָט מען אים אָנגעהויבן מקרב צו זיין און ער איז געווען דאָרט עפּעס אַזוינס ווי דער ליבלינג. מען האָט געגרינדעט אין לובלין אַ „הזמיר״ — פאַרשטייט זיך, דער פעטער יאָסל איז געווען דאָרט דאָס אויבערשטע פון שטויסל. אַלע זיינע גייסטיקע אַמביציעס האָבן זיך צעבליט ווי בלומען אויף דער זון.

מיטאַמאָל באַקום איך פון פעטער יאָסל אַ בריוו — נישט מער און נישט ווייניקער: דער גרויסער שרייבער י. ל. פּרץ איז געקומען פון וואַרשע קיין לובלין צו האָבן אַ פאָרלעזונג אין „הזמיר״, און ער, דער פעטער יאָסל, האָט אים געוויזן מיינע עסייען אין „הקול״. דער פעטער יאָסל איז גריילעך נישט געווען צופרידן וואָס איך דרוק מיך אין אַ „פינצטער״ בלאַט, נאָר אַ געדרוקט וואָרט איז פאָרט אַ געדרוקט וואָרט. כ׳ווייס נישט וואָס פּרץ האָט ווירקלעך געהאַט געזאָגט וועגן מיינע שאַפונגען אין

„הקול". דער פעטער יאָסל האָט מיר געשריבן: „כתביך מצאו חן וחסד בעיני הסופר הגדול מר י. ל. פרץ", ד"ה מיינע שריפטן האָבן געפונען חן און חסד אין די אויגן פון פרצן. איך האָב מיינע אויגן נישט געגלייבט לייענענדיק. דער בריוו איז פאַר מיר געווען אַ גוואַלטיקער שאָק. בפרט, ווען דער פעטער יאָסל האָט מיר צוגעשריבן אַז ער האָט פרצן דער־ציילט, אַז איך האָב ליגן אַ סך בעלעטריסטישע כתבים און פרץ האָט אים געזאָגט איך זאָל אַרויפקומען צו אים אין וואַרשע און זיי אים ווייזן. כ'האָב געמיינט, דער סופיט אין מיין שטוב האָט זיך געעפנט איבער מיין קאָפּ און אַלע ליכטיקע מלאכים קוקן צו מיר אַריין דורכן דאַך. פרצעס נאָמען איז פאַר מיר דאָן געווען ווי עפּעס אַ זאַך צו וועלכער מען קאָן גאָר נישט דערגרייכן. וואָס הייסט, כ'וועל אַליין אַרויפגיין צו פרצן? ביי אַלע מיינע פאַרשטעלונגען און גליקלעכע חלומות, וואָס האָבן זיך אין מיר צעברענט אין דעם באַוואוסטזיין פונעם געדאַנק אַז אין פרצעס קאָפּ פאַרנעמט אויך אַן אָרט מיין נאָמען — האָט מיר געפעלט דער מוט צו טאָן דעם געוואָגטן שריט צו וועלכן מיין ווילן האָט מיך געריסן.

איך האָב באַלד געשריבן אַ בריוו צום פעטער יאָסל אַז באשר בכן נישט געקוקט דעריף וואָס ער האָט מיר מיט זיין בשורה אונטערגעטראָגן אַלע חנען, קאָן איך מיך פאָרט נישט אַנטשליסן אַליין אַרויפצוגיין צו פרצן. אפשר האָט ער אינצווישן פאַרגעסן די גאַנצע מעשה און איך וועל גלאָט צו אים קומען כעני בפתח. פרץ וועט צומאָל נישט וועלן אַ קוק טאָן אויף מיר.

דער פעטער יאָסל האָט מיר צוריקגעשריבן אַ בריוו אַז איך זאָל נישט מאַכן די טרונקישע שטיק. איך וואָלט נאָר באַדאַרפט צו זיין אין שעה צוזאַמען מיט זיין שווער לייזער לאַם און ער וואָלט פון מיר אַרויסגעקלאַפּט די אַלטע בטלנישע איידלקייטן פון קוטנער יחוס, גלייך ווי מען קלאַפּט אויס דעם שטויב פון אַן אַלטן טעפּיך. נאָר ער זעט דאָך — און ער קאָן די משפחה טרונק — אַז מיט בריוו וועט ער מיט מיר גאָר נישט מאַכן. איך וועל ווייטער בלייבן דאָס ציטערדיקע זיידענע יונגערמאַנטשיקל וועלכן מען מוז כסדר האַלטן צווישן וואַרעם־פלאַשן. דערימאַך, האָט ער, דער פעטער יאָסל, ביי זיך באַשלאָסן, אַז וויבאַלד ער וועט זיך נאָר אַ ביסל באַפרייען פון די ברענענדיקע מסחרים ביי די לאַמס וועט ער קומען קיין וואַרשע און מיט מיר אַריבערגיין צו פרצן. סיי־ווי באַדאַרף ער זיין

אין וואַרשע און איינקויפן ביכער פאַר דער ביבליאָטעק פון לובלינער „הזמיר“. ער וועט שוין אינאיינוועגס זיך אַריבערכאַפּן אין דער וואַרשע־ווער אָפּערע, מחמת עס בענקט זיך אים סכנות צו גוטער מוזיק און צו גוט געזאַנג. ווען איך וואָלט נישט געווען אַזאַ אײדעלער כּניאָק וואָלט איך באַדאַרפט אַ שפּיי טאָן אויף אַלע חסידים און טראַדיציעס און מיט אים מיט־גיין אין דער אָפּערע. איך וואָלט ערשט געזען וואָס עס הייסט די גרויסע וועלט און דאָס שיינע און פרייע לעבן. נאָר ער ווייסט פון פאָראויס אַז עס וועט מיר פעלן דער מוט, און ווער ווייסט צי איך בין נישט קיין פאַר־פאַלענער. סיידן אַ שיקסע וואָלט מיך געקאָנט אַרויספירן אויף אַ מענטש־לעכן דרך. אַזוי האָט דער פעטער יאָסל צו מיר געשריבן אויף אַ משׂכּילישן מליצהדיקן לשון־קודש, דערביי געגעבן אין טאָטן אַריין אַלע קנאים און פינצטערלינגען, און מיך געהייסן צוגרייטן מיינע בעסטע כּתבים כּדי זיי מיטצונעמען ווען מיר וועלן ביידע אַרויפגיין צו פּרצן.

איך האָב מיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויפן פעטער יאָסלס קו־מען און געציילט די שעהן. אין קאָפּ איז מיר אַלצדינג געגאַנגען אויף רעדלעך. ווי פאַר יעדער גרויסער דערוואַרטונג האָבן זיך אין מיר געמישט די ליכטיקסטע האָפענונג און די טונקלסטע שרעק. איך האָב גענישטערט אין מיינע כּתבים אויסצוקלייבן וואָס מיטצונעמען פאַר פּרצן. איך האָב שוין דאַן געשריבן יידיש, אָבער מיר איז אויסגעקומען אַז דאָס בעסטע וועט זיין מיטצונעמען מיין גרויסע העברעאישע דערציילונג וואָס איך האָב געהאַט אָנגעשריבן. אַ דערציילונג עפּעס אַזוינס ווי אַן אויטאָביאָ־גראַפישער ראָמאַן וואוהין כ׳האָב אַריינגעלייגט אַלע מיינע איבערלעבע־נישן, איבערלעבענישן פון אַמאָל און פון היינט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, דאָס וועט זיין דאָס בעסטע פענצטער דורך וועלכן איך וועל פּרצן לאָזן אַריינקוקן אין מיין וועזן.

## קאַפּיטל צוויי און פערציק

דער פעטער יאָסל טוט כסדר דעם רבונו של עולם אויף טערקיש. דער גאַנג צו פרצן. פרצעס הויז אויף צעגלאַנע נומער איינס. ערב פרץ. פרץ עפנט די טיר. ביי פרצן אין קאַבינעט שמעקט פאַר מיר מיט אַלע מוזעס. „אַנו יונגערמאַן, ווייזט וואָס איר האָט". פרץ בלעטערט אין מיינע שריפטן און זאָגט, אַז איך קאָן נישט קיין העברעאיש. פרץ לייענט „קין און הבל".

נאָך עטלעכע טעג אין אַ שפּעטן פֿאַרמיטאָג איז טאַקע דער פּעטער יאָסל צו מיר אַרויפֿגעקומען. ער איז געקומען גאָר אַ האָפּערדיקער און אָן אָנגעטוענער אין אייראָפּעאישע מלבושים. הגם אַ פֿאַלנער „דייטש", האָט דער פּעטער יאָסל פֿאָרט אויסגעקוקט ווי אַ ישיבה־בחור וואָס האָט זיך פֿאַרשטעלט לכבוד פּורים. די קוטנער רבנישע שטוב האָט נישט אַזוי לייכט געוואָלט אַראָפּקריכן פֿון זיין פּיזיאָנאָמיע. כ'האָב געזען ווי ער האָט זיך געלאָזט וואַקסן גרויסע נעגל אויף די הענט. מן־הסתם אָפּצוטאָן דעם רבונו־של־עולם אויף טערקיש וואָס ער שניידט זיך נישט די נעגל אַלע פֿרייטיק ווי ער איז עס געוואוינט געווען צו טאָן אין קוטנע. אפֿשר האָבן די לאָמס געטראָגן גרויסע נעגל. דער פּעטער יאָסל האָט כסדר געוואָלט ווייזן, אַז ער באַלאַנגט מער צו די לאָמס ווי צו די טרונקס. די אַלע מעגלעכקייטן זיינען מיר אַדורכגעפֿלויגן דורכן קאָפּ. דער פּעטער יאָסל אָבער איז געווען ביי זיך זייער אַ האָפּערדיקער. ער האָט מיר דערציילט אַז ער האָט שוין אַלצדינג באַזאָרגט פֿאַרן לובלינער „הזמיר". נעכטן אויפֿדערנאַכט איז ער געווען אין דער אָפּערע און שפּעטער אין אַ קאַ־באַרעט, וואו עס האָבן געטאַנצט נאַקעטע שיקסעס און געזונגען לוסטיקע און געפֿעפֿערטע קופּלעטן. נאָר וואָס ווייסט אַזאַ טרונקישער כּניאָק ווי איך. דערוויייל איז ער געוואויר געוואָרן אַז פּרץ נעמט אָן פֿון פֿיר נאָכ־מיטאָג. איך זאָל מיך גרייטן מיט אים אַרויפֿצוגיין צו פּרצן און צי איך האָב עפּעס אויסגעקליבן אויף מיטצונעמען. ער, דער פּעטער יאָסל, בלייבט נאָך צוויי טעג אין וואַרשע. אויב איך וועל זיין אַ מענטש וועט ער מיך מאָרגן מיטנעמען אין אַ „קינאָ" און ווייזן עפּעס פֿון דער שיינער וועלט.

אין טעאַטער אַריין וויל ער מיר נישט אָנשלאָגן צו גיין. ער ווייסט פון פאַראויס אַז מיר וועט פעלן דער מוט צו טאָן אַזאַ רעוואָלוציאָנערן שריט און איינצורייסן מיט די חסידאַקעס.

עס האָט אָנגערוקט פיר אַזייגער. דער פעטער יאָסל האָט אַ זאָג געטאָן אַז מיר דאַרפן גיין.

כ׳האָב געפילט ווי איך ווער בלאַס און די הענט ציטערן מיר. איך האָב איינגעפאַקט מיין דערציילונג אין אַ בלאַט־צייטונג, און מיר זיינען אַראָפּגעגאַנגען אויפן גזשיבאָוו.

פונעם גזשיבאָוו ביז צעגלאַנע 1 וואו פרץ האָט געוואוינט זיינען נאָר געווען עטלעכע גאַסן. אַ מהלך פון אַ קנאַפּע פערטל שעה. נאָר דעם דאָזיקן אַנטשיידנדיקסטן גאַנג אין לעבן מיינעם קאָן איך נישט פאַרגעסן ביז היינט צו טאָג. אפילו אין עטלעכע און דרייסיק יאָר שפּעטער ווען איך בין געגאַנגען איבער אָט־אָ די גאַסן פלעגט מיר דאָס האַרץ קלאַפּן אין דערינערונג פון יענעם אויסטערלישן גאַנג. תמיד פלעג איך מיך דער־מאָנען אין די טראָטואַר־שטיינער, אין אַ געוויסער גאַז־לאָמפּ, אין אַ צייטונג־קיאָסק, און אין יעדער קלייניקייט, וואָס איז מיר דעמאָלט געפאַלן אין אויג אַריין. פאַרן טויער פון טוואַרדע 10 וואו עס איז געווען דאָס אַלעקסאַנדערער שטיבל, האָב איך אַריינגעקוקט אינעם לאַנגן הויף אַריין ווי איך וואָלט מיך געוואָלט געזעגענען מיט די מענטשן דאָרט אויף תמיד.

דער גאַנג מיטן פעטער יאָסל צו פרצן האָט ביי מיר אויסגעקוקט ווי אַן אייביקייט.

אויפן ראָג טשעפּלע און צעגלאַנע זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען די גאַס. אַ גרויסער פאַבריק־קוימען האָט אַרויסגעשטאַרצט פון רויטע מויערן — און קעגנאיבער איז געשטאַנען אַ גרויס רחבותדיק הויז וואָס האָט אויס־געקוקט ווי אַ קאַזאַרמע מיט אַ סך פענצטער. מיר זיינען צוגעגאַנגען צום טויער. אין קעגנזאַץ צו אַלע וואַרשעווער הייזער איז דאָס טויער שט[illegible] געווען פאַרמאַכט — און עס האָט פאַר מיר אויך עפּעס געשמעקט מיט דער געהיימניספולקייט פון פרצעס פערזאָן. מיר זיינען אַריינגעקומען אין אַ קליינעם און שטילן הויף. עטלעכעביימער זיינען געוואַקסן אין דער מיטן. אויך די דאָזיקע ביימער אין דער שטילקייט פון אַ וואַרשעווער הויף האָבן פאַר מיר אויך עפּעס געהאַט פון דיכטונג און פון פרץ. פרץ האָט געוואוינט אין אַ זייטן־איינגאַנג.

מיר זיינען אָריינגעקומען אין אַן אַלט און זייער זויבער טרעפּן־הויז. די זויבערקייט איז געווען אַ גויישע און עפּעס אַזוי ווייט פון גע־ווייטלעכן וואַרשע. די טרעפּ זיינען געווען ציכטיקע שמאָלע און גע־דרייטע. אויף די טרעפּ איז געווען גאָר שטיל ווי קיינער וואָלט אויף זיי קיינמאָל נישט געגאַנגען און קיינער וואָלט אין יענעם הויז נישט גע־וואוינט. אַלצדינג האָט פאַר מיר געשמעקט ווי ערב פּרץ. איך האָב גע־פילט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר ווי אַ האַמער און איך ווער בלאַס. ווען מיר זיינען געגאַנגען אויף די טרעפּ האָט זיך מיר געוואָלט, אַז עס זאָל זיך ציען און ציען. אין מיין אומרואיקייט האָב איך כסדר געוואָלט דערוויטערן פון מיר יענעם גרויסן מאָמענט צו וועלכן מיינע פיס טראָגן מיך.

אויפן צווייטן שטאָק זיינען מיר שטיין געבליבן פאַר אַ קליין היל־צערן הייזל וואָס איז געווען ווי צוגעקלעפּט צו דער וואַנט. פון דער טיר האָט העל אַראָפּגעלויכטן אַ מעשן בלעטל אויף וועלכן ס'איז מיט גרויסע יידישע אותיות געווען אויסגראַווירט „י. ל. פּרץ מקבל משעה 3 עד שעה 4". ביי דער טיר האָט געהאַנגען אַ גלאָק אויף צו ציען, ווי אין פאַר־צייטישע הייזער.

דער פעטער יאָסל האָט געטאָן אַ צי ביים גלאָק. פון הינטער דער טיר האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער הייזעריקער קלאַנג. מיר איז פּלוצעם אַדורכגעפלויגן אַ געדאַנק אין קאָפּ אַראָפּצולויפן פון די טרעפּ און אי־בערצולאָזן דעם פעטער יאָסל אַליין. פון אינעווייניק הינטער דער טיר האָט זיך געהערט אַ שליסן. די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען י. ל. פּרץ.

איך האָב פּרצן אַמאָל געהאַט געזען פונדערווייטנס. אין דער לאַנגער טונקעלער פּעלערינע און אין ווייכן פילצענעם קאַפּעליוש איז ער מיר אויסגעקומען ווי ער וואָלט געווען אַ הויכער. איצט איז פאַר אונדז גע־שטאַנען אַ נידעריקער דיקלעכער מאַן, מיט גראָלעכע קורץ־געשוירענע האָר. לאַנגע געלע וואָנצעס האָבן אים פאַרדעקט דאָס מויל. די שפּיצן פון די וואָנצעס האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער זיינע מויל־ווינקלען און אים געציטערט אויף די באַקן. פּרץ איז געווען אָנגעטאָן אין אַ סאַ־מעטענער קורטקע. דער קאָלנער פון העמד איז אים געווען לויז און גע־וויזן אַ קורצן דיקלעכן האַלדז. ער האָט געטראָגן בינאָקלעס, נאָר די גלע־

זער פון די בינאָקלעס זיינען געווען איבערגעשניטן אין דער העלפט. ער האָט צו אונז אויפגעהויבן אַ פּאָר ווייכע ליכטיקע אויגן, און געפרעגט אויף פּויליש וואָס מיר ווילן. באַלד האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט. ער האָט דער־קענט דעם פּעטער יאָסל און איז איבערגעגאַנגען אויף יידיש.

— דאָס איז דער יונגערמאַן פון וועלכן איר האָט מיר דערציילט אין לובלין? האָט פרץ געפרעגט און מיך אָנגעקוקט. איך בין געגאַנגען אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אין אַ טוכן יידיש היטל. עס איז מיר שוין גע־וואַקסן אַ קליין געלבלעך בערדל. פרץ האָט דערזען אין מיין האַנט אַ פּעקל איינגעפּאַקט אין אַ צייטונג — און ער האָט זיך אויסגעשמייכלט. קומט אַריין ווייטער, האָט ער געזאָגט.

פרצעס שטוב האָט מיך געוואַלדיק איבערראַשט. וואָרעם אַלצדינג אין פרצן איז ביי מיר אויסגעקומען פול מיט פּאָעזיע און באַרימטקייט. פרצעס קאַבינעט איז געווען אַ גרויס ליכטיק צימער. הגם די פענצטער זיינען געווען אַלטמאָדישע, מיט קליינע שויבן און לופטשיקעס און האָבן אין זיך געהאַט עפּעס פון דאָרפישקייט. אין מיטן דער שטוב זיינען גע־שטאַנען אין גרויסע הילצערנע עמערס צעוואַקסענע אַלעאַנדער־ביימער, וואָס האָבן געהאַלטן אין בליען און האָבן פול געמאַכט פרצעס שטוב מיט פלאַמיקער רויטקייט, אַ רויטקייט, וואָס איז ווי פייכט געווען אין דער ליכטיקייט פון דער אַריינשיינענדיקער זון. פון די פענצטער אין פרצעס קאַבינעט האָט זיך געוויזן דער רחבותדיקער הימל, מחמת דער קעגנאיבער איז נישט געווען פאַרמויערט, נאָר דער הויכער פאַבריק־קוימען האָט זיך געצייכנט אין דער לופטן פונקט אַקעגנאיבער דעם פענצטער, וואו פרץ האָט געהאַט שטיין זיין שרייב־טיש. אויפן שרייב־טיש זיינען געווען אָנגעשטעלט גרויסע וואַזאַנען מיט בלומען, וואָס האָבן כמעט פאַרשאָטנט אַלצדינג וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש און עס האָט אויסגעקוקט גלייך ווי אויף פרצעס שרייב־טיש וואַקסט אַ צעשמעקטער בלומען־גאָרטן. די ווענט אין פרצעס קאַבינעט זיינען געווען געדיכט באַהאָנגען מיט אַ סך צייכענונגען ווי אויך פאָטאָגראַפיעס, צווישן זיי האָבן געהאָנגען עטלעכע אייל־פאָרטרעטן וואָס פאַרשיידענע מאָלער האָבן געמאָלן פרצן אין אַלער־ליי פּאָזעס.

אין דער נאַאיוויטעט פון מיינע געפילן האָט אַלצדינג דאָ געשטימט

מיט מײַנע לעגענדאַרישע פֿאַרשטעלונגען װעגן פּרצן. דאָ שװעבן טאָקע די מוזעס, און נאָר פּרץ קאָן אַזױ װאָרינען.

פּרץ האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און אויך אונז געהייסן זיך זעצן. די בלומען אויפֿן טיש האָבן פֿאַרשיכורט מיט זייערע ריחות. פּרץ האָט אַ װײַז געטאָן אויפֿן פּעקל, װאָס כ׳האָב געהאַלטן אין דער האַנט און געזאָגט:

— אַנו יונגערמאַן, װײַזט װאָס איר האָט.

איך האָב אים אַ נישט דרײַסטער דערלאַנגט דעם דיקן העפֿט מיט מײַן אָנגעשריבענער דערציילונג. פּרץ האָט עס גענומען, אויפֿגעמישט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן איבער די באַשריבענע זײַטן און אָנגעהויבן לייענען.

אין דער שטוב האָט געהערשט אַ שטילקייט. דער פּעטער יאָסל האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אויף די געמאָלטע פּאָרטרעטן פֿון פּרצן אין װעמעס שאַרפֿע קאָלירן עס האָבן זיך אויסגעמישט די ליכטיקייטן פֿון דער אַרײַנשײַנענדיקער זון. איך בין געזעסן װי אָן אָטעם. איך האָב אַלע איניציאַטיװעס און װילנס אַרױסגעגעבן פֿון דער האַנט און ס׳האָט מיך באַהערשט די אַפּאַטיע פֿון אַ טיפֿער אינערלעכער אויסגעלײדיקטקייט. פּרץ האָט אין מײַן העפֿט נישט געלייענט כסדר. ער האָט אַ ביסל געלייענט אויף אַ בלאַט, איבערגעמישט עטלעכע בלעטער און דאַן װידער געלייענט.

פּלוצעם האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן פֿון איבער די אויף דער העלפֿט צעשניטענע ברילן. ער האָט צוגעמאַכט דאָס העפֿט און עס אַװעקגעלייגט אין דער זײַט.

— איר האָט אינטערעסאַנטערע געדאַנקען װי... (דאָ האָט ער אָנגערופֿן אַ נאָמען פֿון אַ באַקאַנטן ייִדישן שריפֿטשטעלער) נאָר איר קאָנט נישט קיין העברעאיש. איר טראַכט אויף ייִדיש און זעצט זיך אַליין איבער אויף העברעאיש. ניין, ס׳איז נישט קיין דרך. פֿאַרװאָס שרײַבט איר נישט ייִדיש? סע שטייט אײַך, אָן אײדעם פֿון די פּריװעסעס, נישט אָן די שפּראַך פֿון די שנײַדער־יונגען?

איך האָב אים געענטפֿערט אַז איך שרײַב אויך ייִדיש, נאָר איך האָב אים געבראַנגט אַ גרעסערע זאַך.

— ניין, ניין, ברענגט מיר אײַערע ייִדישן זאַכן, — האָט ער גע־

זאָגט און מיר צוריק דערלאַנגט דעם דיקן מאַנוסקריפּט. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דאַן האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— כ׳וועל אײַך אומישנע איבערלייענען מײַנס אַ זאַך וואָס כ׳האָב ערשט הײַנט אָנגעשריבן.

פּרץ האָט גענומען פֿון טיש אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט קלײנע דריבניטשקע אותיותלעך. ער האָט זיך צו־גערוקט צום טיש. די גראָלעכע קורץ־געשניטענע האָר אויף זײַן קאָפּ האָבן אויסגעקוקט שטײַפֿער און האַרטער צו ווערן. זײַנע ליכטיקע אויגן האָבן זיך אָנגענומען מיט אַ פֿײַכטן יוגנטלעכן גלאַנץ. ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען.

עס איז געווען אַ פּאָעמאַטיש ליד אין פּראָזע „קין און הבל”. הײַנט האַלט איך עס נישט פֿון פּרצעס בעסטע זאַכן. דעמאָלט האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דאָס איז דאָס גרעסטע גײַסטיקע איבערלעבעניש פֿון מײַן לעבן. איך בין געווען דערשיטערט פֿון באַגײַסטערונג און ערפֿורכט. פּרץ האָט געהאָט אַ קול וואָס קיין ענלעכעס צו דעם האָב איך נאָך ביז הײַנט צו טאָג נישט געהערט. עס איז געווען שאַליק און צאַרט צוזאַמען. מעטאַלן ווי גאָלד און זיס ווי דער אײדלסטער האָניק. אויף דעם דאָזיקן קול האָט פּרץ באַוויזן מיט מײַסטערשאַפֿט אויסצושפּילן זײַנע געפֿילן און זײַנע אינערלעכע ברויזענישן. זײַנע בענקשאַפֿטן און זײַן אומגעשטילטן טעמ־פּעראַמענט. עס האָט געקאָנט מאַנען ווי אַ דערצאַרנטער לייב און זײַן גוט ווי די שטילסטע טויב. נישט בחינם איז פּרץ געווען אַזאַ זעלטענער אימפּראָוויזאַטאָר און געקאָנט מיט זיך מיטרײַסן דעם גרעסטן עולם.

ווען פּרץ האָט געלייענט האָט זיך געעפֿנט אַ זײַטנטיר. אַ קאָפּ פֿון אַ יונגנמאַן, וואָס האָט געכאַפּט אַן אָנבליק פֿון פּרצן האָט שטרענג אַרײַנ־געקוקט דורך דער טיר־שפּאַלט. ער האָט אָנגעקוקט די פֿרעמדע מענטשן. איבערהויפּט האָט ער געקוקט אויף מיר, דעם חסידישן יונגנמאַן אין דער לאַנגער קאַפּאָטע און מיטן בערדל.

ער האָט באַלד האַסטיק צוגעמאַכט די טיר.

ס׳איז געווען פּרצעס אײנציקער זון, לוציאַן.

ווען פּרץ האָט אויפֿגעהערט צו לייענען, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט פֿון דער שטול. מיר האָבן זיך אויך אויפֿגעשטעלט.

ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט אויף צו געזעגענען.

— ברענגט אייערע זאַכן אויף יידיש, — האָט ער געזאָגט, — וועלן מיר זען.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט פרצעס דירה האָט זיך מיר געדרייט אין קאָפּ. די עטלעכעביימער אויפן הויף האָבן מיר אויסגעקוקט צו גרינען היימישער.

צומאָרגנס האָט מיך דער פעטער יאָסל אַוועקגעפירט ווייט ערגעץ אין די אויזאַזדאָווער אַלייען וואו מען זעט נישט קיין יידן אין לאַנגע קאַ־פּאָטעס. אין גרויסן בסוד האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ „קינאָ״.

## קאַפּיטל דריי און פערציק

מאיר דוד. אַ ווייבל ווי אַלע ווייבלעך. מאיר דוד לאָזט אַרויס זיינע פּאָר רובל אויף די וואַרשעווער וואַסערן. ר׳ ישעיה פריוועסעס איייניקל טאָר נישט זיין קיין אָרעמאַן. אין די קופּער־פאַבריקן פון די פריוועסעס. אַשין שפּייזט וואַרשע. אלעזר פריוועס קומט אָן צו פאָרן און אַלצדינג גייט אויף רעדלעך. בלימ־טשע מאַכט אויפנאַמעס. טינטפּולווער דער בוכהאַל־טער. מאיר דוד פרעגט מיך צי איך האָב שוין אַמאָל געזען לייבן און לעמפּערטן. איך בייס איין אין דער ווענדקע. אין וואַרשעווער צירק. עס קומען רייטער־קעס אויף פערד. און איך מיט מאיר דודן פילן זיך ביטער. קלאָון־שפּיל. גוטמוטיקע עלעפאַנטן — חיות־רעות.

דער מאַן פון חנהלעס עלטסטע שוועסטער בלימטשע האָט געהייסן מאיר דוד. מען האָט אים געהאַלטן פאַר גאָר אַ ווילדן חסידישן בחור, וואָס האָט נישט געקוקט אויפן אייגענעם ווייב. ווי איך האָב שוין דער־ציילט איז בלימטשע געווען אַ זעלטענע שיינקייט. מאיר דוד האָט נישט געהאַט די מינדסטע השגה וואָס עס הייסט אַ שיינע פרוי און ער האָט בלימטשען פאַרוואָרלאָזט, נישט חס ושלום אויף קיין אַנדערע ווייבער, נאָר אויף חסידישע סעודהלעך און אויף אַ חסידיש קערטל. ווען בלימטשע איז געגאַנגען אויף די וואַרשעווער גאַסן האָבן די גרעסטע מבינים איר נאָכגעקוקט. מאיר דוד האָט דערפון געוואוסט ווי פון דעם פאַראַיאָריקן שניי. ער האָט עפעס געהערט ווי מענטשן זאָגן אַז בלימטשע איז אַ שיין ווייבל. מאיר דוד האָט זי אַמאָל אויף אַ טשעקאַוועסט שאַרף אָנגעקוקט. ער האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן און האָט בשום אופן נישט געקאָנט משיג זיין מיט וואָס בלימטשע איז שענער פון אַנדערע ווייבלעך. אַ ווייבל ווי אַלע ווייבלעך.

פונקט ווי בלימטשע איז געווען אַ שיינקייט אַזוי איז מאיר דוד געווען אַ זעלטן מיאוסער מאַנסביל. ער האָט געהאַט אַ גרויס ברוינלעך פנים, אויף וועלכן עס האָט זיך צעלייגט אַ גרויסע און לאַנגע נאָז, אַ נאָז וואָס האָט דווקא זיך געשטופּט אויף די ליפּן אַרויף. דאָס בערדל האָט אים נישט געוואָלט וואַקסן בשפע. מיט גרויס קאַרגשאַפט האָט זיך עס אים קוים אָנגעזעצן אויף עטלעכע שטעלן פון די ברייטע ברוינע באַקן און אַ ביסל אויפן האַלדז. דאָס קאַרגשאַפט פונעם בערדל האָט אים נאָך מיאוסער געמאַכט און איבערגעלאָזט די גאַנצע ממשלה אויפן פנים פאַר דער נאָז.

דאָס העסלעכסטע זיינען געווען ביי אים די הענט. דיקע, אומגעלומ־פּערטע, פולע און רויטע הענט מיט היפשלעך אויסגעקרימטע פינגער. הענט, וואָס האָבן אין זיך געהאַט פון פאַרצוקנדיקע חיהשע לאַפּעס. ווען איך האָב געקוקט אויף מאיר דודס הענט, האָב איך מיך קיינמאָל נישט גע־קאָנט באַפרייען פון דער פאַרשטעלונג ווי אַזוי דער ווייסער איידעלער קערפּער פון בלימטשען קוקט אויס צווישן די דאָזיקע הענט. און עס האָט מיך דערמאָנט אָן דעם בילד ווי אַ ווילדער און אַלטער וואַלד־סאַטיר שפּילט זיך מיט אַן איידעלע גריכישע נימפע.

אַחוץ זיינע הענט און זיין נאָז, האָט מאיר דוד חלילה אין זיך נישט געהאַט דאָס מינדסטע פון אַ וואַלד־סאַטיר. פאַרקערט: ער איז געווען אַ פּשוטער גוטמוטיקער מענטש. אַ געמיש פון אַ האַלבן חכם און אַ האַלבן נאַר. וואָס עלטער ער איז געוואָרן איז די חכמה ביי אים אויסגערונען און דאָס נאַרישקייט האָט צוגענומען. וועגן דעם שפּעטער.

אין דער צייט פון וועלכער איך דערצייל איצט, אַ סך יאָרן פאַר מיין חתונה, איז מאיר דוד נאָך געווען אַ שאַרפער גערער חסיד און האָלט געהאַט די טויז רויט. אין וואַרשע איז דאַן געווען אַ מאָדע אַז גבירישע יונגעלייטלעך, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַראָפּגעגאַנגען פון די קעסט, האָבן זיי געקויפט הייזער אָדער אָוועקגעגעבן זייערע נדנים אויף הלוואות און גענומען פּראָצענטער. מאיר דוד האָט זיך געלאָזט אויף אַ לייכטערן ביסן און אַרויסגעלאָזט זיינע פאַר רובל אויף די וואַרשעווער וואַסערן. ער האָט זיך מיטן נדן נישט לאַנג געשפּילט. פּיפּיקע וואַרשעווער יידן האָבן אים אַנגעזעצט די הלוואות. איידער מאיר דוד האָט זיך אומגעקוקט איז ער געבליבן מיט בלימטשען און מיט די קינדער אָן אַ גראָשן געלט.

ר׳ ישעיה פּריוועסעס אַז אייניקל קאָן דאָך אָבער נישט זיין קיין אָרעמאַן, — האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן פאַר מאיר דודן אַ פּרנסה. ער האָט געוואָלט ווערן אַ „מענטש" אין דער גרויסער אייזנקראָם און אויך אַריינשטעקן אַ פינגער אין דער פעטער שיסל באַגלייך מיט אַלע פּריי־וועסעס. די פעטערס האָבן שוין קיינעם מער נישט געוואָלט צולאָזן. גענוג פּריוועסעס אין דער אייזנקראָם. נאָך גרויס מי און מאַטערניש איז ענד־לעך געגראָטן אַז מאיר דוד מיט בלימטשען און די קינדער זאָלן זיך אַוועקציען אין דאָרף אַשין. מאיר דוד האָט דאָרט באַקומען אַ שטעלע אין די קופּער־פאַבריקן פון די פּריוועסעס.

אין דער אייזנקראָם אויפן גזשיבאָוו איז אַברהם פּריוועס געווען דער דעצידירנדיקער מושל. אָבער איבער די קופּער־פּאַבריקן אין אָשין האָט געהערשט אלעזר פּריוועס. געהערשט מיט דער גאַנצער מאַכט. די אייזנ־קראָם אויפן גזשיבאָוו איז געווען דער אומאויסשעפּלעכער ברונעם וואָס האָט געשפּייזט די גאַנצע משפּחה אין כבוד און אין שפע. די אָשינער קופּער־פּאַבריקן זיינען געווען אַ געשעפט פון גאָלע היזק. מען האָט צו זיי כסדר דערלייגט און דערלייגט. נישט געקוקט אויף דערויף, וואָס זיי האָבן זיך מיט דער גרעסטער האַפּערדיקייט צעלייגט איבער אַ פּויליש דאָרף און מען האָט פון ווערסטנווייט געזען ווי עס רויכערן זייערע קוי־מענס, — פונדעסטוועגן האָט די קראָם אויפן יידישן גזשיבאָוו אַלע מאָל געמוזט אָנזייגן די גויישע אָשינער פּאַבריקן ווי אַ טרייע יידישע אַם. אָבער מען האָט געהאַלטן די פּאַבריקן. געהאַלטן און דערלייגט די שווערע טויזנטער. קודם־כל האָט עס געטאָן אלעזר פּריוועס מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיינע אַמביציעס און זיין מאַכט־געפיל. הגם קינדער אין די וויגן האָבן געוואוסט אַז אברהם פּריוועס איז דער אייגנטלעכער פּירער פון די פּריוועסישע עשרותן, אָבער אלעזר איז פּאָרט געווען דער „ליבלינג" פון ר' ישעיהן און תּרבות בלייבט תּרבות. פאַר דער וועלט אינדרויסן און פאַרן גרויסן אָנזען פון די פּריוועסעס האָבן די אָשינער פּאַבריקן גע־שמעקט מיט רויטשילד און מיט רוסישע מאַגנאַטן. מען האָט געהאַט די־רעקטאָרן, פעלדער און קאַטשן. די וועלט האָט געברענט און אַלצדינג איז געגאַנגען אויף רעדלעך ווען אלעזר פּריוועס איז אַ קום־אָן געגעבן קיין אָשין. ער איז געקומען צופאָרן אויף אַ קאַטש נאָשפּיץ ווי אַרוסישער פּאַמיעשטשיק, די שיינע צעקעמטע באָרד איז געפלויגן אינעם ווינט און אַ גוי אין אַ ליווריי‏ע פון אַ לאַקיי האָט אים אויסגעטאָן דעם טייערן פעלץ אין ווינטער און דעם גראָען זיידענעם שטויב־מאַנטל—זומער. זומערלעב איז צירעלע מיט די טעכטער געזעסן אין אָשין אויף פרישע לופט. צירעלע האָט פונדאַסניי באַקומען די פולע געלעגנהייט אַלעמען צו ווייזן וואָס עס הייסט אַ צמח און אַ פּריצישע אַריסטאָקראַטקע.

אָט אין דעם אָשין אַריין האָט מען אָוועקגעזעצט מאיר דודן מיט בלימטשען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן: סיי אלעזר פּריוועס און סיי צי־רעלע זיינען צופרידן געווען פון דעם גליקלעכן איינפאַל. וואָס צירעלע זאָל נישט האָבן געטראַכט אין האַרצן — פּאָרט איז די שענע עלעגאַנטע

בלימטשע געווען אַן אוצר פאַר דעם פּריצישן מלכות אין אַשין. נאָך אַשין פלעגן קומען צופאָרן די גרעסטע אינדוסטריעלער פון פּוילן און אַפילו רייכע קופער־פאַבריקאַנטן און סוחרים פון פּעטערבורג און מאָסקווע. בלימטשע פלעגט זיי מאַכן דעם האָנאָר און די מאַגנאַטישע אויפנאַמעס. זי האָט אימפּאָנירט מיט איר שיינקייט, מיט אירע מאַניערן און מיט דעם גאַנצן חן פון אַ גרויס־שטאָטישער דאַמע. זי האָט געוויזן וואָס עס הייסט פּריוועס. מער האָט אלעזר נישט באַדאַרפט. מאיר דוד גופא האָט זיך אויך אָנגעהויבן אויסצומענטשלען אין אַשין. אויב אין וואַרשע איז בלימטשע באַשטאַנען דערויף אַז מאיר דוד זאָל בלייבן אַ ווילדער חסיד, האָט זי דאָ, אין אַשין, געזען אַז ער זאָל זיך לערנען פּויליש. זי האָט פאַר־ריכט זיינע פּוילישע שפּראַך־גרייזן און אים געלערנט מאַניערן. מאיר דודן האָט עס געוואָלדיק אָנגעהויבן צו אימפּאָנירן ווען ער האָט געזען ווי פאַמעלעכל, פאַמעלעכל, פאַלן פון אים אַראָפּ די בטלניש־חסידישע שאָ־לעכצן און די אויגן טוען זיך אים אויף. אויב מענטשן זאָגן אַז בלימטשע איז אַ שיין ווייבל מן־הסתם איז עס אמת. הגם ער אַליין, מאיר דוד, זעט פאָרט נישט קיין חילוק צווישן איר און אַנדערע ווייבלעך. נאָר גאַרנישט. אומצוגיין זיך מיט גרויסע לײַט קאָן זי באַגלייך מיט צירעלע פּריוועס. דערצו פאַרריכט זי די פּוילישע שפּראַך־גרייזן, וואָס רייסן זיך אים, מעשה־שטן, אַרויס פון מויל פּונקט אַקוראַט ווען ער רעדט מיט גויים.

ווען פון מאָל צו מאָל איז מאיר דוד געקומען צופאָרן קיין וואַרשע צוליב געשעפטלעכע ענינים, האָבן אַלע באַשיימפערלעך געזען ווי ער וויקלט זיך אַרויס פון דער חסידישער קאַפּאָטע ווי אַ ציבעלע פון אירע שאָלעכצן. דווקא האָט ער האָלט געהאַט צו פאַרברענגען מיט דעם איינ־ציקן קורץ־געקליידעטן בוכהאַלטער ביי די פּריוועסעס, און נאָר געוואָלט רעדן מיט אים פּויליש — איין דערביי געדעדט זייער פאָרזיכטיק כדי זיך אַליין צו קאָנטראָלירן די גרייזן. מען האָט געזען ווי מאיר דוד ווערט פאַמעלעכל אַן אַנדערער מענטש. דער שווער משהל פּריוועס האָט אַ מאַך געטאָן אויף אים מיט דער האַנט.

אַפילו צירעלע פּריוועס האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו מאיר דודן בעת ער פלעגט אַריינקומען צו אלעזרן אָפּצוגעבן רעלאַציע פון אַשינער מסחר. זי האָט אים — ווי ווילנדיק זיך אַראָפּלאָזן צו אים — געפרעגט אויף בלימטשען, געדעדט מיט אים פּויליש, און ווען מאיר דוד האָט גע־

מאַכט אַ גרייז האָט זי זיך לייכט אויסגעשמייכלט און אינערלעך געקוואַלן פון שאַדנפרייד.

ווען ס'איז דערגאַנגען צו מאיר דודן קיין אָשין אַז איך שרייב לשון־קודשדיקע מאמרים אין „הקול", האָט עס אים תחילת אימפּאָנירט. עס האָט אים אימפּאָנירט נישט דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט די מינדסטע באַציאונג צו ליטעראַרישע אַרבעט. ער האָט געוואוסט, אַז שרייבן אין אַ „צייטונג" איז אויך אַן ענין פון היינטוועלטיקייט. אין משהל פּריוועסעס שטוב האָט ער צווישן זיינע שוואָגערס געוואָלט האָבן אַן אייגענעם מענטש.

געזען האָב איך אים, מאיר דודן, זעלטן. ער פלעגט נאָר קומען אַלס גאַסט. ער האָט זיך וואָס אַמאָל מער אָפּגעוואוינט צו זיצן אין דער שטרענג־פרומער שטוב פון אונזער שווער משהל פּריוועס, און האָט כסדר געזוכט געשעפּטלעכע תירוצים כדי צו פאַרברענגען מיטן קורץ־געקליידטן בוכהאַלטער פון די פּריוועסעס. איך קאָן מיך נישט דערמאָנען אויף וואָסער אופן מאיר דוד האָט עס געמאַכט, נאָר ער האָט מיך אַמאָל כלומרשט בסוד אַוועקגערופן אין אַ זייט און געפרעגט צי איך האָב אין מיין לעבן שוין אַמאָל געהאַט געזען לייבן און לעמפּערטן און אַנדערע חיות רעות.

עס איז געווען נישט לאַנג נאָכדעם ווי איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען ביי פּרצן. איך האָב מיך אויפן אָרט געכאַפּט אַז מאיר דוד וויל מיך דאָ פאַרפירן ערגעץ אויף אַ טריפה אָרט. איך האָב מיך געמאַכט תמעוואַטע, כלומרשט פאַרשטיי איך נישט זיינע באַהאַלטענע כוונות, — און האָב מיט גרויס נאַאיוויטעט צוגעגעבן אַז פון וואַנען, ווי קום איך, אַ פּוילישער ייִד, צו לייבן און לעמפּערטן.

מאיר דוד האָט געזען ווי איך בייס מיט לעמעשקעוואַטע תמימות איין אין דער ווענדקע און ער האָט מיר גאַנץ פאַרזיכטיק געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך שטאַרק אויסהיטן, און אַפילו חנהלען נישט דערציילן, וועט ער מיך היינט אויפדערנאַכט מיטנעמען און אין סאַמע וואַרשע מיר ווייזן אַלערליי ווילדע חיות.

איך האָב מיך גערן געלאָזט אויף דעם פאַרפירערישן געהיימעניש און כסדר מיך געשטעלט תמעוואַטע. אויפדערנאַכט האָט מיך מאיר דוד אין גרויסן בסוד אַרויסגענומען אויף דער גאַס.

אויף דער גאַס האָט אונז אָפּגעוואַרט דער קורץ־געקליידעטער בוכ־האַלטער (ער האָט געהייסן טינטפּולווער). מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען אויף עטלעכע גאַסן ווייטער און דאָרט זיך אַלע דריי צוזאַמען אַריינגע־זעצט אין אַ דראָזשקע.

כדי זיך נישט צו פאַרראַטן און מאיר דודן נישט אָפּצושרעקן, האָב איך כסדר געשפּילט די ראָל פון דעם נעבעכל וואָס ווייסט נישט ווער עס האָט אים געשלייערט. די דראָזשקע איז מיט אונז אַוועקגעפאָרן אויף די גוישע גאַסן צו דער ווייסל צו. וואוהין מיר פאָרן האָב איך נישט געוואוסט. מיר זיינען לאַנג געפאָרן און ענדלעך דערלאַנגט אין אַ שמאָלע גוישע זייטן־גאַס, אַ טונקעלע און אַ שוואַך־באַלויכטענע. אונזער דראָזש־קע איז שטיין געבליבן פאַר אַ גרויסן קיילעכדיקן בנין.

עס איז געווען דער וואַרשעווער צירק.

איך האָב אויף אַן אמת נישט געוואוסט וואוהין מאיר דוד האָט מיך פאַרפירט און צו וואָסערע חיות רעות. אין דער רונדיקייט פון בנין האָב איך געזען אַ סך טירן אין וועלכע עס האָט אַריינגעשטראָמט ס׳רוב אַ גוישער עולם.

איך האָב מיך נישט געפרעגט. דער קורץ־געקליידעטער בוכהאַלטער איז געגאַנגען דער ערשטער און אונז אַריינגעפירט דורך איינער פון די טירן.

טינטפּולווער דער בוכהאַלטער האָט זיך געשטעלט אין דער לאַנ־גער שורה פאַר דער קאַסע. איך מיט מאיר דודן האָבן געוואַרט אין אַ ווינקל. מיר זיינען געשטאַנען שווייגנדיקע אינמיטן דעם גוישן געטומל און זיך נישט דערדרייסט איינער אויפן אַנדערן צו קוקן. ביידע האָבן מיר מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט די בליקן. מיר זיינען ביידע מן־הסתם גע־שטאַנען אין גרויס האַרץ־קלאַפּעניש צי האָבן מיר חלילה נישט אַמאָל איבערגעריסן דאָס שטריקל — טאָמער זעט אונז דאָ עמעצער און דער־ציילט עס אין דער היים. דעם סקאַנדאַל אין זיין פינצטערקייט זיינען מיר זיך אַליין נישט בכוח געווען פאַרצושטעלן. אינצווישן איז אָנגעקומען דער בוכהאַלטער און אונז אַריינגעפירט אינעווייניק אין די קאָרידאָרן.

וואו איך בין האָב איך אַלץ נישט געוואוסט. איך האָב בלויז געהערט אַ שאַרף שמעטערן פון בלעך־מוזיק וואָס האָט געהילכט ערגעץ פון אויבן איבער אונזערע קעפּ. מיין נאָז האָט געשמעקט דעם שאַרפן ריח פון

שטאָל און בהמישקייט. מיר מוזן פאָרט דאָ זיין צווישן חיות — האָב איך געטראַכט — אָבער וואָס טויג דאָ די מוזיק? דער בוכהאַלטער האָט אונז געפירט איבער טרעפּ. ענדלעך זיינען מיר אַריינגעקומען אין דעם גרויסן אַמפיטעאַטראַלישן זאַל פון וואַרשעווער צירק.

דער גרויסער אַמפיטעאַטראַלישער חלל איז געווען פאַרגאָסן מיט ליכט. ערגעץ אויף אַן אויבערשטן באַלקאָן האָט שאַרף און רעשיק גע־שפּילט אַן אָרקעסטער. עס האָט אויסגעקוקט ווי דער רוים איז פול מיט ליכט און מיטן שאַרפן געשאַל פון טראָמפּייטן. איך האָב מיך באַמיט נישט צו קוקן אויף מאיר דודן. די גאַלעריעס האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצופילן מיט מענטשן. דער זאַל האָט געזשומעט פון מענטשלעכע קולות ווי אַ צערוישטער וואַלד.

מיטאַמאָל איז דאָס געזשומעריי שטילער געוואָרן. די מוזיק האָט הילכיקער און רעשיקער אָנגעהויבן צו שפּילן גלייך ווי זי וואָלט מ׳ט איר טראָמפּייטן־געשאַל עמעצן געוואָלט אַרויסרופן. איך האָב מיך אַ צו־שראָ־קענער אומגעקוקט און אַראָפּגעקוקט אונטן. עפּעס אַ קליין און דיק קאַרליקל אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן פראַק, אין אַ צילינדער, אין ווייסע הענטשקע׳ס און מיט אַ לאַנגער בייטש אין דער האַנט, איז אַריבערגעשפּרונגען איבעו׳ דער צירק־ראַמפּע. צווישן עולם איז געוואָרן אַ געלעכטער ווען דער דאָזיקער קאָמישער קאַרליק האָט געפּאַטשט און געקנאַלט אין דער לופטן מיט דער לאַנגער בייטש ווי ער וואָלט כלומרשט עמעצן געיאָגט. באַלד איז שטיל געוואָרן. אַן עלעגאַנט ווייס פערד, איידל און שלאַנק ווי אַ גרויסער פויגל, איז אַרויסגעקומען פון די צירק־קוליסן. דאָס פערד איז געווען געפירט פון אַ בלאָנדער רייטערקע. די רייטערקע איז אינגאַנצן געגאַנגען אָנגעטאָן אין טריקאָטן ווי זי וואָלט געווען נאַקעט, בלויז אויף די בלאָנדע האָר איז איר געזעסן אַ קליין פאַרשייט היטעלע מיט אַ גרויסער פעדער.

מאיר דוד האָט געטאָן אַ הוסט פון גרויס צעמישטקייט, און איך האָב געפילט ווי דאָס בלוט איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט פון טריקאָטן און איך בין זיכער געווען אַז מיטן פערד איז פשוט אַרויסגעקומען אַ נאַקעטע שיקסע. צו אַזאַ פלוצעמ־דיקן שאָק אין מיינע טראַדיציעס און אין מיין חסידישער דערציאונג בין איך גאָרנישט געוואוינט געווען. אַלע חסידישע שעמעוודיקייטן און הע־מונגען זיינען מיר אַרויפגעשוואומען אינעם געמיט. וואָס הייסט, כ׳בין

געגאַנגען זען נאַקעטע פּרויען? איך האָב פאַר מיר געזען מיין פאָטער, דעם זיידן ר׳ משהל, דעם אַלעקסאַנדערער רבין און די אַלעקסאַנדערער חסידים. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט: אַ תהום האָט זיך אַוועקגעלייגט צווישן מיר און מיין דערציאונג און אַז אויפן שטערן שרייבט מיר אַן אומזעבאַרע האַנט ;אַן אַ גרויסן קין־צייכן וועלכע אַלע וועלן דערקענען און אַלע וועלן לייענען. ווען די רייטערקע האָט פּלוצעם געטאָן אַ חוצפה־דיקן שיקסעשן קוויטש, האָט זיך געטאָן אַ כאַפּ־אַרויף אויפן לויפנדיקן פערד, אַנגעהויבן צו טאַנצן אויפן זאָטל, און צו אַלעמען געהויבן אירע שלאַנקע פיס, — האָב איך לחלוטין געמיינט אַז אַלע זינדהאַפטיקייטן פּאַטשן מיר אין פּנים אַריין און איך האָב מיך דערמאָנט ווי איך זיץ ביי דער גמרא און לערן ביי ר׳ מרדכי וואָלאשטשאָווער.

מאיר דוד האָט געשוויגן ווי די וואַנט. אים איז מן־הסתם אויך געווען ביטער אויפן האַרצן. ער איז בכלל געווען ווייניק עראָטיש. אַ נאַקעטע שיקסע, דערצו אַ רייטנדיקע אויף אַ פערד, איז ביי אים געווען די אמתע קליאַטשע. אָבער ער האָט אויך געוואוסט, אַז הגם ער וואוינט אין אָשין און רעדט פּויליש מיט וואָס אַמאָל ווייניקער גרייזן, — פונדעסטוועגן איז ער פאַרט ר׳ חיים ליפּשיצעס אַ זון און משהל פּריוועסעס אַן איידעם. וואָס הייסט קומען — מיר נישט, דיר נישט — קוקן אויף נאַקעטע חצופות? ער האָט נאָך אַמאָל געטאָן אַ הוסטל. ער איז געווען צו ווייניק פּסיכאָלאָג כדי צו וויסן אַז מיט מיר קאָן ער זיין אַבסאָלוט זיכער, מחמת אין מיר איז דער פּחד און די מורא אויף אַ האָר נישט קלענער ווי ביי אים. אפשר האָט ער געטראַכט, אַז איך וועל אַלצדינג דערציילן אין דער היים ביים שווער און אים פאַרשיטן. ער האָט זיך אָנגענומען מוט און זיך צו מיר אויסגעדרייט און מיר אַ זאָג געטאָן אין אויער אַריין:

— וואוהין האָט אונז דער שלימזלדיקער טינטפּולווער פאַרשלעפּט? נו מילא, ער וועט שוין פון מיר כאַפּן דעם פּסק. מן־הסתם וועלן מיר באַלד איבערקומען דאָס דאַזיקע אַנשיקעניש מיט דער נקבה און עס וועלן זיך באַווייזן די חיות רעות.

די חיות רעות האָבן זיך דערווייל נישט באַוויזן. נאָך מער פערד און רייטערקעס זיינען אַרויפגעקומען אויף דער צירק־סצענע. עס האָט געשעמערירט פאַר די אויגן פון דעם שוועבן פון פערד און פון דעם פלינקן געטאַנץ פון אַנטבלויזטע רייטערקעס אויף די פערד־רוקנס.

מיר האָבן זיך ערשט אַ ביסל באַרואיקט ווען די ווייבער זיינען אַראָפּ פון דער סצענע און ס׳האָבן זיך באַוויזן אַלערליי זשאָנגלערן וואָס האָבן זיך געבראָכן, געקראָכן אויף שטריק און געמאַכט כלערליי האַלדז־ברעכערישע קונצן. מאיר דוד האָט ענדלעך אָנגעהויבן צו מיר צו רעדן און געזאָגט, אַז הגם מיר זיינען געקומען בלויז זען ווילדע חיות פונדעסטוועגן איז טשעקאַווע צו קוקן אויף אָט־אָ די מיתה־משונהדיקע שפּרינגערייען. וואָס מענטשן מוזן אַלץ טאָן צוליב פּרנסה, האָט ער צוגעגעבן מיט פילאָזאָפישער איראָניע. מיר האָבן זיך באַמיט צו פאַרגעסן די אומאָנגענעמע סצענע מיט די נאַקעטע ווייבער.

ערשט ווען עס האָבן זיך באַוויזן די קלאָונס אויף דער צירק־סצענע בין איך פאַמעלעך אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם שפּיל. עס האָט מיך אָנגעהויבן צו דערשיטערן וואָס מער איך האָב אָנגעהויבן צו באַנעמען דאָס שפּיל צווישן די קלאָונס. ס׳איז איינציקוויז געוואָרן פאַר מיר אַן אייבערלעבעניש וואָס כ׳קאָן נאָך ביז היינט נישט פאַרגעסן. די קלאָונס — גראָטעסק אָנגעטוענע און גראָטעסק אָפּגעפּאַרבטע מענטשן — האָבן אין זייער לעבעדיקייט נאָכקאָפּירט די גאַנצע אָרעמע אומבאַהאָלפנקייט פון מאַנעקינען. ווי איך געדענק האָבן זיי אויפגעפירט עפּעס אַזוינס ווי אַ פעכטער־קאַמף. די מכלומרשט נאַרישוואַטע און אומגעלומפּערטע באַוועגונגען פון די קלאָונישע פעכטער, זייערע שלימזלדיקע און קאָמישע געשלעגן, די גאַנצע אוממעכטיק־טרויעריקע גבורה וועלכע די דאָזיקע אומגליקלעכע העלדן האָבן באַוויזן איינער איבערן אַנדערן — עס האָט אין דערין געשטעקט אַ־ראַנישע חכמה און ביטערער אָפּשפּעט פון אַלע העלדישקייטן און דערגרייכונגען. הגם איך בין נאָך דעמאָלט געווען יונג און פול מיט חלומות און פאַרמעסטן, פונדעסטוועגן האָט עס מיר שטאַרק געטראָפן אין געמיט אַריין. אין מיינע אַלע אַנונגען בין איך דערציטערט געוואָרן פון אָט דעם קלאָונישן קהלת וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר מיינע בליקן נאָך דעם שוועבנדיקן געלאַף פון די פערד און דעם קונציקפאַרשייטן רייטן פון די רייטערקעס.

צום סוף פון דער פאַרשטעלונג האָבן זיך באַוויזן עטלעכע גוטמוטיקע העלפאַנטן. מאיר דוד האָט אַ דערלייכטערטער אויפגעזיפצט. ער האָט זיך צו מיר געוואָנדן גאָר אַ האָפערדיקער און מיט אַ העכער און פרייער קול:

— עס איז באמת טשעקאַווע געווען אַ קוק צו טאָן אויף די חיות רעות, — און ער האָט מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט צוגעגעבן אַז איך זאָל למען־השם געדענקען צו היטן די צונג און זיך פאַר קיינעם נישט אַרויס־כאַפּן וואו מיר האָבן פאַרברענגט דעם היינטיקן אָוונט.



ר׳ יהושיעלע קוטנער



די באָבע חיה



לינקס: די מוטער פון י. י. טרונק; רעכטס: איר פריינדין
פעסל ריינגאָלד.



חנה טרונק



פון רעכטס צו לינקס: יאָסל וואָידיסלאַווסקי, יצחק מענדעלסאָן (אַ געשוויסטערקינד פון שלמה מענדעלסאָן, ביידע זיינען געווען אייניקלעך פון ר׳ מאיר מענדעלסאָן), אַן אייניקל פון יעקב וואָידיסלאַווסקי



הערשל רובין



רעכטס: חיים וואָדניק, לינקס: דער טויבער יאַנעק



י. י. טרונק